זלה״ה, און אָנפאַנגענדיג פון היינט, זאָגען יעדען טאָג ניט פאַרפעהלט, די מצות פון פועל צדק ווי זיי זיינען איינגעטיילט געוואָרען פון ש״ך זלה״ה אויף זיבען טייל, ווייזענדיג רערמיט דעם רבונו של עולם, דאָס מיר דערנעהנטערין זיך צו איהם, און לאָמיר דערווייל אויפשטעלען דעם בית המקדש, און ברייגגען קרבנות, נור דורך אונזער זאָגען די דינים דערפון, און אין דעם זכות וואָס מיר וועלען זאָגען די מצות פון פועל צדק וועט השם יתברך זיך דערבאַרימען, און שיקען צו אונז דעם גואל צדק, וועלכער וועט אונז אויסלייזען מיט דער רעכטער גאולה שלימה במהרה בימינו, און מיר וועלען זוכה זיין צו האָבען דעב בית המקדש, און ברייגגען קרבנות, ניט נור דורך זאָגען מיט דעם מויל, ווי מיר טוהען יעצט ונשלמה פרים שפתינו, נור מיר וועלען דאָס אַלעס האָבען בפועל ממש, ווי דוד המלך ע״ה זאָגט אָז יעלו על מזבחך פרים, אמן ואמן.

דוד המלך עליו השלום זאָגט אין ספר תהלים קאַפיטאל קי״ט פסוק קס״ב: שש אנכי על אמרתך כמוצא שלל רב, דאָס מיינט איך פריי מיך אויף דיין זאָג, וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט, גלייך ווי דער וואָס געפינט פול זאַק רויב, שטעלט זיך די פראַגע: צו דען איז ניט פאַראַן אין דער וועלט קיין אנדערע גרעסערע פרייד פון געפינען זאַקרויב? אַבער לויט ווי מיר האָבען שוין פריער ערקלערט די וויכטיגקייט פון זאָגען יעדען טאָג אין פועל צדק די מצות מיט די פסוקים, קאָנען מיר לייכט פארשטעהן, די מיינונג פון דעם פסוק, שטעלט אייך פאָר, ווען אַ איד קומט נאָך 120 יאָר פאַר בית דין של מעלה, האָבען מיר דאָך אייך שוין באוויזען, פון דער גמרא קידושין אויך פון תוספות דאָרט, דאָס צום אַלעם ערשטען, ווערט ער נור באַשטראָפט דערפאר, וואָס ער האָט ניט געהאט יעדען טאָג, אַן אויסגעזעצטע צייט צו לערנען תורה, היינט ווער קאָן דאָס געבען אַ גענוגענדען ענטפער אויף די דאָזיגע פראַגע? מאַנכע האָבען קיינמאָל ניט געוואוסט פון לערנען, און די וועלכע האָבען יאַ געקענט לערנען, זיינען געווען געשטערט פון לערנען דורך אומשטענדען, היינט וואָזשע טהוט מען? מען בלייבט אין אַ גרויסער פאַרלעגענהייט, אָבער אין זיין גרעסטער פאַרצווייפעלטער לאַגע דערמאָנט ער זיך שאַ! איך האָב דאָך יעדען טאָג געזאָגט, אין פועל צדק די מצות מיט די פסוקים, לויט ווי ס׳האָט איינגעטיילט דער גאון בעל הש״ך ז״ל, אויף דעם איז דאָך פאַראַן פיעל צוזאָגען פון השי״ת, דאָס דער זאָגען וועט זיין אָנגענומען פאַר השי״ת, גלייך ווי מיר וואָלטען לערנען טאָג און נאַכט, אויך גלייך ווי מיר וואָלטען מקיים זיין אלע מצות התורה, באַלד לייגט ער פאַר זיינע טענות פאַר בית דין של מעלה, און מיט גרויס כבוד ווערט ער באַפרייט, זיין יעצטיגע שמחה האָט קיין שיעור ניט, און די פרייד זיינע קאָן מען פאַרגלייכען, ניט מיט קיין אנדערע ווי נור מיט דעם וועלכער געפינט זאַקרויב, ער האָט דאַרויף גאָרניט געארבייט, ניט געזאָרגט, ניט באַמיהט זיך, און ניט געריכט זיך דערויף, עס איז איהם אָנגעקומען פלוצלונג, און איהם אזוי גרויס באגליקט, די זעלבע פרייד האָט דער איד נאָך 120 יאָר, ער האָט ניט שווער געארבייט, בלויז געציילטע עטליכע מינוטען אַ טאָג געזאָגט די מצות, און ער קריגט יעצט גאַנץ אונגעדיכטערהייט גאַנצע וועלטען מיט באַלוינונג. דאַרום ליבע אידען! מיר זיינען דאָך מאמינים בני מאמינים, מיר גלויבען דאָך אין די הייליגע חכמים ז״ל, און אין זייערע

דייד וועלכע זיינען אמת, מעגען מיר זיי פאָלגען, לאָמיר פון היינט און ווייטער אָפּהיטען זאָגען, יעדען טאָג די מצות מיט די פסוקים, ובזכות זה וועט השי״ת האָבען רחמנות, און שיקען דעם גואל צדק במהרה בימינו, אמן נצח סלה ועד.

חזק

בנל״כ ואע״י

## באמערקונג

ווי עס איז דאָ ערקלערט געוואָרען אז, אויב מען לערינט אָדער זאָגט די דינים פון מצות איז גליך ווי געטון, זאָל עס ניט ווערין פאַלש פערשטאַנען חלילה , אז מען ברויך שוין גאָר ניט מעהר צו טון קיינע מצות, נור עס וועט זיין גענוג בלויז צו זאָגען, דארום מוז עס ווערען קלאָר געמאַכט, אז עס מיינט נור די מצות וועלכע מ׳קען זיי ניט טוען, ווי די מצות פון קרבנות אָדער ארץ ישראל א. א. וו. אָבער די מצות וועלכע מ׳קען טוען מוז מען זיי טוען, און דאָך מוז מען זאָגען יעדען טאָג זיין טייל מצות ווייל קיין מענש קען ניט טוען אלע מצות.

## די באדייטונג פון עשה און לאו

אין דער תורה זיינען פאַראַן 613 מצות. די מצות זיינען איינגע־טיילט אין 2 טייל, איין טייל איז 365 לאווין. א לאו רופט מען יעדער זאַך וואָס די תורה זאָגט אַז מען זאָל עס ניט טאָן, למשל די תורה זאָגט אַז מען זאָל ניט עסען קיין חמץ גאַנץ פּסח, איז ווער עס עסט חמץ אין פּסח, באַגעהט ער א זינד (עבירה) געגען א לאו פון דער תורה, אין אזוי זיינען פּאַראַן אין דער תורה 365 פאַרשיידענע לאווין.

נאָך א טייל מצות זיינען פּאַראַן זיי רופט מען מצות עשה. זיי זיינען זאַכען, וועלכע די תורה זאָגט אונז אַז דאָס מיר מוזען די זאַכען טאָן, למשל די תורה זאָגט אונז אַן, דאָס יעדער איד מוז אין ערשטע נאַכט פּסח עסען, ניט ווייניגער פון א כזית מצה. אויב א איד עסט עס ניט, זינדיגט ער געגען דער מצות עשה. עס זיינען פּאַראַן אין דער תורה 248 פאַרשיידענע מצות עשה, צוזאַמען אלע מצות עשה און לאווין זיינען זיי 613, דאָס איז וואָס מיר זאָגען תרי״ג מצות, „ת״ איז 400, „ר״ איז 200, „י״ איז 10, „ג״ איז 3. ווען מען רעכינט אלעס צוזאַמען איז עס 613 מצות. יעדער איד מוז זיין גוט בעהאַוועגט מיט אלע מצות פון דער תורה, ווייל די תרי״ג מצות זיינען עס די גאַנצע תורה. ווער עס וויס און געדענקט אלע מצות, איז גליך ווי ער וואָלט קאָנען די גאַנצע הייליגע תורה אויף אויסווייניג.

## ווי אזוי צו געפינען א מצוה אין פאר המצות

יעדער פסוק (מצוה) האט אין זיין רעכטער זייט א נומער לויט א' ב' ווי איהר ווייסט, זיינען די מצות געטיילט אין עשה. און לאו. זעהט גאנץ אויבען איבער די נומערין, איז פאראן דער ווארט עשין, דאס מיינט אלע נומערין ביז ארונטער, וועלכע שטעהן אונטער דעם ווארט עשין, זיינען מצות עשה, דאס זעלבע איז מיט לאוין, ווען איהר ווילט נאכזעהן למשל אויב ס'שטעהט נומער יב. אונטער עשין, איז די מצוה, עשה יב. א מצוה אין דעם פאר המצות, דאן זעהט דעם נומער געבען דעם פסוק, דאן מישט אויף אין פאר המצות עשה יב. דאס זעלבע איז אויך מיט די לאוין.

ספר

# פאר המצות

עשה א. יעדער איד ווען ער ווערט אלט פולע זיבצען, אנפאנג אכצענטער יאהר און העכער, מוז ער הייראטען א פרוי לויט'ן אירישען דין, אום זיך צו פארמעהרען. בעסער איז ווען ער הייראט פריער, ווען ער איז צוואנציג יאהר אלט, און ער האט נאך ניט געהייראט ווערען זיינע ביינער פארשאלטען פון גאט. די מצוה ווערט איהם ניט גערעכענט, סיידען נאר ווען עד האט צוויי קינדער, א זכר און א נקבה, ווייל ס'איז געשריבען אין דער תורה, זכר ונקבה בראם, אויב ער האט געהאט א זוהן און א טאכטער און זיי זיינען געשטארבען איבערלאזענדיג קינדער, ווערט איהם די מצוה גערעכענט, ווייל אייניקלאך זיינען אזוי ווי זיינע קינדער, אבער די אייניקלאך מוזען אויך זיין א זכר און א נקבה, און זיי מוזען קומען פון ביידע קינדער. אויב איינע פון די קינדער האט טאקע געלאזט א זכר און א נקבה, און דער צווייטער קינד האט גאר קיינע קינדער געלאזט, ווערט די מצוה ניט גערעכענט. אויך אויב ער האט געהאט צוויי זיהן אדער צוויי טעכטער, איז די מצוה ניט גערעכענט. עס איז אויך א מצוה פון די חכמים, אז א מאן זאל ניט זיין אהן א ווייב, ער זאל ניט קומען צו שלעכטע געדאנקען, אויך א פרוי זאל ניט זיין אהן א מאן, זי זאל ניט ווערען בארעדט.

עשה ב. יעדער פאטער זאל לאזען מל זיין (אידישען) זיין נייגעבוירענעם זוהן ווען ער ווערט אלט אכט טאג, אויב דער פאטער טהוט עס ניט, דאן ווען דער קינד ווערט דערוואקסען, מוז ער זיך לאזען מל זיין, אויב ניט קומט איהם כרת, דאס מיינט, זיין נפש ווערט אויסגעשניטען פון אידישען פאלק. די מוטער איז ניט פארפליכטעט צו לאזען מל זיין איהר קינד, ווייל ס'איז געשריבען אין רער תורה, דאס גאט האט געבאטען אברהם'ן אבער ניט שרה'ן. מל זיין מוז מען נאר ביי טאג, בעסער איז אבער באלד אין דער פריה, ווי נאר די זון געהט אויף. ווען דער קינד ווערט געבוירען שפעט פארנאכט, ווען ס'איז אונמעגליך צו וויסען אויב ס'איז געווען טאג אדער נאכט, רעכענט זיך נאכט, איז מען מל לויט מארגען, דעם נייטען טאג. אויב ער ווערט געבוירען

פרייטאָג שפּעט פאַרנאַכט, קומט אויס דער ניינטער טאָג אין שבת, מוז מען מל זיין זונטאג דעם צענטען טאָג, ווייל שבת מעג מען נאָר דאן מל זיין, ווען סאיז געוויס דער אכטער טאָג, ניט קיין ספק. אויב זונטאג איז געווען יום טוב, איז מען מל דעם צוויטען טאָג יום טוב, דעם עלפטען טאָג. אויב ס'איז געווען ראש השנה, טאָר מען ביידע טעג ניט מל זיין קיין ספק, איז מען מל נאָך יום טוב דעם צוועלפטען טאָג.

לאו א. מ'טאָר ניט עסען פון די שפּרינג־אָדערען, וועלכע געפינען זיך אין דיקען פלייש, אין דער רעכטער און לינקער זייט פון הינטערשטען טייל.

עשה ג. בית דין זאָל אויסרעכענען די צייט ווען עס באַנייט זיך די לבנה. זיי זאָלען אויך גוט אויספרעגען די ערות, וועלכע קומען זאָגען דאָס זיי האָבען געזעהן די נייע לבנה, דאן זאָלען זיי באַשטימען וועלכער טאָג ס'איז ראש חודש, און לאָזען וויסען דעם גאַנצען פאָלק, אום זיי זאָלען וויסען ווען צו מאַכען יום טוב. אויך זאָל דער בית דין אויסרעכענען אויב דער יאָהר זאָל זיין (עבור) דרייצען חדשים. דאָס ערות זאָגען וועגען דער נייער לבנה, פלעגט מען אָננעמען פון וועלכען ס'איז אידען, אָבער ווען ס'זיינען אויפגעקומען אפּיקורסים, וועלכע האָבען געדונגען פאַלשע ערות צו נאַרען דעם בית דין, האָט מען איינגעפיהרט מ'זאָל נאָר אָננעמען אַלס ערות מענשען, וועלכע זיינען באַקאַנט צום בית דין. אויב דער בית דין קאָן זיי ניט, מוזען קומען צוויי ערות צו באַשטעטיגען די עהרליכקייט פון די וועלכע האָבען געזעהן די נייע לבנה. אַלע עהרליכע ערות וועלכע האָבען געזעהן די נייע לבנה קומען צום בית דין. מ'האָט אַלעמען אַריינגענומען און א גרויסען אָרט, וואו מ'האָט פאַר זיי געמאַכט גרויסע סעודות, כדי זיי זאָלען גערן קומען ערות זאָגען. די צוויי ערות וועלכע זיינען געווען די ערשטע, האָט מען איינעם אַריינגערופען און איהם אויסגעפרעגט, ווען ער האָט די לבנה געזעהן, ווי האָט די לבנה אויסגעזעהן, אויב זיין ערות זאָגען האָט געשטימט לויט'ן רעכענונג פון בית דין, האָט מען אַריינגערופען זיין חבר, און אויב זיינע רייד האָבען געשטימט מיט דעם ערשטען ערות, איז דאָס ערות זאָגען געוואָרען אָנגענומען. דאן האָט מען אויך אַלע איבעריגע ערות איינציגוויז אַריינגערופען און אַביסעל אויסגעפרעגט, ניט ווייל מ'האָט זיי געברויכט, נאָר זיי זאָלען ניט ווערען אַנטוישט און וועלען שוין מעהר ניט קומען. דאן האָט דער עלטסטער פון בית דין געזאָגט דעם וואָרט מקודש, דאָס מיינט, ער איז געהייליגט, און אַלע אַנוועזענדע האָבען געזאָגט מקודש מקודש, צוויי מאָל.

עשה ד. דעם פערצענטען טאָג ניסן, מוז מען שעכטען דעם קרבן פסח,

ס'מוז זיין נאר א שעפס אדער ציג, א זכר אדער נקבה איין יאר אלט, און מוז געשאכטען ווערען נאר אין בית המקדש, די בלוט ווערט געגאסען אויפ'ן פונדאמענט פון מזבח, דאן שינדט מען אפ די פעל, מ'שניידט אויף דעם בויך, מ'נעמט ארויס די אינווייניגסטע צו דעמפפען אויף דעם מזבח, דער אייגינטימער פון קרבן נעמט די פעל מיט דעם קרבן אין זיין הויז, ער בראט איהם אפ, און עסט פון איהם אין אווענט.

עשה ה. די נאכט צווישען פערצעגטען און פופצעגטען טאג ניסן, מוז מען עסען דעם קרבן פסח, צוזאמען מיט מצות און מרור (ביטערע גרינסען), אויב מ'קאן ניט קריגען קיין מצה מיט מרור, איז מען יוצא די מצוה מיט בלויז קרבן פסח, אבער מיט בלויז מרור, אהן קרבן פסח איז גאר ניט קיין מצוה, ביים עסען דעם קרבן פסח זאגט מען הלל, דעם קרבן פסח עסט מען נאכ'ן גאנצען עסען, מ'מוז עסען ניט וועניגער פון א כזית.

לאו ב. מ'טאר ניט עסען דעם קרבן פסח, ווען ער איז ניט פערטיג געבראטען, אדער געקאכט אין וואסער, אויך טאר מען איהם ניט קאכען אין א כלי, אפילו אינגאנצען אהנע וואסער דעמפפען, אדער געקאכט און נאכהער געבראטען, אויך ניט געבראטען און נאכהער געקאכט, ס'מוז זיין נאר ביי פייער געבראטען פערטיג, ביז א מענש זאל עס קאנען עסען, אויב מ'גליהט אויס אן אויווען, מ'נעמט ארויס אינגאנצען די פייער, און דאן הענגט מען אריין דעם קרבן פסח, כאטש ער האט זיך אפגעבראטען פערטיג צום עסען, דאך טאר מען דעם קרבן ניט עסען, ווייל אין דער תורה איז געשריבען צלי אש, דאס מיינט געבראטען ביי פייער, אויב מ'עסט די פלייש פון קרבן פסח אינגאנצען רויע, איז בטל די מצוה, און מ'האט דערפאר אן עבירה, אויב מ'האט דעם קרבן געבראטען ביז ער איז פארברענט געווארען, איז מען פטור פון אן עבירה.

לאו ג. מען זאל ניט איבערלאזען פון קרבן פסח, ביז ס'ווערט ליכטיג פון פופצעגטען טאג ניסן פריה.

עשה ו. דעם פערצעגטען טאג ניסן פאר מיטאג זאל מען פארברענגען דעם חמץ.

עשה ז. אין אווענט צווישען פערצעגטען און פופצעגטען טאג ניסן זאל מען עסען ניט וויניגער פון א כזית מצה, דאס איז א מצוה פאר זיך אליין און האט גארניט צו טהון מיט'ן קרבן פסח, די צייט פון דער מצוה איז א גאנצע נאכט, אויב מען שלינגט ארונטער מצה אהנע צוקייען איז מען יוצא, ווייל עס ווירט אן אינגווייניג אין מויל, דעבענט עס זיך געגעסען, מיט מצה איז מען ניט יוצא סיידען עס קומט פון ווייץ, גערשט,

כוסמין (סאָרט וויין), האָבער, און קאָרן וייל פון די אלע קען ווערען חמץ, אבער מצה פון רייז, אַרבעס און ד. גל. איז מען ניט יוצא, מצה וועלכע ווערט פארקנאָטען מיט וויין, אויל, אָדער מילך איז מען ניט יוצא, ווייל עס איז אין דער תורה געשריבען לחם עוני דאָס מיינט אָרימע ברויט, אָבער ווען די מעהל אליין איז אפילו פון גאָר די בעסטע פיינע מעהל איז מען יוצא, ווייל דער וואָרט עוני שטעהט נאָר ביי לחם, די מעהל איז ניט קיין לחם.

לאו ד. פסח זאָל זיך ניט געפינען אין הויז, קיין אייגענע חמץ, ניט נאָר אין הויז אַליין, נאָר אויך אין אַלע פּלעצער וועלכע זיינען אין זיין רשות, אויב עס האָט זיך געפונען חמץ אום פסח אין אַ אייגענעם רשות, טאָר מען פון דעם קיין הנאָה ניט האָבען אויף אייביג, אויב דער זעלבער חמץ האָט זיך נאָך פסח אויסגעמישט מיט אנדער חמץ, מעג מען עס עסען, זאָבען אין וועלכע עס ווערט אריינגעמישט חמץ אָבער עס איז ניט מעגליך זיי צו עסען, מעג מען עס האַלטען אין הויז אום פסח, ברויט אָדער אנדער חמץ וועלכע איז פארשימעלט און קאַליע געוואָרען אזוי אז א הונט קען עס ניט עסען, מעג מען עס האלטען אין הויז, קליידונג וועלכע זיינען געוואשען געוואָרען מיט קראָכמעהל (סטארטש) אָדער פאפיר וועלכעס איז געקלעבט מיט חמץ מעג מען האלטען אין הויז אום פסח ווייל עס זעהט זיך ניט די צורה פון חמץ.

לאו ה. פסח זאָל מען ניט עסען קיין זאך אין וועלכע ס'איז אריינגעמישט חמץ, באַטש די זאך אַליין איז ניט קיין חמץ, אפילו ווען די אריינגעמישטע חמץ איז ניט מעהר, ווי די קלענסטע זאך וואָס קען נאָר זיין.

לאו ו. א איד וועלכער גלויבט ניט אין דער תורה, און רינט די עבודה זרה טאָר מען איהם ניט געבען צו עסען פון דעם קרבן פסח, אָבער אויב ער האָט געטאָן תשובה, בעפאָר דעם מאַבען פון קרבן פסח, איז ער גליך ווי אלע אידען, דאָס איז נאָר אויב ער האָט געטאָן תשובה בעפאָר דעם מאַבען פון קרבן פסח און ער האָט זיך מיטגעציילט צום קרבן פסח, צוזאמען מיט די מענשען פון חבורה, אָבער ווען ער איז נאָך געווען א רשע ביים מאַבען דעם קרבן פסח, נאָר בעפאָר דעם עסען האָט ער געטאָן תשובה, דאַן באַטש ער איז יעצט שוין ניט קיין רשע, דאַך קען ער ניט עסען פון דעם קרבן, ווייל ער האָט זיך דאָך ניט מיטגעציילט צום קרבן מיט דער חבורה.

לאו ז. מ'זאָל ניט גיבען עסען פון קרבן פסח צו א גוי, וועלכער האָט אָנגענומען דעם אידישען גלויבען, אָבער ער עסט נאָך טריפה פלייש און נבילות, אָדער א גוי וואָס האָט זיך מל געווען, נאָר ער האָט

זיך ניט געטונקען אין וואסער צו ווערען א איד לויט'ן דין תורה, און געווים זאָל מען ניט גיבען פון קרבן פסח צו א ריכטיגען גוי.

לאו ח. מ'זאָל ניט ארויסנעמען די פלייש פון קרבן פסח, פון דעם פלאַץ וועלכען מ'האָט באַשטימט דאָרט צו עסען דעם קרבן פסח, און ברענגען עס אין אַן אנדער פלאַץ, דאָס איז נאָר ווען די פלייש איז ניט וויניגער ווי א כזית, אויך נאָר אין די נאכט צווישען פערצענטען און פופצענטען טאָג ניסן.

לאו ט. מען זאָל ניט צוברעכען קיין ביין פון קרבן פסח, סיי אין דער נאכט צווישען פערצענטען און פופצענטען טאָג אין ניסן, אָדער אין פערצענטען טאָג ניסן, און אפילו שפעטער מיט עטליכע טעג, אָבער דאָס איז נאָר אויב אויף דעם ביין איז פאַראַן א כזית פלייש אָדער ס'איז אין דעם ביין פאַראַן מארך א כזית, ווען דער ביין איז אָבער אָהן א כזית פלייש אָדער מארך, איז מען פטור ווען מ'צוברעכט איהם, ווען איינער צוברעכט א ביין אין קרבן פסח, דאַן קומט נאָך איינער און צוברעכט דעם זעלבען ביין, זיינען ביידע שולדיג פאַר צוברעכען א ביין אין קרבן פסח, וואָס מיר זאָגען מ'זאָל ניט צוברעכען, מיינט עס ניט נאָר צוברעכען אינגאַנצען, נאָר אפילו ניט מאַכען א גאַנץ קליינעם שפּאַלט וואו מען זאָל קענען מיט דעם פינגער־נאָגעל דערפילען, דאָס טאָר מען אויך ניט.

לאו י. א איד וועלכער איז ניט, גע'מל'ט (געאידישט), כאָטש מ'האָט איהם ניט געקענט מל זיין, ווייל צוויי זיינע עלטערע ברידער זיינען געשטאָרבען דורך מל זיין, דאָך איז ער א ערל, און טאָר ניט מאַכען דעם קרבן פסח, אויך זאָל מען איהם ניט געבען צו עסען פון קרבן פסח, אָבער מצה און מרור מעג ער עסען, אויב ער האָט געמאַכט דעם קרבן פסח בעפאָר ער האָט זיך מל געווען, איז דער קרבן פסול, און דאָס איז דאָך געווים אויב ער איז ניט גע'מל'ט פון בייזוויליגקייט, טאָר ער פון קרבן פסח געווים ניט עסען.

עשה ח. יעדען (בכור) ערשטגעבוירענעם זכר, פון בהמות וועלכע מיר מעגען עסען, זאָל מען גיבען צום כהן, דעם בכור מוז מען שעכטען אין בית המקדש, די בלוט און די פעטס געהט אויפ'ן מזבח, און די פלייש געהערט צום כהן, אויב דער בכור האָט א פעהלער, סיי ער איז געבוירען מיט דעם פעהלער, אָדער ער האָט שפעטער געקראָגען דעם פעהלער, קען ער ניט געהן צום מזבח, דארום מעג דער כהן טהון ווי ער וויל, ער ברויך ניט צו פירען דעם בכור נאָך ירושלים, ער קאָן איהם אויך פאַרקויפען צו א ישראל, און אפילו צו א גוי, ווייל דער בכור מיט א פעהלער האָט קיין הייליגקייט, א כהן און לוי מוזען אויך אוועקגעבען

צום כהן, אויב עס ווערט ביי זיי געבוירען א בכור פון א ריינע בהמה, ניט מעהר דער כהן קען האלטען פאר זיך, אויב עס ווערט ביי איהם געבוירען א בכור, ער ברייננט די בלוט און פעטס צום מזבח, און ער נעמט זיך די פלייש.

לאו יא. פונ'ם אנפאנג פופצענטע נאכט ביז'ן איין און צוואנציגסטען טאג ניסן, ווער ס'עסט חמץ מיט'ן ווילען קומט איהם כרת, אויב ס'איז געווען אומגערן ברענגט ער א קרבן חטאת, סיי ער עסט די חמץ ווי ס'איז, אדער ער צערייבט די חמץ און ער טרינקט עס, ניט נאר עסען חמץ טאר מען ניט, נאר אויך קיין שום הנאה טאר מען ניט האבען פון חמץ, אפילו ניט נוצען אנשטאט פייער צום קאכען, אדער צו געבען א אייגענעם הונט וועלכען ער מוז שפייזען.

לאו יב. מען זאל ניט זעהן זיין אייגענעם חמץ אין זיין רשות, גאנץ פסח, באטש עס איז באהאלטען פון די אויגען, אויך טאר מען די המץ ניט באהאלטען ביי א גוי איבער פסח, סיידען דער גוי איז פאראנט־ווארטליך צו באצאלען אויב עס וועט פארלארען געהן. אויב די חמץ געהער צו א גוי אדער צום בית המקדש, מעג מען עס האלטען אין הויז, אויב דער איד איז פאראנטווארטליך צו באצאלען ווען עס זאל אוועקקור־מען, דאן טאר עס דער איד ניט האלטען ביי זיך, ווייל ס'איז גליך ווי זיין אייגענע.

עשה ט. אין דער נאכט צווישען פערצענטען און פופצענטען טאג ניסן, מוז מען דערציילען די וואונדער פון יציאת מצרים, מ'זאל מאבען ביים טיש ענדערונגען, כדי די קינדער זאלען פרעגען, פארוואס איז היינטיגע נאכט אנדערש? דער פאטער זאל זיי ענטפערען עקלערענדיג אלין וועגען יציאת מצרים, אויב ער האט קיינע קינדער, זאל די פרוי פרעגען, אויב ער האט קיין פרוי, זאל ווער פון די אנוועזענרע פרעגען, אויב ער איז איינער אליין, זאל ער אויך דערציילען, וואס מעהר מ'דערציילט איז בעסער.

עשה י. א (בכור) ערשטגעבוירענער זכן פון א אייזעל, מוז מען אויסלייז־זען פון כהן, גיבענדיג איהם א שעפס, און דער בעל הבית האלט פאר זיך דעם אייזעל, ווי לאנג דער אייזעל בכור איז ניט אויסגעלייזט, טאר מען פון איהם קיין הנאה האבען, אויב מען פארקויפט איהם טאר מען די געלט ניט געברויכען, אויב דער אייזעל שטארבט ניט אויסגעלייז־טערהייט, מוז מען איהם באגראבען, אויב מען גיבט דעם אייזעל צום כהן, מוז דער כהן איהם אויסלייזען מיט א שעפס, און דעם שעפס האלט ער פאר זיך, נאכ'ן אויסלייזען האבען ביידע, אי דער שעפס און אי

דער אייזעל קיין שום הייליגקייט, מען מעג זיי פארקויפען צו אלעמען, און טוען מיט זיי וואס נאר מען וויל.

עשה יא. אויב דער בעל הבית וויל דעם בכור אייזעל ניט אויסלייזען, און וויל אויך ניט גיבען דעם אייזעל צום כהן, זאל מען מיט א האק אפהאקען דעם אייזעל זיין קאפ און די פלייש באגראבען.

לאו יג. אום שבת טאר מען ניט געהן אויסער דער שטאדט, מעהר פון צוויי טויזענט איילען, ניט רעכענדיג די שטאדט, כאטש די שטאדט אליין איז גרויס עטליכע טויזענט איילען אויב ער וואוינט אויסער דער שטאדט, טאר ער ניט געהן מער פון צוויי טויזענט איילען פון זיין וואוינונג.

עשה יב. א איד מוז גלויבען אז עס איז פאראן אן איינציגער גאט.

לאו יד. מ'טאר ניט גלויבען אז עס איז פאראן נאך א גאט, ניט אפילו בלויז טראכטען אין הארצען, ווער ס'האט דעם מינדסטען גלויבען אין א אפגאט, כאטש ער גלויבט אז דער הייליגער באשעפער איז איבער דעם אפגאט, דאך ווערט דער מענש פארעכענט אז ער לייקענט אפ אין גאט און די גאנצע תורה.

לאו טו. מ'טאר ניט מאכען אן עבודה זרה צו דינען איהר, כאטש ער אליין וויל ניט דינען, אבער אנדערע מענשען וועלען דינען, ניט נאר מאכען די עבודה זרה, נאר אפילו הייסען א צווייטען ער זאל מאכען טאר מען אויך ניט, אויב ער האט געמאכט עבודה זרה, ער זאל אליין צו איהר דינען, כאטש ער האט ניט געדינט, האט ער די עבירה.

לאו טז. מ'טאר זיך ניט בוקען צו קיין אפגאט, כאטש דער בוקען זיך איז ניט קיין דינסט פון דיזען אפגאט, און כאטש ער טהוט עס נאר פון שפאס וועגען, אדער צו פארשעמען דעם אפגאט, דאך וויבאלד ער האט זיך געבוקט צו אן אפגאט, איז אויף איהם די עבירה.

לאו יז. מ'טאר ניט דינען קיין אפגאט, מיט דער דינסט וועלכע עס דינען איהם, די וועלכע גלויבען אין איהם, אויך זאל מען ניט קושען, האלדזען אדער אויספוצען אן אפגאט, אדער מאכען שעהן דעם פלאץ ווי ער איז.

לאו יח. מ'טאר ניט פאלש שווערען, אין דעם זיינען פאראן פיר פארשידענע סארטען, 1) ווען ער שווערט אויף א שטיק האלץ אז עס איז גאלד אדער פארקערט. 2) ווען ער שווערט אויף א שטיין אז עס איז א שטיין, אדער אז דער הימעל איז הימעל, דאס איז א אומזיסטעס שווערען. 3) ווען ער שווערט ער זאל ניט לייגען תפילין אדער ניט אנטאן ציצית, דאס קען ער דאך ניט טאן. 4) ווען ער שווערט, אז ער זאל ניט שלאפען דריי טעג און דריי נעכט נאכאנאנד, אדער ער זאל

ניט עסען און טרינקען זיבען טעג און זיבען נעכט נאָכאנאנד, אויך איז די זעלבע זינד ווען מען מאכט א ברכה וואָס מען ברויך ניט אָדער אָנרופען גאָט'ס נאָמען אומזיסט.

עשה יג. מען מוז הייליגען דעם שבת דורך ריידען, דאָס מיינט מ'זאָל זאָגען קידוש אָנפאנג שבת, און ענדע שבת הבדלה, די חכמים לערנען אונז צו זאָגען קידוש און הבדלה איבער א כוס וויין, אויב ער האָט ניט קיין וויין, מעג ער מאַכען קידוש אויף ברויט זאָל ער זיך צוערשט וואַשען, זאָגען על נטילת ידים דאַן זאָגען קידוש, אָנשטאָט בורא פרי הגפן זאָגט מען המוציא, הבדלה טאָר מען ניט מאַכען סיידען מיט א כוס, מען טאָר ניט עסען אָדער טרינקען קיין זאַך פאַר קידוש אָדער הבדלה, ווען עס איז די צייט פון קידוש און הבדלה.

לאו יט. אום שבת טאָר מען קיין שום ארבייט ניט טאָן, ס'איז ניט פאַראַן קיין ארבייט מען זאָל מעגען טאָן אום שבת, סיידען אידישען א קינד, ווען שבת איז געווים דער אכטער טאָג פון געבורט, אָדער וועגען רעטען א איד פון טויט, אויב ס'איז אַנדערש ניט מעגליך, סיידען מ'זאָל טאָן אַן ארבייט, דאָס מיינט אויב מען וועט די ארבייט ניט טאָן וועט דער מענש געוויס שטארבען, לויט דער מיינונג פון דאָקטאָר, און ווען מ'וועט טאָן די ארבייט קען זיין ער וועט בלייבען לעבען, אויך אין צייט פון בית המקדש זיינען מאַנכע ארבייט געטאָן געוואָרען אום שבת אין בית המקדש.

עשה יד. מען מוז האַלטען בכבוד אַן אייגענעם פאָטער און מוטער, זיי גיבען עסען, טרינקען, קליידען א. ד. גל., אָבער נאָר מיט א פריילינען פנים, ווייל אויב מען גיט זיי מיט א בייזען פנים, כאָטש מען גיט זיי פון אלעם בעסטען דאָך ווערט מען באַשראָפט, די געלט פאַר אלע אויסגאבען זאָל קומען פון פאָטער, אויב דער פאָטער האָט קיין געלט זאָל דער זוהן באַצאָלען, אויב דער זוהן האָט אויך ניט, ברויך ער ניט צו געהן בעטלען פאַר דעם פאָטער, אָבער דאַן מוז דער זוהן טאָן קערפערליך אלץ וואָס די עלטערן ברויכען.

לאו כ. מ'טאָר ניט מאָרדען קיין מענש, ווער עס מאָרדעט א אידישען נפש, קומט איהם פון בית דין צו טויטען, אויב ער אליין האָט איהם ניט געטויטעט, נאָר ער האָט בלויז פאַראורזאַכט זיין טויט, למשל ער האָט דעם מענש געבונדען און אוועקגעלייגט פאַר א לייב, דער לייב האָט איהם געטויטעט א. ד. ג. האָט ער קיין טויט שטראָף, ס'איז קיין אונטערשייד אויב מען טויטעט א גרויסען אָדער א קליינעם, אפילו א קינד עלטער פון דרייסיג טאָג.

לאו כא. מען טאָר ניט זינדיגען מיט א פאַרהייראַטע פרוי, כאָטש איהר מאַן האָט איהר בלויז מקדש געווען.

לאו כב. ווער עס גנבע'ט א אידישען נפש, א גרויסען אָדער א קליינעם, מאַן אָדער פרוי, באַנעהט א זינד באַלד ווי ער נעמט דעם גע'גנב'־עטען אריין צו זיך, אויב ער פאַרקויפט איהם, קומט דעם גנב טויט שטראָף, אָבער נאָר דאַן ווען דער גנב האָט איהם אריינגענומען צו זיך, און האָט זיך מיט איהם באַנוצט מיט ארבייט, כאָטש די ארבייט איז ניט ווערט מעהר ווי א פרוטה, אויב דער גנב האָט ניט געטאָן די דער־מאָנטע זאכען קומט איהם קיין טויט שטראָף.

לאו כג. מ'טאָר ניט פאַלש עדות זאָגען, ווען א רבי זאָגט צו זיין תלמיד, דו קענסט מיר דאָך פאַר א ערליכען מענש, איך וועל פאַר קיין געלט ניט זאָגען ליגען, זאָג איך דיר אז מיר קומט געלט ביי איינעם, איך האָב אויך איין עדות, אָבער איך מוז דאָך האָבען נאָך איינעם, געה דו צוזאַמען מיט מיין עדות וועל איך דאָך קענען קריגען מיין געלט, איז עס די זעלבע זאַך ווי פאַלשע עדות זאָגען, מ'קען נאָר זאָגען עדות אויף וואָס מען זעהט מיט אייגענע אויגען.

לאו כד. מ'טאָר ניט גלוסטען פרעמדע זאכען, כאָטש ער איז וויליג צו באַצאָלען יעדען פרייז, ניט אידישע זאכען מעג מען גלוסטען.

לאו כה. מ'טאָר ניט מאכען קיין מענשליכע פיגורען אַלס אָפּגאָט, אָדער נאָר צוליב שעהנקייט, אויב א גוי האָט עס געמאכט, טאָר מען עס ניט האַלטען ביי זיך, ווייל מ'קען פאַרדעכטיגען אז ער דינט דערצו, א מענשליכע פיגור טאָר מען ניט מאכען נאָר דאַן, ווען ס'איז א גאַנצע פיגור, צוויי אויגען, א גאַנצע נאָז און א גאַנצער קערפּער, אָבער ווי מאַנכע מאכען, א האַלבען קערפּער, איין זייט פון פנים, איין אויג, מעג מען מאכען, אויב מען קען די פיגורען ניט נעמען אין האַנט, ווייל זיי זיינען בלויז אויפגעמאָלט מיט פאַרבען, אָדער איינגעוועבט אין שטאָפען, מעג מען מאכען אַלע פיגורען.

לאו כו. די שטיינער צום בויען דעם מזבח טאָר מען ניט באַארבייטען מיט אייזערנע װערקצייג.

לאו כז. די כהנים טאָרען ניט אַרויפגעהן אויפ'ן מזבח דורך שטיגען אָדער שטאַפּלען, נאָר דורך א גלייכען אויפגאַנג, אויך מוזען זיי מאכען זייער קורצע טריט.

עשה טו. א אידישען קנעכט זאָל מען פריילאָזען נאָך זעקס יאָר דינסט, אָדער אויב אין די זעקס יאָר קומט אוים א יובל יאָר (יעדער פופציגסטער יאָר איז יובל), דער קנעכט קען זיך אויך אויסלייזען, געבענדיג צום זיין

בעל הבית די געלט, פאר דער צייט וואס ער האט נאך צו דינען, לויט דעם פרייז וואס ער האט געקראגען.

עשה טז. דער בעל הבית אדער זיין זוהן, זאל הייראטען זייער אידישע דינסט־מיידעל, אבער נאר אויב זי איז איינשטימיג דערצו, מען קען אויך ניט צווינגען דעם בעל הבית, אדער זיין זוהן איהר צו הייראטען.

עשה יז. אויב דער בעל הבית אויך זיין זוהן, ווילען ניט הייראטען די אידישע דינסט־מיידעל, זאל דער בעל הבית איהר געבען א געלע־גענהייט, אויב זי וויל זיך אויסלייזען, ער זאל איהר ניט מאכען קיינע שוועריגקייטען, נאר בארעכענען וויפיל ער האט איהר באצאלט, פאר דער צייט וואס זי האט נאך צו דינען, זאל זי איהם צוריקגיבען אזוי פיל, און ער זאל זי פריילאזען.

לאו כח. ווער עס קויפט א אידיש דינסט־מיידעל, טאר ער זי ניט פארקויפען, איהר פאטער קען זי פארקויפען ווען זי איז נאך קליין, אבער אויך ניט מעהר ווי איין מאל.

לאו כט. אויב דער בעל הבית אדער זיין זוהן, הייראטען די אידישע דינסט־מיידעל, זאל מען איהר ניט גיבען וויניגער פון אנדערע פרויען, פון וואס זי ברויך צום עסען, קליידונג, אויך פאמיליען לעבען.

לאו ל. מ'טאר ניט שלאגען אן איינענעם פאטער אדער מוטער, אויב דער פאטער אדער מוטער ליידען, פון צאהן־שמערצען מ'מוז דעם צאהן ארויסציהן, אדער זיי מוזן האבען אן אנדערע אפעראציע, טאר עס דער זוהן ניט טאן, אויב ס'איז פאראן אן אנדער דאקטאר, אויב ניט מעג דער זוהן עס טאן מיט דער דערלויבעניש פון זיין פאטער.

עשה יח. ווער עס שלאגט זיין פאטער אדער מוטער, מ'מבענדיג א וואונד ביז בלוט, זאל ווערען פון בית־דין פאראורטיילט צום טויט.

עשה יט. ווער עס פארוואונדעט א איד, סיי א גרויסען אדער א קליינעם, ווערט פון בית־דין באשטראפט, מיט די פינף געלט שטראפען, וועלכע זיינען באשטימט אין דער תורה.

עשה כ. ווער עס שלאגט זיין גוישען קנעכט אדער דינסט, מיט עפעס וואס קען טויטען א מענש, נאך דעם ווי זיי האבען אויף זיך גענומען, אפצוהיטען אידישע מצות, אויב זיי זיינען געשטארבען אויפ'ן ארט ווערט דער בעל הבית באשטראפט מיט טויט, אויב זיי האבען נאכ'ן שלאגען געלעבט פיר און צוואנציג שעה, קומט דעם בעל הבית ניט קיין טויט שטראף.

עשה כא. בית דין זאל מאכען באצאלען דעם איינענטימער פון אן אקס, פאר יעדען שאדען וואס זיין אקס האט פאראורזאכט.

לאו לא. אויב אן אָקס איז געוואָרען פאראורטיילט צום פארשטיינען, ווייל ער האָט געטויטעט א מענש, טאָר מען ניט עסען, אָדער זיך באנוצען מיט זיין פלייש באָטש דער אָקס איז געוואָרען כשר געשאָכטען, אויב מ'האָט איהם געשאָכטען בעפאָר זיין אורטייל, מעג מען עסען די פלייש.

עשה כב. ווער עס גראָבט אויס, אָדער עפענט א גרוב, אין א פּלאַץ וואו אלע האָבען א רעכט צו געהן, אָדער ער לייגט אוועק זאכען, איבער וועלכע מען קען פאלען אָדער זיך אויסגליטשען, אויב עס האָט וועמען פאסירט א שאָדען, זאָל ער באצאָלען לויט'ן דין פון דער תורה.

עשה כג. ווען צוויי עדות זאָגען ביים בית דין אז איינער האָט גע'גנב'עט, און מ'האָט ביי איהם די גנבה געפונען, זאָל בית דין דעם גנב מאכען באצאָלען דאָפּעלט (כפל), אויב די גנבה איז געווען אן אָקס אָדער שעפּס, און דער גנב האָט עס פארקויפט אָדער געשאָכטען, זאָל ער באצאָלען פינף אָקסען פאר איין אָקס, און פיר שעפסען פאר איין שעפּס, אין דעם איז שוין אריינגערעכענט וואָס ער דארף באצאָלען דאָפּעלט.

עשה כד. בית דין זאָל מאכען באצאָלען, ווער עס טרייבט זיינע בהמות אויף א פרעמד פעלד, אָדער וויינגאָרטען, און די בהמות צוטרעטען מיט די פיס, אָדער עסען די פרוכט.

עשה כה. בית דין זאָל מאכען באצאָלען, ווער עס מאכט א פייער, כאָטש ער מאכט דעם פייער ביי זיך, און דער פייער פארשפרייט זיך, מאכענדיג שאָדען אין א פרעמדען פלאַץ.

עשה כו. בית דין זאָל אורטיילען, ווען איינער היט אומזיסט פרעמדע זאכען, און זיי זיינען פון איהם גע'גנב'עט אָדער פארלוירען געוואָרען, זאָל ער ניט באצאָלען, ער מוז אָבער שווערען, דאָס ער האָט ניט די זאכען, אויך דאָס ער האָט די זאכען גוט געהיט, אויב נאָך זיין שווערען, געפינט מען ביי איהם די זאכען, אָדער עס קומען צוויי עדות און זאָגען, זיי האָבען ביי איהם געזעהן די זאכען, זאָל ער באצאָלען דאָפּעלט (כפל) אזוי ווי א גנב.

עשה כז. בית דין זאָל אורטיילען, ווען איינער מאָנט ביים צווייטען געלט אָדער זאכען, און דער צווייטער לייקענט אינגאנצען, זאָל ער גארניט באצאָלען, אָבער די חכמים האָבען געמאכט, דאָס ער זאָל שווערען אָהן א ספר תורה, אויב ער האָט צוגעגעבען דאָס ער איז שולדיג א טייל פון וואָס מען מאָנט ביי איהם, זאָל ער באצאָלען וויפיל ער האָט צוגעגעבען, און מוז שווערען אויף דאָס איבריגע, האַלטענדיג א ספר תורה אין האַנט.

עשה כח. בית דין זאָל אורטיילען, ווען דער היטער פון די זאכען קריגט באצאָלט פאַר זיין היטען, און די זאכען זיינען גע'גנב'עט אָדער פאַרלוירען געוואָרען.

עשה כט. בית דין זאָל אורטיילען, ווען מען לייט זאַכען פון איינעם, און זיי זיינען גע'גנב'עט אָדער פאַרלוירען געוואָרען אָהן זיין שולד.

עשה ל. בית דין זאָל אורטיילען, ווען איינער פאַרפירט אַ אידיש מיידעל אין עלטער פון דריי יאָר און איין טאָג, ביז צוועלף און אַ האַלב יאָר, זאָל ער באצאָלען צו איהר פאָטער, פאַר איהר שאַנדע לויט די פאַמיליע וואָס זי שטאַמט אַרויס, אויך זאָל ער באצאָלען וויפיל זי איז יעצט וויינינער ווערט, און ער זאָל זי הייראַטען, אויב איהר פאָטער איז נעגען דער הייראַט, אָדער איהר פאַרפירער וויל זי ניט הייראַטען, זאָל ער באצאָלען צו איהר פאָטער, פופציג זילבער (סלעים), חוץ די אויבנדער־מאָנטע צאָלונג.

לאו לב. בית דין זאָל זעהן, ווער עס מאַכט (כשוף) צויבעריי זאָל ניט לעבען בלייבען, די מצוה איז ניט בלויז פאַר'ן בית דין, נאָר יעדער איד, מאַן אָדער פרוי, ווער עס קען טויטען דעם כשוף־מאַכער זאָל עס טאָן.

לאו לג. אַ (גר) וועלכער האָט אויפגעגעבען זיין געצענדינסט, און האָט אָנגענומען דעם אידישען גלויבען, זאָל מען איהם ניט נאַרען מיט רייד, דאָס מיינט, מ'זאָל איהם ניט זאָגען, אַז ער איז ניט לאַנג צוריק געווען אַ גוי, אָדער איהם פאַרשעמען מיט אַנדערע רייד, ווייל דאָס קען ברענגען דערצו ער זאָל צוריק ווערען אַ גוי.

לאו לד. מען זאָל דעם גר אויך ניט נאַרען אין געלט זאַכען, איהם באשווינדלען א. ד. גל.

לאו לה. אַ אַלמנה אָדער יתום זאָל מען ניט פייניגען, סיי מיט רייד און סיי מיט טאָן שלעכטס צו זיי, זייער געלט און אַנדערע זאַכען זאָל מען אָפּהיטען, מעהר ווי אייגענע, כאָטש זיי זיינען רייך, אָבער זיי האָבען ניט ווער עס זאָל זיך פאַר זיי אָננעמען, אָבער ווער עס לערענט אַ יתום תורה אָדער מלאכה, און ער וויל ניט לערנען, מעג מען דעם יתום אויך פייניגען, ווייל ס'איז פאַר זיין גוטען, אָבער דאָך זאָל מען דעם יתום ניט מעהר פייניגען ווי אַן אַנדערען.

עשה לא. מען מוז לייהען געלט צו אַן אָרימען איד, ווען ער נויטיגט זיך אין געלט, די מצוה איז גרעסער ווי מ'גיט צדקה, ווייל דער וועלכער שעהמט זיך שוין ניט צו בעטען, איז איהם ניט מעהר אזוי שלעכט, ווי דעם וועלכער בעט ניט קיין געשענק, נאָר געבאָרגט.

לאו לו. ווען מען ווייס דאָס דער אָרימאַן האָט ניט צו באַצאָלען וואָס ער איז שולדיג, טאָר מען איהם ניט מאָנען, מען זאָל אפילו ניט פאַרבייגעהן פאַר איהם, ער זאָל מיינען מ'מאָנט איהם, אָבער אויב ער האָט צו באַצאָלען, טאָר ער ביי זיך ניט האַלטען פרעמדע געלט, אויך זאָל ער מיט די געלט ניט קויפען, וואָס מען ברויך ניט, און דורך דעם ניט צו קענען באַצאָלען דעם חוב.

לאו לז. מ'טאָר ניט אנטייל נעמען, וואו מען לייט געלט פאַר פּראָצענט צווישען אידען, אפילו ניט צו זיין אַן עדות, אַ גוטזאָגער, אָדער בלויז אויסשרייבען דעם וועקסעל, די זינד געהט אויף אַלע אנטיילנעמער, און שוין געוויס אויף דעם לייער און אנטלייהער.

לאו לח. מ'טאָר ניט שילטען דעם נאָמען פון גאָט ב"ה, עס שליסט איין אַלע נעמען מיט וועלכע מ'רופט אָן גאָט ב"ה.

לאו לט. מ'טאָר ניט שילטען אַ דיין (אידישען ריכטער), ווער עס שילט אַ דיין האָט אַ דאָפּעלטע זינד, איין זינד ווייל ער שילט אַ אידען (דער דיין איז דאָך אַ איד), און די צווייטע זינד, ווייל ער שילט אַ דיין.

לאו מ. מ'טאָר ניט שילטען אַ נשיא (פאָרשטעהער פון אידישען פאָלק) אָדער אידישען קעניג, דער שילטער האָט דריי זינד, פאַר שילטען אַ אידען, אַ נשיא, און אַ קעניג, אָבער דאָס איז נאָר, סיידען זיי זיינען באַרעכטיגט צו דעם אמט, און זיי זיינען אויפגענומען געוואָרען לויט די תורה, אויב זיי זיינען ניט באַרעכטיגט, נאָר זיי האָבען געקראָגען דעם אמט דורך שטאַרקייט אָדער געלט, דאַן איז נאָר איין זינד פאַראַן, גלייך ווי מען שילט אַן איינפאַכען איד.

לאו מא. מ'זאָל ניט געבען דעם לוי אָדער אָרימאַן זייערע טיילען מעשר, פריער פאַר'ן גיבען דעם כהן זיין תרומה.

לאו מב. מ'טאָר ניט עסען פלייש פון אַ בהמה, וועלכע איז געטויטעט געוואָרען פון אַ חיה, שלעכט געשאָכטען, אָדער אַן אונטערזוכונג צייגט, דאָס די בהמה איז געווען קראַנק, און האָט ניט געקענט בלייבען לעבען, ווען מען וואָלט זי ניט געשאָכטען.

לאו מג. אַ דיין (אידישער ריכטער) טאָר ניט אויסהערען די טענות פון איינעם, וועלכער קומט האָבען אַ דין תורה, אויב דער צווייטער איז ניטאָ דערביי.

לאו מד. אַ דיין זאָל ניט אָננעמען אַן עדות, אויב דער דיין ווייס, דאָס דער עדות איז אַ בעל עבירה (אַ זינדיגער), אַ ערליכער עדות זאָל ניט עדות זאָגען צוזאַמען מיט אַ רשע, כאָטש דער רשע זאָגט יעצט אמת.

לאו מה. בית דין טאר ניט ארויסגעבען א טויט אורטייל, אויב די באשולדיגער זיינען ניט מעהר ווי מיט איינעם, געגען די באפרייער.

לאו מו. ביים פארהאנדלען וועגען א טויט אורטייל, קען קיין ריכטער פון די באפרייער ניט איבערגעהן צו די באשולדיגער, אויך קען א ריכטער ניט באגרינדען זיין באשלוס דערמיט, ווייל א צווייטער ריכטער זאגט אזוי, נאר יעדער ריכטער מוז ערקלערען דעם גרונד פאר זיין אורטייל.

עשה לב. די ריכטער מוזען אלעמאל אורטיילען נאך דער מערהייט, ביי טויט שטראף ניט ווייניגער פון צוויי, ביי געלט שטראף א מעדהייט פון איינעם.

לאו מז. די ריכטער טארען ניט האבען, קיין מיטלייד מיט אן ארימאן, ווען מ׳מאנט ביי איהם געלט, זיי זאלען ניט זאגען, ווייל ער איז דאך אן ארימאן, און דער צווייטער איז רייך, מוזען מיר דאך שטיצען דעם ארימאן, וועלען מיר בעסער דעם ארימאן באפרייען, וועט ער קריגען צדקה אין א שעהנעם וועג, כאטש לויט׳ן דין תורה איז דער ארימאן שולדיג, מוזען זיי ארויסגעבען א גערעכטען דין תורה באשולדיגענדיג דעם ארימאן.

עשה לג. מען מוז העלפען אויפשטעהן אן אייזעל, וואס איז געפאלען אונטער זיין לאסט, כאטש די לאסט איז פיל מעהר וויפיל דער אייזעל קען טראגען, קענסטו ניט זאגען, ווארום האט זיין אייגענטימער איהם איבערגעלאדען, אויך כאטש דער אייגענטימער איז געוועזען דיינער א פיינד, מוזטו איהם העלפען אויפשטעהן, ארונטערנעמענדיג פון איהם די לאסט, און ניט נעמען קיין באצאלונג דערפאר.

לאו מח. דער ריכטער טאר ניט פאראורטיילען, בלויז דערפאר ווייל דער אנגעקלאגטער איז א רשע (א זינדיגער), אויב ער איז אין דער יעצטיגער קלאגע ניט שולדיג.

לאו מט. בית דין טאר ניט געבען א טויט אורטייל, בלויז צוליב זייער מיינונג, אדער שוואכע באווייזע, נאר זיי מוזען זיין איבערצייגט דורך עדות, וועלכע באשטעטיגען דאס זיי האבען מיט זייערע אויגען געזעהן דעם פארברעכען, אפילו די עדות האבען געזעהן איינער יאגט נאך דעם צווייטען מיט א שווערד אין האנט, דאן האבען זיי געזעהן דעם געיאגטען ליגען ערמארדעט, נאך ווארפענדיג זיך, און דער נאכיאגער האלט די שווערד אין האנט, פון וועלכער עס האט גערונען בלוט, דאך איז עס ניט גענוג באוויין, סיידען די עדות האבען געזעהן ווי ער האט איהם מיט דער שווערד געשלאגען ביז ער איז געפאלען טויט.

לאו נ. א דיין טאר ניט נעמען שוחד (אונטערקויף געלט) כאטש מ׳פאר־לאנגט ניט פון איהם ער זאל ניט געבען קיין גערעכטען אורטייל,

נאר אפילו פאר א גערעכטיגקייט טאר ער אויך ניט נעמען קיין שוחד.

עשה לד. יעדעס יאר, (אנפאנגענדיג פון נאך דעם יובל יאר) איז שמיטה, אין דעם יאר מוז די ערד רוהען פון אלע ארבייט, די תבואה און פרוכט וואס וואקסט פון זיך אליין אין שמיטה יאר, זאל דער פעלד איינגנטימער, ניט געמען אהיים פאר זיך, נאר עס מוז בלייבען אין פעלד פריי פאר אלעמען.

עשה לה. דעם טאג שבת זאל מען רוהען פון אלע ארבייט.

לאו נא. מען זאל ניט שווערען, אדער מאכען א גוי צו שווערען, מיט נאמען פון אן אפגאט. אויך ניט באשטעלען צו טרעפען זיך, אויף דעם ארט וואו עס איז פאראן אן אפגאט.

לאו נב. מ'טאר ניט איינרעדען קיין איד צו דינען אן אפגאט, כאטש ווען דער איינרעדער אליין דינט ניט דעם אפגאט, נאר ער רופט בלויז אנדערע צו דינען.

עשה לו. מ'זאל פייערען יום טוב דריי מאל אין יאר: פסח, שבועות און סוכות, יעדען פון די דריי ימים טובים מוז יעדער איד זיין אין ירושלים, און ברענגען א קרבן צום בית המקדש דעם ערשטען טאג יום טוב, אויב ער האט ניט געבראכט דעם קרבן אין דעם ערשטען טאג, האט ער צייט נאך זעקס טעג נאכ'ן ערשטען טאג, דער קרבן רופט זיך שלמי חגיגה.

לאו נג. מ'טאר ניט שעכטען דעם קרבן פסח, אויב ס'געפינט זיך אפילו ניט מעהר ווי א כזית חמץ, ביי איינעם פון די וועלכע האבען זיך צוזאמענגענומען צו עסען פון דעם ארער ביי דעם וועלכער דעמפט די פעטס אויף דעם מזבח.

לאו נד. די טיילען פון קרבן פסח וועלכע ווערען געדעמפט אויף דעם מזבח, טאר מען ניט לאזען ליגען ביז מארגען פריה, און ניט דעמפען, ווייל ס'ווערט פסול און מען מוז עס פארברענגען, אויב ס'ליגט אויפ'ן מזבח ביז מארגען, ווערט עס ניט פסול, קען מען עס מארגען דעמפען.

עשה לז. בכורים (די ערשטצייטיגע פרוכט), זאל מען ברייגגען נאך ירושלים צו די כהנים, אבער נאר פון די זיבען פרוכטען, ווייץ, גערשטען, וויינטרויבען, פייגען, מילגרוימען, איילבירטען און טייטלען, ווייל מיט די זיבען פרוכטען איז געלויבט געווארען ארץ־ישראל, אויב מ'ברנגט פון אנדערע פרוכט, אדער ס'זיינען ניט פון די בעסטע, דאס הייסט אויב ער ברענגט טייטלען וועלכע וואקסען אויף בערג, די זיינען נישט גוט, אדער פרוכט וואס וואקסען אין נידריגע פלעצער, זיי זיינען אויך ניט גוט, איז עס ניט קיינע בכורים.

לאו נה. מ'טאר ניט קאכען פלייש מיט מילך, אפילו נאר בלויז קאכען, ניט עסען, טאר מען דערפון קיין הנאה ניט האבען, דאס הייסט, מ'זאל עס ניט פארקויפען, אדער געבען צו א בהמה אדער עוף וואס מ'האט ביי זיך און מ'גיט דעם צו עסען, אדער געברויכען צו אירגענד וועלכע עס איז ניט זאך, טאר מען ניט.

לאו נו. מיט די זיבען פעלקער, וועלכע די אידען האבען געפונען זיצענדיג אין ארץ־ישראל, ווען די אידען זיינען געקומען פון מצרים, טאר מען ניט לעבען פריינדליך, סיידען זיי גיבען אויף זייערע געצענדינסט.

לאו נז. די געצענדינער, זאל מען ניט לאזען וואוינען צוזאמען מיט אידען, ניט פארקויפען אדער פארדינגען צו זיי הייזער, אפילו ניט פאר־קויפען צו זיי קיין פרובט ניט אפגעשניטענערהייט.

עשה לח. מ'זאל בויען א בית המקדש אין ארץ־ישראל, דעם בית המקדש טאר מען ניט בויען ביינאכט, ווייל ס'שטעהט געשריבען ביום הבנותו, דאס מיינט, מ'זאל בויען בייטאג, דעם בית המקדש טאר מען ניט בויען אום יום טוב און געווים ניט אום שבת.

לאו נח. די שטאנגען מיט וועלכע מען טראגט דעם הייליגען ארון מיט די לוחות, טאר מען קיינמאל ניט ארויסנעמען פון די רינגען, וועלכע זיינען אנגעפעסטיגט אין דעם ארון.

עשה לט. יעדען שבת, מוז מען ארונטערנעמען די אלטע ברויט (לחם הפנים), וועלכע זיינען געלעגען א גאנצע וואך, אויפ'ן טיש אין בית המקדש, און ארויפלייגען פרישע ברויט, אויך צוויי לעפעל מיט געווירץ (לבונה זכה), עס זיינען געווען צוועלף ברויט, דער כהן גדול האט גענומען זעקס, און די אנדערע זעקס זיינען געווארען צוטיילט, צווישען די כהנים וועלכע האבען געארבייט פאריגע וואך, און די כהנים וועלכע זיינען יעצט געקומען צו ארבייטען קומענדע וואך.

עשה מ. יעדען טאג אין דער פרי און פארנאכט, מוז דער כהן ארונטער־נעמען די אש פון די מנורה ליכטלעך, צורעכט מאכען די קנויטלעך און אויב וועלכעס ליכטעל איז געווען פארלאשען, האט ער ארויסגענומען די קנויטעל, אויך די אויל וואס איז דארט געווען, גוט אויסגעפוצט די לעמפעל, אנגעגאסען פרישע אויל, אריינגעלייגט א פריש קניטעל און אנגעצונדען.

עשה מא. יעדער כהן ווען ער געהט טאן עבודה ארבייט אין בית המקדש, מוז אנטאן זיינע הייליגע קליידער (בגדי כהונה), די הייליגע קליידער איז א מצוה זיי זאלען זיין ניי און שעהן, אויב ער האט געטאן ארבייט טראגענדיג אלטע קליידער איז עס כשר, אויב זיי זיינען געווען פארשמירט אדער צעריסען, צו לאנג אדער צו קורץ איז די ארבייט פסול;

און דער כהן איז שולדיג אין טויט, ניט דורכ'ן בית דין, נאָר דורכ'ן הימעל.
לאו נט. דער (חשן) א גאָלדענע טאוועל מיט טייערע שטיינער איינגע־
זעצט, וואָס דער כהן גדול טראָגט אויף זיין ברוסט, מוז שטענ־
דיג זיין צוזאמענגעבונדען דורך בלויע וואָל (תכלת) מיט דעם (אפוד)
וואָס דער כהן גדול טראָגט אויף זיין רוקען. עס טאָר זיך קיינמאָל ניט
אָפּרוקען איינס פון צוויטען.
לאו ס. דעם אויבער מלבוש פון כהן גדול, אויך די איבריגע הייליגע
כהן קליידער טאָר מען ניט צערייסען.
עשה מב. די כהנים מוזען עסען די פלייש, פון קרבנות חטאת און
אשם, און דורך דעם ווערט פארגיבען די זינד פון די וועלכע האָבען
די קרבנות געבראַכט, דארום איז א מצוה אויף די כהנים צו עסען די
פלייש פון די זינד קרבנות.
עשה מג. יעדען טאָג פרי און פארנאכט, מוז מען רויכערען, (קטורת), פאר־
שידענע געווירצען, אויף דעם גאָלדענעם מזבח וועלכער שטעהט
אין היכל, דאָס רויכערען קטורת קען ווערען געטאָן סיי פון כהן גדול,
און סיי פון אן איינפאכען כהן, א חוץ יום כפור, ווען עס מוז געטאָן
ווערען נאָר פון כהן גדול.
לאו סא. אויף דעם גאָלדענעם מזבח, טאָר מען ניט טאָן קיין שום אנדערע
זאך, נאָר רויכערען קטורת צוויי מאָל יעדען טאָג, און יום כפור
שפריצט מען אויף איהם די בלוט, פון דעם אָקס און די ציג קרבן חטאת
פון יום כפור.
עשה מד. יעדער איד מוז געבען איינמאָל אין יאָר א האלבען שקל, מיט
דעם געלט קויפט מען בהמות פאר פאלקס קרבנות, אין וועלכע
יעדער איד מוז האָבען אן אנטייל, דאָס זיינען דער קרבן תמיד וואָס
מ'איז מקריב צוויי מאָל יעדען טאָג, קרבן מוסף אום שבת און יום טוב,
מ'קויפט אויך אנדערע זאכען ווי זאלץ צו זאלצען קרבנות, האָלץ צום
מזבח, (לחם הפנים) די צוועלף חלות וועלכע ליגען פון שבת ביז'ן צווייטען
שבת אויפ'ן טיש אין בית המקדש, און נאָך פיל זאכען וועלכע זיינען
פאר'ן כלל ישראל, איז ווייל די אלע זאכען זיינען א פארגיבונג פאר
אלע אידען מוז יעדער איד האָבען אין דעם א חלק.
עשה מה. יעדער כהן פאר זיין טוהן אן ארבייט אין בית המקדש, מוז
ער וואשען זיינע הענט און פיס, מיט דעם וואסער פון קופערנעם
האנדפאס, וועלכער שטעהט אין בית המקדש, דער כהן ברויך ניט צו
וואשען הענט און פיס, ביי יעדען טאָן עבודה באזונדער, נאָר מיט איין
וואשען קען ער טאָן עבודה, דעם גאנצען טאָג און די גאנצע נאכט,
אָבער נאָר סיידען ער געהט דורך דער גאנצער צייט ניט ארויס פון

בית המקרש, און ער שלאפט ניט, און געהט ניט טאן רעם מענשליכען געברויך, אויב אבער ער טהוט איינם פון די אויסגערעכענטע זאכען, מוז ער זיך וואשען אויפסניי.

עשה מו. מ'זאל מאכען זאלבאויל (שמן המשחה) צו זאלבען א נייעם כהן גדול, א קעניג און אלע כלים צום נוצען אין משכן. רעם כהן גדול מוז מען זאלבען נאר בייטאג, ניט בייניאכט, ווייל ביי איהם שטעהט געשריבען ביום המשחו, דאס מיינט, נאר בייטאג זאל מען זאלבען, אבער א קעניג אויך רער כהן וועלכער ווערט געזאלבט פאר מלחמה (משוח מלחמה) קענען ווערען געזאלבט אפילו בייניאכט.

לאו סב. קיין מענש טאר זיך """ שמירען מיט רעם זאלבאויל, אפילו די וועלכע זיינען געזאלבט, ווי א כהן גרול, אדער א קעניג, טארען זיך אויך ניט שמירען מיט רעם זאלבאויל, ווער עס שמירט זיך מיט דעם אויל קומט איהם כרת, א כהן גדול אדער א קעניג ווען מען האט איהם געזאלבט, האט ער ארונטערגענומען אויל פון זיין קאפ, און האט זיך דערמיט געשמירט דאס ליבּ איז ער חייב כרת.

לאו סג. מ'טאר ניט נאכמאכען פאר פריוואטען געברויך, רעם שמן המשחה (זאלבאויל) פון בית המקרש, געברויכענריג אלע דיזעלבע געווירצען, אויך יערער געווירץ פינקטליך מיט'ן זעלבען וואג, און צוזא־מענמישען מיט די זעלבע מאס אויל, כאטש ער מאכט נור א קליינע טייל, קומט איהם כרת.

לאו סד. מ'טאר ניט נאכמאכען אלע געווירצען, צוזאמענשטעלען פינקט־ליך ווי די קטורת, וועלכע מן האט געריכערט אין בית המקדש, מיט רעם גערדאנק צו רויכערען פאר זיך, כאטש ער מאכט נאר א קליינע טייל רערפון, נאר עס איז געמאכט, פון אלע דיזעלבע געווירצען, און מיט דיזעלבע וואג און מאסען, ווי די קטורת איז געמאכט, קומט איהם כרת.

לאו סה. מ'זאל ניט עסען, טרינקען פון וואס די געצענרינער האבען דערמיט גערדינט די געצין, אויך ניט טרינקען פון וויין, וואס מ'האט געגאסען פאר א געץ (יין נסך).

עשה מז. ענדע פון זעקסטען יאר, אנפאנג פון זיבעטען דאס מיינט ראש השנה פון שמיטה יאר, מוז מען אויפהערען אקערען אין פעלר, און ענדע פון שמיטה אנפאנגס פון אכטען יאר טאר מען ניט שניירען, וואס ס'איז געוואקסען אין שמיטה יאר.

לאו סו. ווען מ'קאכט פלייש צוזאמען מיט מילך, טאר מען עס ניט עסען, ניט בלויז עסען נאר אפילו קיין שום הנאה, אויף אן אנדע־רען וועג חוץ עסען, טאר מען אויך ניט הנאה האבען רערפון.

לאו סז. אויב בית דין האט וועמען עס איז פאראורטיילט צום טויט

דורך פארברענען, טאר מען איהם אום שבת ניט פארברענען, דאס שליסט אויך איין אלע אנדערע טויט שטראפען, זאלען ניט ווערען דורכגעפירט אום שבת.

עשה מח. די כהנים מוזען טאן מיט דעם קרבן עולה, אלעם לויט די

פארשריפטען פון דער תורה, ווער עס זינדיגט געגען א מצות עשה, מוז ברענגען א קרבן עולה, וועלכער ווערט אינגאנצען פארברענט אויף דעם מזבח, א קרבן עולה קען זיין פון א רינד, א שעפס, א ציג, אן אלטע אדער א יונגע טויב, אויב דער קרבן איז פון וועלכע עס איז בהמות, מוז עס זיין א זכר, אויך אן א פעהלער, ווען דער קרבן איז פון געפליגעל מוז ניט זיין קיין זכר, און ס'קען אויך זיין מיט א פעהלער, אויסער ווען ס'פעלט א גאנצער גליד, איז עס פסול.

עשה מט. א קרבן מנחה קומט, פון מעהל אויל און געווירצען (לבונה),

קרבן מנחה קומט ניט פאר א זינד, נאר א נדר אדער נדבה, ער בריינגט עס פון גוטען ווילען, קרבן מנחה קען ניט קומען פון צוויי מענשען בשותפות, די כהנים מוזען טאן מיט די מנחה לויט די תורה.

לאו סח. קרבן מנחה טאר ניט געמאכט ווערען חמץ'דיג (זויערטייג),

אויך זאל מען ניט ארייןטאן קיינע זיסקייטען אין קרבן מנחה, פון א גוי אדער פון א איד א רשע, נעמט מען ניט אן קיין קרבן מנחה.

לאו סט. קיין שום קרבן טאר מען ניט מקריב זיין אהן זאלץ.

עשה נ. די כהנים זאלען זאלצען יעדען קרבן, וועלכער געהט צום מזבח,

אזוי ווי מ'זאלצט פלייש צום קאכען, די זאלץ זאל זיין, וואס מ'מאכט פון וואסער, אויב מ'קען עס ניט קריגען, קען מען נעמען זאלץ וועלכע קומט פון דער ערד, די זאלץ צו געברויכען אין בית המקדש, ווערט געקויפט פון קהל'שע געלט.

עשה נא. אויב דער גרעסטער בית דין (סנהדרין) האט דורך פארזעהן

(טעות), ערלויבט צו טאן א זאך פאר וועלכע די שטראף איז כרת, און מענשען האבען אזוי געטאן, פאלגענדיג דעם בית דין, מוז דער בית דין ברענגען, א יונגען רינד פאר א קרבן חטאת.

עשה נב. אויב אן איינצעלנער מענש, האט ניט וויסענדיג באגאנגען

א זינד, פאר וועלכע די שטראף איז כרת, ברענגט ער א ציג א קרבן חטאת.

עשה נג. ווער עס ווייס צו זאגען עדות, ווענען וואס דער בית דין ברויכט

צו וויסען, און ער איז א כשר'ער עדות, מוז ער געהן זאגען סיי ס'איז אן עדות ווענען טויט שטראף אדער ווענען געלט, סיי זיין זאגען איז צו באשולדיגען אדער צו באפרייען, אויב ער געהט ניט עדות זאגען,

האט ער א גרויסע זינד, אויב דער עדות האט פאלש געשוואוירען זאגענ־דיג, דאס ער ווייס ניט קיין עדות, מוז ער ברענגען א קרבן (עולה ויורד), דאס מיינט א קרבן לויט זיינע אומשטענדען; אויב ער איז רייך ברענגט ער א שעפס אדער ציג (נקבה), אויב ער איז ארים ברענגט ער צוויי יונגע אדער אלטע טויבען איינע פאר א קרבן חטאת, און איינע פאר א קרבן עולה, אויב ער איז זעהר שטארק ארים, ברענגט ער א צענטעל מאס מעהל פאר א קרבן מנחה, אהן אויל און אהן געווירץ (לבונה).

עשה נד. אויב אן אומריינער געהט אריין אין מקדש, אדער עסט פון הייליגקייט, פריער אין נאך זיין טאן האט ער געוואוסט, דאס עס קומט פאר דעם כרת, נאר ווען ער האט עס געטאן, האט ער דערפון ניט געוואוסט, וויל ער האט פארגעסען, זאל ער ברענגען אן אשם (עולה ויורד) לויט זיינע אומשטענדען, א רייכער ברענגט א שעפס אדער א ציג, אן ארימאן צוויי טויבען, נאר א ארימאן א צענטעל פון א מאס מעהל (מנחת חוטא).

לאו ע. ווען דער כהן שניידט דורך, דעם האלדז פון א טויב א קרבן חטאת, מיט דעם נאגעל פון זיין דאמענפינגער, טאר ער ניט צו־פיל דורכשניידען, דער קאפ זאל ניט ארונטרפאלען פון קערפער.

לאו עא. אין די מנחת חוטא (זעה עשה נג), טאר מען ניט אריינטאן קיין אויל.

לאו עב. אין די מנחת חוטא טאר מען ניט אריינטאן קיין געווערץ (לבונה).

עשה נה. ווער עס האט ניט־וויסענדיג געהאט א נוצען, פון וואס עס געהערט צום מקדש, אדער געגעסען פון א קרבן, מוז ער באצאלען דעם ווערט, פון וואס ער האט גענוצט, און צוגעבען א פינפטעל פון דעם ווערט, און אויך ברענגען א באראן, אין ווערט פון צוויי זילבער פאר א קרבן (אשם מעילות).

עשה נו. ווער עס האט א פארדאכט, דאס ער איז באגאנגען א זינד, פאר וועלכע עס קומט כרת אויב מען טהוט עס מיט ווילען, און אויב ניט־ווילינ מוז מען ברענגען א קרבן חטאת, למשל עס זיינען פאר איהם געווען צוויי שטיקלעך, איינס כשר פעטס, דאס צווייטע חלב האט ער געגעסען איין שטיקעל, און דאס צווייטע איז פארלוירען געגאנגען, יעצט ווייס ער ניט אויב ער האט געגעסען די כשר'ע שמאלץ, אדער די חלב פאר וועלכען עס קומט כרת, אדער אפילו ניט־ווילענדיגערהייט קומט א קרבן חטאת, זאל ער בריינגען א באראן אין ווערטה פון צוויי זילבער פאר א קרבן (אשם תלוי).

עשה נז. ווער עס רויבט פון צווייטען, אפילו נאר עטוואס מעהר פון א פרוטה, מוז ער דעם רויב צוריקגעבען, צו דעם פון וועמען

ער האט עס גערויבט.

עשה נח. פאר יעדען פון פאלגענדע זינד, ברענגט מען א באראן פאר א קרבן (אשם ודאי) 1. ווען א גזלן שווערט פאלש, דאס ער האט ניט גע'גזל'ט (אשם גזילות) 2. ווער ס'האט א נוצען פון וואס געהערט דעם מקדש (אשם מעילות) 3. ווער עס זינדיגט מיט א גויאישע דינסט, וועלכע א אידישער קנעכט האט געהאט מקדש געווען (אשם שפחה חרופה) 4. ווען א נזיר ענדיגט די צייט פון זיין נזירות (אשם נזיר) 5. ווען א מצורע ווערט אינגאנצען ריין (אשם מצורע).

עשה נט. יעדען פרימארגען זאל דער כהן אפרייניגען די אש פון מזבח טהועגדיג די ארבייט מוז ער אויך זיין געקלײדעט אין די הייליגע כהונה קליידער, ווייל עס רעכענט זיך אויך אן עבודה, דאך זאלען די קליידער זיין, ניט אזוי גוט ווי די וועלכע ער טראגט ביי אנדערע עבודות.

עשה ס. עס מוז שטענדיג ברענען פייער, אויף דעם מזבח, דער מזבח זאל ניט זיין איין רגע אהן פייער, אויב ס'פייער געהט אויס מוז מען עס צוריק אנצונדען.

לאו עג. מען טאר ניט פארלעשען אפילו איין ברענענדיגע קויל פון מזבח, כאטש ער האט די קויל פון מזבח ארונטערגענומען ברענענ־דיגערהייט. און האט זי פארלאשען ווען זי איז שוין געווען אונטען, האט ער דאך די זינד פון פארלעשען.

עשה סא. די איבערבלייבעכץ פון קרבן מנחה, נאכדעם ווי מען האט ארונטערגענומען דעם קומץ, זאלען די כהנים עסען, ס'איז א מצוה אויף די כהנים צו עסען ניט ווייניגער ווי א כזית, די צייט פון עסען די איבערבלייבעכץ פון מנחה איז איין טאג און איין נאכט, ביז האלבע נאכט.

לאו עד. די איבערבלייבעכץ פון קרבן מנחה, טארען די כהנים ניט באקען מיט זויערטייג, עס מוז ווערען געגעסען מצה.

עשה סב. דער כהן גדול, זאל יעדען טאג ברענגען פון זיין אייגענעם, א צענטעל מאס פיינע מעהל, א העלפט איז ער מקריב אין דער פרי, מיט דעם קרבן תמיד פון דער פרי. די צווייטע העלפט איז ער מקריב פארנאכט, מיט דעם קרבן תמיד פון פארנאכט, דער קרבן איז (מנחת חביתין).

לאו עה. יעדער קרבן מנחה וועלכער ווערט געבראכט פון א כהן, טאר ניט געגעסען ווערען, נאר עס ווערט אינגאנצען פארברענט אויפ'ן מזבח, מען שפרייט זאלץ אויף דער מנחה, און מ'ווארפט עס אויפ'ן פייער פון מזבח.

עשה סג. די כהנים זאלען מקריב זיין דעם קרבן חטאת, לויט אלע דינים

פון דער תורה, א חטאת קען מען ברענגען פון שעפסען, ציגען, רינדער, גרויסע אדער קליינע, אויך פון אלטע אדער יונגע טויבען, ס'איז פאראן קרבן חטאת פון גאנצען קהל, ווי דער ציג פון ראש חודש אדער יום טוב, דער מוז זיין נאר א זכר, און דער קרבן חטאת פון אן איינצעלנעם מענש ווען ער באגעהט א זינד איז א נקבה.

לאו עו. אויב די בלוט פון קרבן חטאת, איז געווארען אריינגעבראכט אין דעם היכל וואו עס שטעהט דער גאלדענער מזבח, ווערט דער גאנצער קרבן פסול, און מען מוז דאס גאנצע פלייש פארברענען.

עשה סד. מ'זאל מאכען דעם קרבן אשם, לויט זיינע דינים פון דער תורה, יעדר קרבן אשם, מוז דער וועלכער ברענגט דעם קרבן, ארויפלייגען זיינעביידע הענט, אויף דעם קאפ פון דעם קרבן, מיט אלע זיינע קרעפטען, ער זאל אויסזאגען זיין וידוי פאר גאט ב"ה, און בעטען פארגעבונג אויף זיין זינד.

עשה סה. מ'זאל מאכען דעם קרבן שלמים, לויט זיינע דינים אין דער תורה.

לאו עז. פון קרבן תודה טאר מען ניט איבערלאזען, ביז מארגען, פון דער צייט ווען מ'האט דעם קרבן געשאכטען.

עשה סו. אלע קרבנות האט די תורה באשטימט א צייט ווי לאנג מען מעג זיי עסען, אויב אבער עס איז געבליבען ביז נאך דער באשטימטער צייט, מוז מען עס פארברענען, דאס פארברענען מוז זיין נאר בייטאג, ווייל ס'איז געשריבען אין דער תורה ביום השלישי, באש ישרף, דאס מיינט, דעם דריטען טאג זאל מען עס פארברענען.

לאו עח. אויב דער כהן האט אין צייט פון שעכטען א קרבן, אדער ביים שפריצען די בלוט אויפ'ן מזבח, אדער ביים אננעמען די בלוט אין א כלי, אדער ביים צוטראגען די פלייש צום מזבח, ביי וועלכער עס איז פון די אויסגערעכענטע פיר זאכען, האט דער כהן געטראכט, דאס ער וועט עסען פון דעם קרבן, נאך דער באשטימטער צייט צום עסען. אדער דאס ער וועט עסען די פלייש ניט אויפ'ן ארט וואס די תורה האט באשטימט, ווערט דער קרבן פסול, און האט דעם זעלבען דין ווי נותר, מען מוז עס פארברענען.

לאו עט. מ'טאר ניט עסען די פלייש פון א קרבן, וועלכער איז געווארען אומריין.

עשה סז. קרבנות וועלכע זיינען געווארען אומריין, מוז מען פארברענען.

לאו פ. אלע בהמות פון וועלכע מיר נוצען פאר קרבנות, טאר מען זייער חלב ניט עסען, אבער דער חלב פון חיות וועלכע זיינען כשר צום עסען, מעג מען אויך זייער חלב עסען, ווייל פון חיות נעמט מען ניט פאר קרבנות.

לאו פא. בלוט פון בהמות, חיות, און עופות, סיי פון וועלכע מיר מעגען עסען זייער פלייש, סיי פון די וועלכע מיר טארען זייער פלייש ניט עסען, טאר מען די בלוט ניט עסען, בלוט פון פיש אדער היישעריקען (וועלכע מיר מעגען עסען) מעג מען עסען די בלוט פון זיי.

לאו פב. כהנים זאלען ניט קומען אין בית המקדש באוואקסען מיט גרויסע האר, אויב ער געהט אריין מיט גרויסע האר און טהוט אן עבודה, קומט איהם טויט שטראף, ניט דורכ׳ן בית דין נאר פון הימעל. א כהן גדול טאר קיינמאל ניט האבען קיין גרויסע האר, כאטש ווען ער געהט ניט אריין אין בית המקדש.

לאו פג. כהנים טארען ניט קומען אין בית המקדש אנגעטאן צעריסענע קליידער, די זינד איז ניט אנדערש, סיידען דער כהן איז כשר צו טאן אן עבודה, און ס׳איז די צייט ווען מען מעג טאן אן עבודה.

לאו פד. כהנים טארען ניט פארלאזען דעם בית המקדש, אין מיטען פון זייער ארבייט, סיי א כהן גדול און סיי אן איינפאכער כהן, באטש ער וויל געבען אן אנדערען צו פארענדיגען זיין ארבייט, און ער זאל ארויסגעהן פריער ווי די עבודה ווערט פארטיג טאר ער אויך ניט.

לאו פה. כהנים זאלען ניט קומען אין בית המקדש אנגעטרונקען מיט וויין, ביר א. ד. גל.

עשה סח. ווען מען וויל עסען פלייש פון בהמות אדער חיות, זאל מען פריער נאכזעהן אויב זיי האבען די צייכענס פון כשר׳ע בהמות חיות.

לאו פו. פלייש פון אומריינע בהמות, טאר מען ניט עסען.

עשה סט. ווען מ׳וויל עסען פיש, מוז מען נאכזעהן, אויב זיי האבען פלוס־פעדערען מיט וועלכע די פיש שווימען, און שופען וואס נעמען זיך ארונטער, פון די פיש׳ס הויט, זיינען זיי כשר.

לאו פז. פיש ניט האבענדיג די צייכענס פון כשר׳ע, טאר מען ניט עסען.

לאו פח. אומריינע פויגעל זאל מען ניט עסען, פיר און צוואנציג אומריינע פויגעל, זיינען גערעכענט אין דער תורה, ווער עס קען זיי ניט דערקענען, איז פאראן א צייכען, יעדער עוף וועלבער כאפט אן אנדער פויגעל און ער עסט ניט דעם פויגעל לעבעדיגערהייט, נאר ער שטעכט אין איהם אריין זיינע נעגעל, און לאזט אין איהם אריין גיפט ביז ער ווערט טויט, דאן עסט ער איהם, דאס איז דער צייכען פון אומריינע פויגעל, נאך א צייכען אויב מען ציהט שטארק אויס א דינעם שטריק, מען שטעלט ארויף דעם עוף אויף דעם שטריק אויב ער צעטיילט זיינע פינגער, צו צוויי אין יעדער זייט איז עס א אומריינער עוף.

עשה ע. מען מוז נאכזעהן די צייכענס פון היישעריקען אויב זיי זיינען כשר, ס׳זיינען פאראן דריי צייכענס, אויב ס׳האט פיר פליגעל,

וועלכע פארדעקען א גרויסע טייל פון די לענג פון זיין קערפער, און א גרויסע טייל פון די דיק פון זיין קערפער, אויב ס'האט פיר פיס, אויב ס'האט קניה העכער פון די פיס, מיט וועלכע ס'שפרינגט אויף דער ערד, די דריי זיינען צייכענס דאס זיי זיינען כשר.

עשה עא. אכט (שרצים) קריכענדיגע זיינען אויסגערעכענט אין דער תורה, וועלכע זיינען אומריין, און ווער עס רירט זיך צו זיי צו ווערט אומריין, ער טאר ניט קומען אין בית המקדש, אויך ניט עסן קיין הייליגקייט, מ'ווערט ניט אנדערש אומריין, סיידען מען רירט זיי אן וועט זיי זיינען טויט.

עשה עב. עסענווארג וואס וואקסט, ווי לאנג עס איז ניט אפגעשניטען, קאן עס ניט ווערען אומריין, אפגעשניטענערהייט אויב עס קומט דערויף וואסער, קאן עס ווערען אומריין.

עשה עג. א בהמה וועלכע ווערט טויט ניט דורך שעכטען איז זי (נבלה), זי איז אומריין און ווער עס רירט זיך צו איהר צו ווערט אומריין, ער מוז ארויס פון מחנה שכינה, ניט עסן קיין הייליגקייט, און ניט קומען אין בארירונג מיט קיין מענש אדער זאכען, ביז ער רייניגט זיך, ווייל ער איז אומריין און מאכט אומריין אלעס וואס ער רירט אן.

לאו פט. מ'טאר ניט עסען קיין שרץ וועלכער קריכט אויף דער ערד, שלאנגען עגדיסען ווערים א. ד. גל.

לאו צ. מ'טאר ניט עסען קיינע ווערים אדער שרצים, וועלכע ווערען באשאפען, אין תבואה אדער פרוכט.

לאו צא. מ'טאר ניט עסען שרצים וואס לעבען אין וואסער, אדער חיות וועלכע לעבען אין וואסער, און האבען ניט קיין אויסזעהן פון פיש, ווי א ים הונט, אדער א ים פערד א. ד. גל.

לאו צב. מ'טאר ניט עסען (רמשים) דאס מיינט פארשידענע ווערים און אנדערע, וועלכע קומען ניט פון א זכר און נקבה, נאר ווערען באשאפען פון שמוץ, אומריינע לופט, מיסט אדער פון נבלות.

עשה עד. א פרוי וועלכע האט געבוירען א זכר, איז זי אומריין זיבען טעג, דאן צעהלט זי דריי און דרייסיג ריינע טעג צוזאמען פערציג טעג, אויב זי האט געבוירען א נקבה, איז זי אומריין פערצען טעג און ציילט נאך זעקס און זעכציג ריינע טעג צוזאמען אכציג טעג, סיי זי האט געבוירען א לעבעדיג קינד, סיי א טויט קינד אדער א נפל, איז אלס דער זעלבער דין.

לאו צג. ווער עס ווערט אומריין, טאר ניט עסען קיין תרומה, אדער פלייש פון קרבנות, ביז ער טונקט זיך אין וואסער, און ווארט ביז זון אונטערגאנג, אויב ער ברויך אויך צו ברענגען א קרבן, מוז ער ווארטען ביז ער ברענגט דעם קרבן.

עשה עה. ווען די געווינערין ווערט אינגאנצען ריין, זאָל זי ברענגען א שעפּס איין יאָר אַלט פאר א (קרבן עולה) און א טויב פאר א (קרבן חטאת).

עשה עו. א קרעציגער מענש (מצורע) איז אומריין, און פאראומרייניגט אַלע וואָס רירען איהם אָן, אויב דער מצורע קומט אריין אין א הויז, ווערט אַלעס וואָס געפינט זיך אין הויז אומריין, סיי מענשען סיי כלים, באָטש ער האָט קיין זאַך ניט אָנגערירט.

לאו צד. אויב די קרעץ זיינען אויף א האָריגען אָרט, טאָר מען די האָר ניט אָפּגאָלען, דער כהן זאָל קאָנען זעהן אויב עס בעסערט זיך.

עשה עז. אויב דער כהן האָט דעם מצורע ערקלערט, אַלס פאַרפאַלענער מצורע, מוז ער לאָזען וואַקסען זיינע האָר, און זיך פארדעקען ווי א אבל, ער זאָל צערייסען זיינע קליידער, אפילו ווען דער מצורע איז א כהן גדול, ער טאָר דאָך ניט לאָזען וואַקסען זיינע האָר, אויך טאָר ער דאָך ניט צערייסען זיינע קליידער, דאָך אויב ער איז א מצורע, מוז ער אַלעס טהון גלייך ווי יעדער איינער.

עשה עח. אויב א קלייד קריגט א (נגע), ס'קומט ארויס אויף דעם קלייד א פלעק, זעהר שטארק גרין אָדער רויט, ווערט עס אויך אומריין גלייך ווי א מענש, אָבער ניט אַלע קליידער ווערען אומריין נאָר וואָלענע אָדער ליאַנענע, און לעדערנע געמאַכטע פון פעל פון בהמה אָדער חיה וועלכע לעבען אויף דער טרוקעניש, קליידער געמאַכטע פון פעל פון ים חיות ווערען ניט אומריין.

עשה עט. דער כהן מוז ערקלערען דעם מצורע אַלס ריינער, באלד ווי דער מצורע ווערט געהיילט אָהן אויפהאַלטונג, אפילו ווען דער כהן אליין איז דאַמאָלס אומריין, קען ער אויך ערקלערען דעם מצורע אַלס ריינער, ס'איז א מצוה אז דער זעלבער כהן, וועלכער האָט איהם דערקלערט אומריין, זאָל איהם איצט ערקלערען ריין, ווייל ס'איז געשריבען לטהרו או לטמאו.

עשה פ. דעם זיבענטען טאָג נאָך דעם ווי דער כהן האָט גערייניגט דעם מצורע, זאָל דער כהן צום צווייטען מאָל אָפּגאָלען דעם מצורע מיט א דאַזיר מעסער זיין גאַנצען קערפּער יעדעס אָרט וואו עס איז נאָר פאראַן האָר. נאָך דעם אָפּגאָלען, זאָל דער מצורע וואַשען זיינע קליידער, און זיך טונקען אין מקוה און ער איז שוין ריין, ער מעג שוין עסען מעשר, ווען די זון געהט אונטער מעג ער שוין עסען תרומה, (אויב ער איז א כהן), אָבער ער טאָר נאָך ניט עסען קיין הייליגקייט, ביז וואַנען ער ברענגט זיינע קרבנות.

עשה פא. נאךביידע מאל וואס דער מצורע גאלט אפ זיינע האר, מוז ער זיך טונקען אין מקוה, ס'זאל פון איהם אוועק די אומריינינג־קייט, אזוי אויך אלע אנדערע וועלכע ווערען אומריין, ווי א פרוי א נדה, א געווינערין, ווער ס'ווערט אומריין פון א טויטען אדער כלים וועלכע ווערען פאראומריניקט, קענען אנדערש ניט ארויס פון זייער אומרינגקייט, סיידען זיי טונקען זיך אין א מקוה, אלע וועלכע דארפען זיך טונקען מוזען עס טאן נאר בייטאג, חוץ א נדה און א געווינערין טונקען זיך ביינאכט.

עשה פב. דעם אכטען טאג נאך דעם ווי דער מצורע האט דורכגעפירט זיין ריינינגונג, אלעס פינקטליך לויט'ן דין תורה, ביז צו זיין ברענגען די קרבנות, קומט ער אין בית המקדש אין עזרת נשים, נאר דארט מעג ער אריינקומען (ווייל ער האט נאך ניט געבראכט זיינע קרבנות) ער טונקט זיך אין מקוה, און ברענגט די קרבנות, צוויי שעפסען אהן פעהלער איינער פאר אן עולה און איינער פאר אן אשם, איין שעפס (נקבה) איין יאר אלט אהן פעהלער פאר א חטאת, דריי צענטעל פיינע מעהל דורכגעמישט מיט אויל פאר א מנחה, וויין צו יעדען שעפס איין פערטעל פון דער מאס (הין), און נאך איין קווארט אויל, אויב ער איז אן ארימאן ברענגט ער נאר איין שעפס (נקבה) פאר אן אשם, איין צענטעל מעהל, איין קווארט אויל און צוויי אלטע אדער יונגע טויבען איינע פאר אן חטאת און איינע פאר אן עולה, דער כהן טהוט אלעס לויט ווי ס'איז אין דער תורה, דאן ווערט דער מצורע ערקלערט ריין גלייך ווי אלע אנדערע אידען.

עשה פג. ווער ס'זעהט א נגע אין זיין הויז (די ווענט קריגען פלעקען גרינע אדער רויטע), מוז ער קומען צום כהן זאגענדיג, אזוי ווי א נגע זעהט זיך אין מיין הויז, דאן הייסט דער כהן אלעס ארויסנעמען פון הויז, פאר דעם כהן'ס קומען זעהן די הויז, ווייל דער כהן מוז זעהן די הויז אינגאנצען לידיג, אויב די הויז איז פינסטער מ'קאן ניט זעהן, סיידען מ'צינדט אן א ליכט, קען עס ניט טמא ווערען פון א נגע, אויך מוז די הויז זיין ניט וויניגער ווי פיר איילען, ס'מוז אויך האבען פיר ווענט פיר עקיג, ניט רונדיג אדער מיט דריי אדער פינף ווענט, דאן קומט דער כהן און פיהרט אלעס דורך לויט די פארשריפטען פון תורה, און ערקלערט די הויז ריין אדער ניט.

עשה פד. א (זב) א מאן פון וועלכען עס רינט א פליסיגקייט, ניט קיין זרע (זאמען), אויב עס געהט פון איהם צוויי מאל, ווערט ער אומריין, און מאכט אומריין אלעס, אויף וואס ער ליגט אדער זיצט, אויך וואס ער רירט אן ווערט אומריין, אויב ער זעהט דריי מאל נאכאנאנד, מוז ער ברענגען א קרבן, ווען ער ווערט אויסגעהיילט.

עשה פה. ווען דער זב ווערט אויסגעהיילט, ציילט ער זיבען ריינע טעג, דעם זיבעטען טאג פארנאכט, מוז ער זיך טונקען אין מקוה, דעם אכטען טאג ברענגט ער צוויי טויבען איינע א חטאת, און איינע אן עולה.

עשה פו. א מאן וואס געהט פון איהם ארויס זרע (זאמען), מוז ער זיך טונקען אין מקוה, און בלייבט אומריין ביז פארנאכט, יעדע זאך אויף וואס עס קומט ארויף זרע, מוז מען אויסוואשען, און ס'איז אומריין ביז פארנאכט.

עשה פז. ווען א פרוי איז א נדה (זי האט איהר צייט), איז זי אומריין, אלעס וואס זי רירט אן ווערט אומריין.

עשה פח. ווען א פרוי האט אפגעציילט זיבען טעג נדה, פון אכטען טאג האט זי געזעהן בלוט דריי טעג נאכאנאנד, אדער די דריי טעג זיינען געווען, מיט א טאג שפעטער נאך די נדה, האט זי דעם דין פון א זבה, זי איז אומריין, אלעס אויף וואס זי ליגט אדער זיצט איז אומריין, און ווער עס רירט אן אין איהר, מוז זיך טונקען אין מקוה, און בלייבט אומריין ביז פארנאכט.

עשה פט. ווען די זבה ווערט געהיילט, זאל זי ברענגען איהרע קרבנות צו רייניגען זיך. נאכדעם ווי זי האט געציילט זיבען ריינע טעג, און זיך געטונקען אין מקוה נאך זון־אונטערגאנג, כאטש זי איז שוין ריין, דאך טאר זי נאך ניט עסען קיין הייליגקייט ביז זי ברענגט איהרע קרבנות, זאל זי ברענגען דעם אכטען טאג צום כהן, צוויי אלטע אדער יונגע טויבען, איינע א חטאת און איינע אן עולה.

לאו צה. כהנים טארען ניט אריינגעהן אין בית המקדש, נאר ווען זיי געהן דארט ארבעטען, אויך דער כהן גדול, טאר ניט אריינגעהן אין (קדש קדשים) דער גאר הייליגסטער ארט אין בית המקדש, נאר אום יום כפור צו טאן עבודה פיר מאל, אויב ער געהט אריין א פינפטען מאל אדער אן איינפאכער כהן געהט אריין אין קודש הקדשים, קומט זיי טויט שטראף פון הימעל.

עשה צ. אלע ארבייט אין בית המקדש אום יום כפור, מוז טאן נאר דער כהן גדול, אויב אן איינפאכער כהן טהוט אן עבודה אום יום כפור, און ס'איז אויך א מלאכה וואס מ'טאר ניט טאן אום יום כפור, קומט איהם טויט שטראף פאר טאן אן עבודה פון כהן גדול, חוץ די זינד פון טאן א מלאכה אום יום כפור.

לאו צו. א קרבן טאר מען אין ערגעץ ניט שעכטען, סיידען אין בית המקדש, אבער דאס איז נאר, אויב דער קרבן קאן ווערען געבראכט אין בית המקדש, אבער ווען דער קרבן קאן ניט געבראכט ווערען אין בית המקדש, אין פאל דער קרבן איז געווען פון א מצורע אדער א געווי־

גערין א׳ ד׳ ג׳ ס׳איז אבער נאך ניט געקומען די צייט צו ברענגען דעם קרבן, דאן אויב מ׳האט עס געשאכטען ניט אין בית המקדש איז מען פטור.

עשה צא. ווען מ׳שעכט א כשר׳ע חיה אדער עוף, מוז מען שפרייטען ערד אונטער דעם בלוט, און אויף דעם בלוט צודעקען מיט ערד, מ׳קאן אויך צודעקען מיט מיסט, זאמד (זעהר דינע) צומאלענע שטיינער, זעגעכץ פון האלץ, אש פון פארברענטע קליידער אדער עסענווארג א. ד. גל. ווייל די אלע זאכען אויב מ׳וועט ארייננטאן זאמען וועט דערפון ארויסשפראצען, איז עס גלייך ווי ערד.

לאו צז. מען טאר ניט האבען קיין נאענטע באציאונג מיט די פרויען, וועלכע מ׳קאן ניט הייראטען צוליב פארוואנדשאפט, אדער ווייל זיי זיינען פארהייראט.

לאו צח. ווער עס שענדעט זיין אייגענעם פאטער, האט נאך א זינד, חוץ די זינד פון שענדען א מאן.

לאו צט. מ׳טאר ניט שענדען אן אייגענע מוטער, כאטש זי האט ניט געהייראט זיין פאטער לויט״ן אידישען דין, איז זי דאך זיין מוטער, אויב זי האט געהייראט זיין פאטער מיט׳ן אידישען דין, האט ער צוויי זינד, איינע פאר שענדען זיין מוטער, און איינע פאר שענדען זיין פאטער׳ס פרוי.

לאו ק. מ׳טאר ניט שענדען זיין פאטער׳ס פרוי, כאטש זי איז ניט זיין מוטער, אפילו ווען זי איז געשידען געווארען פון זיין פאטער, אדער ער איז געשטארבען.

לאו קא. מ׳טאר ניט הייראטען זיין שוועסטער, כאטש ס׳איז בלויז פון איין פאטער אדער מוטער, אויך אונגעזעצליך געבוירענע שוועסטער און בדודער, טארען ניט הייראטען צווישען זיך.

לאו קב. מ׳טאר ניט הייראטען אן אייגענעם זוהן׳ס טאכטער, דא רעדט זיך וועגען אן אונגעזעצליך געבוירענעם זוהן, ווייל אויב דער זוהן איז געבוירען פון א געזעצליכע הייראט, איז פאראן צוויי זינד, איינע פאר א זוהן׳ס טאכטער, און פאר א פרוי און איהר זוהן׳ס טאכטער.

לאו קג. מ׳טאר ניט הייראטען אן אייגענע טאכטער׳ס טאכטער, דא רעדט זיך וועגען אן אונגעזעצליך געבוירענע טאכטער, ווייל אויב ס׳איז א טאכטער געבוירען דורך געזעצליכע הייראט, איז דאך פאראן צוויי זינד, איינע פאר א טאכטער׳ס טאכטער, און איינע פאר א פרוי און איהר טאכטער׳ס טאכטער.

לאו קד. מ׳טאר ניט הייראטען זיינע אייגענע טאכטער, דא רעדט זיך וועגען אן אומגעזעצליך געבוירענע טאכטער, ווייל ביי א טאכטער

געבוירען פון א געזעליכע הייראט, איז דאך א חוץ די זינד פון א טאָכטער, נאך פאראן א זינד פאר א פרוי און איהר טאָכטער.

לאו קה. מ'טאָר ניט הייראטען זיין שוועסטער, וועלכע איז געבוירען צו זיין פאָטער פון א געזעצליך געהייראטע פרוי.

לאו קו. מ'טאָר ניט הייראטען זיין פאָטער'ס שוועסטער, פון איין פאָטער אָדער מוטער.

לאו קז. מ'טאָר ניט הייראטען זיין מוטער'ס שוועסטער, פון איין פאָטער אָדער מוטער.

לאו קח. מ'טאָר ניט שענדען זיין אייגענעם פאָטער'ס ברודער, מ'האָט נאָך א זינד, חוץ די זינד פון שענדען א מאַן.

לאו קט. מ'טאָר ניט הייראטען זיין טאַנטע, כאָטש זי איז געשידען פון אָנקעל אָדער ער איז געשטאָרבען.

לאו קי. מ'טאָר ניט הייראטען זיין שנור, כאָטש זי איז געשידען פון זיין זוהן, אָדער זיין זוהן איז געשטאָרבען.

לאו קיא. מ'טאָר ניט הייראטען זיין ברודער'ס פרוי כאָטש זי איז גע־שידען אָדער דער ברודער איז געשטאָרבען.

לאו קיב. מ'טאָר ניט הייראטען זיין פרוי'ס טאָכטער.

לאו קיג. ווען זיין פרוי האָט א זוהן פון אַן אנדער מאַן, זאָל דער מאַן ניט הייראטען, דעם זוהן'ס טאָכטער.

לאו קיד. אויב זיין פרוי האָט א טאָכטער פון אַן אנדער מאַן, טאָר דער מאַן ניט הייראטען די טאָבטער'ס טאָכטער.

לאו קטו. מ'טאָר ניט הייראטען, זיין פרוי'ס שוועסטער, ווי לאַנג זיין פרוי לעבט, כאָטש ער האָט זיך געשיידט מיט זיין פרוי.

לאו קטז. מ'טאָר ניט זיין צוזאמען מיט א פרוי, ווען זי איז אומריין, כאָטש עס זיינען פאָריבער די ריינע טעג. ווי לאַנג זי האָט זיך ניט געטונקען אין א מקוה, האָט זי דעם דין פון א אומריינע.

לאו קיז. מ'טאָר ניט גיבען פון זיינע קינדער, צו פירען דורך פייער פאר דעם אָפּגאָט מולך.

לאו קיח. מ'טאָר ניט שענדען א מאַן, די זינד איז גלייך אויף ביידען.

לאו קיט. מ'טאָר ניט האָבען געשלעכטליכע באציאונג מיט א בהמה, חיה, א. ד. גל.

לאו קכ. א פרוי טאָר ניט האָבען געשלעכטליכע באציהונג מיט א בהמה, חיה, א. ד. גל.

עשה צב. מען מוז מורא האָבען, פאר זיין פאָטער און מוטער באָטש זיי שלאָגען, אָדער שפייען אין פנים, טאָר מען זיי ניט פארשעמען.

לאו קכא. מ'טאָר ניט אנערקענען געצענדינסט, אפילו ניט אין די גערדאנקען.

לאו קכב. מ'טאָר ניט מאכען קיינע געצען, באטש מ'דינט זיי ניט.

לאו קכג. אויב עס בלייבט איבער פון אַ קרבן ביז נאָך די צייט, וואָס די תורה האָט באַשטימט צום עסען, טאָר מען עס ניט עסען, ווער עס עסט דערפון, קומט איהם כרת.

לאו קכד. ווען מען שניידט אָפּ די תבואה פון פעלד, טאָר מען ניט אָפּשניידען די גאנצע תבואה, ניט איבערלאָזענדיג פאר די אָרימע־לייט, מ'טאָר ניט איבערלאָזען די תבואה פאר אָרימעלייט, ניט אין אָנפאנג פעלד, ניט אין מיט'ן פעלד, נאָר ווי עס ענדיגט זיך דאָס פעלד (פאה).

עשה צג. מ'זאָל איבערלאָזען שטעהענדיגע תבואה (פאה) ניט וויניגער ווי איין זעכציגסטע טייל פון וויפיל עס וואקסט אויף דעם גאנ־צען פעלד. אויב עס זיינען ניט פאראן קיין אָרימעלייט, מעג דער בעל הבית נעמען פאר זיך די גאנצע פאָה, ניט לאָזען ס'זאָל קאליע ווערען אין פעלד, ניט בלויז פון תבואה מוז מען איבערלאָזען פאה, נאָר אויך פון פרוכטבוימער.

עשה צד. זאנגען וועלכע פאלען ארויס פון די שניידמעסער, אָדער פון האַנט ביים רייסען, אויב ס'פאלט איינער אָדער צוויי, געהט עס פאר די אָרימעלייט, דריי זאנגען איז עס שוין ניט לקט, ס'געהט צום בעל הבית, ס'איז ניט אנדערש לקט, סיידען די זאנגען פאלען ארויס פון זיין האנט אָהן שום צופאל, אָבער אויב ער האָט זיך פארשטאָכען אין האַנט און האָט געעפענט זיין האַנט צו זעהן וואָס ס'איז, דערוויי־ זיינען די זאנגען ארויסגעפאלען פון זיין האנט, איז עס ניט לקט.

לאו קכה. זאנגען וועלכע פאלען ארונטער ביים שניידען, טאָר דער בעל הבית ניט אויפקלייבען (לקט).

לאו קכו. ווען מ'נעמט ארונטער ווינטרויבען, טאָר מען ניט מיטשניידען די שלעכט צווייגען, אויף וועלכע ס'זיינען נאָר פאראן איינצעלנע ווינטרויבען. (עוללות).

עשה צה. דער בעל הבית פון ווינגאָרטען, זאָל איבערלאָזען פאר אָרי־ מעלייט, אַלע צווייגען וועלכע האָבען ניט קיין געהענגעל, נאָר בלויז איינצעלנע טרויבען, דער בעל הבית ברויך ניט אָפצושניידען, די צווייגען וועלכע געהן פאר די אָרימעלייט, נאָר די אָרימעלייט מוזען אליין אָפּשניידען זייערע צווייגען, די אָרימעלייט האָבען ניט קיין רעכט צו שניידען זייערע צווייגען, ווי לאנג דער בעל הבית האָט נאָך ניט אנגעפאנגען צו שניידען.

לאו קכז. איינצעלנע טרויבען וועלכע פאלען ארונטער פון די געהענגעל ביים שניידען טאר דער בעל הבית ניט צוזאמענקלייבען, אויב דער בעל הבית שטעלט א קארב אונטער דעם בוים, ס'זאל דארט אריינפאלען די איינצעלנע טרויבען, הייסט עס דאס ער בארויבט די ארימעלייט, ווייל ווען די איינצעלנע טרויב פאלט ארונטער פון געהענגעל, איז עס שוין דעם ארימאנ'ס. (פרט)

עשה צו. מען מוז לאזען די אראפגעפאלענע איינצעלנע טרויבען פאר ארימעלייט, אויב מ'שניידט די טרויבען, ווארפענדיג די אפגעשניטענע גלייך פון בוים צו דער ערד, ווען מען נעמט שפעטער אלעס אוועק, מוז מען איבערלאזען אלע אפגעריסענע איינצעלנע פאר די ארימעלייט פרט, אפילו אויב א גאנצע געהענגעל איז צופאלען, געהט אלעס פאר ארימעלייט.

לאו קכח. מ'טאר ניט גנב'ענען געלט אדער זאכען, סיי פון א איד אדער פון א גוי, כאטש ער דענקט עס צוריק צוגעבען, נאר בלויז יענעם צו מאכען פארדראס, אדער ער מאכט שפאס, אויך טאר מען ניט קויפען פון א גנב.

לאו קכט. ווער עס האט ביי זיך פרעמד געלט, סיי מ'האט עס ביי איהם באהאלטען, אדער איהם געבארגט, סיי ער האט עס גערויבט, אויסגעשווינדעלט, אדער ער האט עס געפונען, ווען מ'מאנט עס צוריק פון איהם זאל ער ניט אפלייקינען, כאטש ער שווערט זיך ניט.

לאו קל. אויב איינער האט פארנומען פרעמדע געלט, און ווען מען מאנט ביי איהם די געלט לייקענט ער אפ, טאר ער ניט שווערען פאלש, אויב ער האט פאלש געשוואוירען, מוז ער באצאלען קרן, דאס מיינט, וויפיל עס באטרעפט, און צולעגען א פינפטעל פון דער גאנצער סומע, און מוז ברענגען א קרבן אשם (אשם גזלות).

לאו קלא. מ'טאר קיינמאל ניט פאלש שווערען, דא רעדט זיך וועגן צוויי פאלשע שבועות, איינע ווען ער שווערט פון דער פארגאנגענהייט, ער שווערט דאס ער האט געגעסען, און ער האט ניט געגעסען, אדער ער שווערט דאס ער איז געשלאפען און ער איז ניט געשלאפען, די צווייטע איז ווען ער שווערט פון דער צוקונפט, ער שווערט דאס ער וועט עסען און עסט נישט, אדער ער שווערט דאס ער וועט שלאפען און שלאפט ניט.

לאו קלב. ווער עס האט ביי זיך פרעמדע געלט אדער זאכען, וועלכע זיינען איהם געגעבען געווארען צו באהאלטען אדער געבארגט, יעצט ווען מ'מאנט איהם צוריק צוגעבען, גיט ער יעדעם מאל אנדערע אויסריידען, אפלייגענדיג פון מאל צו מאל, ביז מען וועט מיד ווערען צו מאנען, אדער ער איז א שלעכטער און שטארקער מענש, מ'האט פאר איהם

מורא, און ער אליין וויל ניט צוריקגעבען, איז אויף איהם די זינד פון לא תעשוק.

לאו קלג. ווער עס רויבט געלט אדער זאכען מיט געוואלד, סיי פון א איד סיי פון א גוי, ווען דער צווייטער איז דערביי, איז ער א גזלן, און מוז באצאלען, מ'טאר ניט האבען קיין הנאה פון א גע'גזל'טע זאך אויב ער איז זיכער דאס די בהמה איז א גע'גזל'טע, טאר ער אויף איהר ניט רייטען, אדער אקערען מיט איהר, א גע'גזל'טע פעלד טאר מען ניט דורכפארען אין איהר, אדער אריינגעהן אין איהר זיצען אויף דער זון, אויב איינער האט גע'גזל'ט האלץ און פון דעם געמאכט א בריק, טאר מען אויף דעם בריק ניט געהן אדער פארען.

לאו קלד. מ'טאר ניט אויפהאלטען פון באצאלען דעם ארבייטער זיין פארדינסט, א טאג ארבייטער מוז ווערען באצאלט ניט שפעטער ווי די גאנצע נאכט, א נאכט ארבייטער מוז ווערען באצאלט ניט שפעטער ווי דעם גאנצען טאג, א שטונדע ארבייטער, אויב ער ארבייט כייטאג מוז ער ווערען באצאלט בייטאג, אויב ביינאכט קריגט ער באצאלט ביינאכט, אויב ער ארבייט פון וואך, חדש אדער יאר, אויב ער הערט אויף ארבייטען בייטאג, קריגט ער באצאלט בייטאג, אויב ער הערט אויף ארבייטען ביינאכט, קריגט ער באצאלט ביינאכט.

לאו קלה. מ'טאר ניט שילטען א טויבען מענשען, אויך ניט א הערענדיגען, ווען ער איז ניט דערביי, אויך זאל מען ניט שילטען זיך אליין, א שטאט מיט אירען אדער אלע אידען צוזאמען, ווער ס'שילט א פאר־שטארבענעם, אדער אפילו א לעבעדיגען וועלכער איז פאראורטיילט צום שטארבען איז ער פטור.

לאו קלו. אויב איינער פרעגט דעם צווייטען אן עצה, וועגען וואס ער אליין איז אין דער זאך ניט באקאנט, טאר מען איהם ניט געבען א שלעכטע עצה, סיי ס'איז וועגען געלט־זאכען, סיי וועגען תורה, אדער וואס ס'זאל ניט זיין, אפילו א גוי טאר מען אויך ניט געבען א שלעכטע עצה, כאטש מ'טאר איהם ניט געבען קיין גוטע עצה, זאל מען זיך אפהא־לטען פון געבען אן עצה, אבער קיין שלעכטע עצה טאר מען איהם ניט געבען, אויך טאר מען קיינעם ניט ברענגען צו טאן א זינד, דעריבער זאל א פאטער ניט שלאגען זיין דערוואקסענעם זוהן, ווייל טאמער שלאגט ער איהם צוריק.

לאו קלז. א דיין טאר ניט ארויסגעבען אן אורטייל, צו באשולדיגען דעם גערעכטען, און גערעכט מאכען דעם שולדיגען, אויך ווען ער האט שוין ביי זיך באשלאסען דעם אורטייל, טאר ער איהם ניט אויפהאלטען נאר גלייך ארויסגעבען.

לאו קלח. א ריין טאָר ניט אָפּגעבען כבוד צו איינעם, מעהר ווי צום צווייטען בעל דין, כאָטש ער איז א מעהר אָנגעזעהנער מענש, ער זאָל אויך ניט איינעם לאָזען שטעהן, און דעם צווייטען בעטען זיצען.

עשה צז. דער דיין זאָל באהאנדלען ביידע בעלי דינים גלייך, ניט איינער זאָל רעדען וויפיל נאָר ער וויל, און דעם צווייטען הייסען ריידען וואָס ווייניגער, אָדער צו איינעם ריידען שטרענג, און צום צווייטען ווייכע רייד.

לאו קלט. ווער עס זאָגט צו א צווייטען ב'האָב געהערט ווי יצחק האָט וועגען דיר דערציילט, כאָטש ער האָט טאקע געהערט, און ס'איז וועגען איהם קיין שלעכטס ניט דערציילט געוואָרען, דאָך, ווייל ער טראָגט אָפּ רייד, פון איינעם צום צווייטען, איז ער א הולך רכיל, וואָס איז א גרויסע זינד, אויב מ'דערציילט פון איינעם זאכען, איהם צו פארשעמען, אויב ס'איז ליגענט, איז ער א מוציא שם רע (ער מאכט דעם צווייטען א שלעכטען נאָמען דורך ליגענט) דאָס איז א פיל גרעסערע זינד, אויב ס'איז וואָר, איז ער א לשון הרע דערציילער, ווער עס רעדט שטענדיג לשון הרע, דער איז א בעל לשון הרע דאָס מיינט א לשון הרע מאַן, די אַלע אויסגערעכענטע זיינען די שטאַרקסטע זינד, ס'איז גלייך ווי מ'לייקענט אין גאָט, ברוך הוא, די שטראָף איז גרעסער ווי מ'דינט עבודה זרה.

לאו קמ. ווער ס'זעהט א איד טרינקט זיך אין טייך, אָדער מערדער באַפאַלען איהם, און ער אַליין קאָן איהם רעטען, אָדער ער קאָן רינגען אָנרערע איהם צו רעטען, און ער האָט איהם ניט גערעטעט, אָדער ווען ער ווייס, דאָס גויים אָדער רויבער פּלאָנען איינעם צו באַרויבען, און ער וואָלט געקענט זיי אָפּרעדען פון זייערע שלעכטע פּלענער, אויב ער האָט עס ניט געטאָן, איז עס זעהר א גרויסע זינד, ווייל ווער עס מאכט פארלירען א אידישען נפש איז גלייך ווי ער וואָלט פארניכטעט די גאַנצע וועלט.

לאו קמא. מ'טאָר ניט טראָגען קיין האס אין הארצען נעגען א איד, אויב איינער האָט איהם שלעכטס געטאָן, זאָל ער איהם אויסריידען, פרעגענדיג וואָרום האָסטו מיר אזוי געטאָן, און זאָל זעהן דעם האס ארויסצונעמען פון הארצען.

עשה צח. ווער ס'זעהט איינער באַגעהט א זינד, מוז ער איהם אויפקלערען, דאָס ס'איז א זינד, און זעהן ביי איהם אויסווירקען, ער זאָל מעהר די זינד ניט באַגעהן, סיי ס'איז א זינד צווישען מענש און מענש, סיי צווישען גאָט און מענש, ווען ער געהט איהם שטראָפען, טאָר קיין פרעמרער מענש דערביי ניט זיין, ער זאָל ניט פארשעהמט ווערען, אויב ער פאָלגט איהם ביים ערשטען מאָל איז גוט, אויב ניט, זאָל ער

פרובירען א צווייטען מאָל, און מעהר מאָל, ביז דער זינדיגער אנטזאגט זיך צו פאָלגען, ער ווערט בייז און פאנגט אָן צו שלאָגען דעם וועלכער שטראָפט איהם, דאַן ברויך ער שוין מעהר איהם ניט שטראָפען, אָבער ווער עס קאָן איינעם אָפּהאַלטען פון זינדיגען, און ער טהוט עס ניט, ווערט ער אויך געשטראָפט פאַר די זעלבע זינד.

לאו קמב. מ׳טאָר ניט פאַרשעמען א אידען, און געוויס ניט צווישען מענשען, סיי א גרויסען סיי א קליינעם, מ׳טאָר קיינעם ניט רופען מיט א נאָמען, פון וועלכען ער ווערט פאַרשעהמט, אָדער צו ריידען פאַר איהם, פון וואָס ער ווערט פאַרשעהמט, דאָס אַלעס איז נאָר ווען ס׳האַנדעלט זיך וועגען וואָס עס איז צווישען מענש און מענש, אָבער ווען ס׳קומט וועגען וואָס ס׳איז צווישען מענש און גאָט, ווען איינער באַגעהט א זינד געגען גאָט, דאַן אויב מ׳שטראָפט איהם צווערשט צווישען זיך, און ער וויל ניט פאָלגען, מעג מען איהם שטראָפען צווישען מענשען, און ס׳איז א מצוה איהם צו פאַרשעמען, אפילו אויך שלאָגען, ביז ער וועט בעסער ווערען.

לאו קמג. אויב איינער האָט דיר אַמאָל ענטזאגט א זאך צו באָרגען, יעצט קומט ער ביי דיר באָרגען, זאָלסטו ניט נעמען נקמה זאָגענדיג, איך וויל דיר ניט באָרגען, ווייל דו האָסט מיר אויך ניט געוואָלט באָרגען.

לאו קמד. אויב איינער האָט דיר אַמאָל ענטזאגט א זאך צו באָרגען, יעצט קומט ער ביי דיר באָרגען, זאָלסטו ניט זאָגען, איך וועל דיר יאָ באָרגען, כאָטש דו האָסט מיר ניט געבאָרגט, ווייל דאָס צייגט דאָס דו טראָגסט נאָך דעם האָס ביי דיר אין האַרצען.

עשה צט. מען מוז ליבען מיט׳ן גאנצען לעבען, יעדען איד׳ס לעבען און פאַרמעגען, גלייך ווי זיין אייגענס, דאָס איז דער וויכטיגסטער פונקט אין דער תורה, ווייל אויב ער וועט טאַקע ליבען יעדען אידען גלייך ווי זיך אליין, וועט ער שוין ניט גנב׳ענען אָדער באַשווינדלען, אָדער אַ שאָדען טאָן צו קיינעם, און אויב ער וועט זיין אזוי צו אַנדערע, וועלען דאָך געוויס די אַנדערע געגען איהם אויך אזוי זיין, דאַן וועט זיין בלויז פריינדשאַפט און שלום צווישען אַלע אידען.

לאו קמה. מ׳טאָר ניט צוזאַמענברענגען צו פאַרמערען זיך, פון צוויי באַזונדערע מינים איינע מיט א צווייטע, ווי אַן אָקס מיט א פערד, א בהמה מיט אַ חיה, א חיה מיט א ים חיה, אָדער צוויי באַזונדערע מינים עופות, אפילו ניט ווען ביידע זיינען כשר׳ע אָבער זיי זיינען צוויי באַזונדערע מינים.

לאו קמו. מ׳טאָר ניט פאַרזייען אין א פעלד אין ארץ ישראל, צוזאַמענ־געמישטע זאַמען פון פאַרשיידענע מינים, מיט א מאָל, ווי ווייץ

מיט גערישטען, האבער מיט קארן א. ד.גל. אויב מ'האט פארזייט כלאים (געמישטע זאמען) און ס'האט ארויסגעוואקסען מוז מען עס ארויסרייסען, מ'טאר ניט פארזייען געמישטע זאמען, נאר פון די וועלכע קאנען געגעסען ווערען פון מענשען אדער בהמות, אבער ביטערע גראזען וועלכע קאנען ניט געגעסען ווערען, זיי זיינען נאר פאר רפואות וועגען, מעג מען זיי פארזייען געמישטערהייט.

לאו קמז. ווען מ'פלאנצט נייע בוימער, צעהלט מען אפ דריי יאר פון דעם פלאנצען, און אלע פרוכט וועלכע וואקסען אין די דריי יאר, טאר מען קיין מאל ניט עסען, אויך ניט האבען קיין שום הנאה פון זיי, מ'קאן די פרוכט ניט אויסלייזען מיט געלט, מ'טאר ניט געברויכען סיי די פרוכט, די קערנער, די שאלען, קערנער און שאלען פון ווינטרויבען זיינען אלע אין דעם איסור פון ערלה, אבער די בלעטער און די וואסער וועלכע געהט פון די בוימער ביים שניידען די ווינטרויבען, מעג מען געברויכען.

עשה ק. ווען מ'פלאנצט נייע בוימער וועלכע טראגען פרוכט צום עסען, אלע פרוכט וועלכע וואקסען ארויס, אין פערטען יאר, פון פופצען טאג אין מאנאט שבט, ביז פופצען טאג אין מאנאט שבט דעם פינפטען יאר, דאס זיינען די פרוכט וועלכע האבען געבליהט פון פופצען טאג אין שבט אין פערטען יאר, כאטש זיי זיינען ניט פארטיג געווארען אין פערטען יאר, דארף רעכענען זיך די פירות צום פערטען יאר, ווען דער בית המקדש איז געשטאנען, האט מען די פרוכט פון פערטען יאר, געמוזט פירען קיין ירושלים און זיי דארט עסען, אדער מ'האט די פירות אויס-געטוישט אויף געלט, און דאס געלט געפירט נאך ירושלים, פאר דעם געלט האט מען נאר געקאנט קויפען צום עסען און טרינקען אין ירושלים.

לאו קמח. מ'טאר ניט עסען די פלייש פון א בהמה אדער עוף נאכ'ן שעכטען, סיידען ס'געהט פון זיי ארוים די בלוט, אויף וועלכע זיי קאנען לעבען, אויך לערנען מיר פון דאנען, מ'זאל ניט עסען פון קיין פלייש פון קרבנות, סיידען מ'האט שוין געשפריצט פון דעם בלוט אויף דעם מזבח, נאך לערנען מיר דא, אז דער בית דין וועלכער האט פאראורטיילט א מענשען צו טויט שטראף, טאר דער בית דין דעם גאנצען טאג קיין שום עסען ניט פארזוכען, אויך לערנען מיר דא, מ'זאל גארנישט עסען אין דער פרי, ווי לאנג מ'האט ניט געדאווענט.

לאו קמט. מ'זאל ניט גלויבען אין קיין זאך פון די אבערגלויבער, ווי די וואס זאגען, ווייל מיין ברויט איז געפאלען פון מיין האנט, מיין שטעקען איז געפאלען פון מיין האנט, וויל איך היינט ניט געהן וואו איך האב געדענקט צו געהן, אויב איך וועל געהן היינט, וועט עס

זיך ניט אויספירען, אָדער ער זאָגט, ווייל אַ פוקס איז פאַרביי געלאָפען
פון מיין רעכטע זייט, גיה איך היינט ניט ארויס פון מיין הויז, אויב
איך וועל ארויסגעהן וועט מיך אָנטרעפען אַ שווינדלער.

לאו קנ. מ׳טאָר ניט גלויבען אין שטונדען אָדער טעג, ווי די וועלכע
זאָגען, דער טאָג איז אַ גוטער, דער טאָג איז אַ שלעכטער, אין
דעם טאָג איז גוט צו טאָן די זאַך, דער חדש אָדער דאָס יאָר, איז גוט
צו טאָן די זאכען, אָדער זאָגען זאָלסט מיך יעצט ניט מאָנען צו דער
פולער וואָך, אָדער אָנפאַנג חדש.

לאו קנא. מ׳טאָר ניט ארומשניידען די האָר פון קאָפּ גאנץ רונדיג, אָנפאַנ־
גענדיג פון שטערן גלייך העכער פון די אויערען ארום, ביז דער
צווייטער זייט שטערן, וואָס מ׳טאָר ניט אָרומשניידען, איז נאָר מיט אַ
ראזיר־מעסער, אָדער מיט אַ שער אזוי קורץ ווי מיט אַ ראזיר־מעסער,
אָבער מיט אַ שער און ס׳איז ניט אזוי קורץ ווי מיט אַ ראזיר־מעסער
מעג מען ארומשניידען.

לאו קנב. מ׳טאָר ניט גאָלען די באָרד מיט אַ ראזיר־מעסער, אין דער
באָרד זיינען פאראַן פינף עקען, צוויי אין דער רעכטער זייט,
איינער אויבען וואָס מ׳רופט שלעיף, און איינער אונטען, וואָס מ׳רופט
קינבאַקען, צוויי אין דער לינקער זייט, און איינער פון פאָרענט, צוזאמען
פינף, אויב מ׳גאָלט אָפּ די באָרד מיט אַ מעסער, איז אַ באַזונדערע זינד
פאר יעדען עק, האָט ער פינף זינד, אָבער מיט אַ שער מעג מען אָפּשניידען.

לאו קנג. מ׳טאָר ניט איינקריצען אין לייב די שריפט, וואָס מ׳רופט
כתובת קעקע, דאָס ווערט צוערשט אין לייב אויסגעקריצט, דאַן
טהוט מען ארויף טינט אָדער פארב פון אנדערע קאָלירען, און די שריפט
פארבלייבט דאָרט, מ׳קאָן עס קיינמאָל ניט אויסמעקען, סיי אויף אַן
אָרט וואָס איז פארדעקט מיט די קליידער, סיי ס׳איז אַן אָפּגעדעקטער
אָרט טאָר מען עס ניט טאָן, אָבער אויב ער האָט אַ קנעכט און ער קריצט
איהם איין, ער זאָל ניט קענען אנטלויפען, איז ער פּטור.

עשה קא. מען מוז מורא האָבען פאר דעם מקדש, דאָס מיינט מ׳זאָל
מורא האָבען, פאר דעם וועלכער האָט אונז אָנגעזאָגט וועגען
מקדש, מ׳זאָל אַריינקומען אין מקדש מיט גרוים דרך ארץ, פיהלענדיג
דאָס עס איז אַ הייליג אָרט, מ׳זאָל ניט אריינגעהן צום בארג פון מקדש,
מיט זיין שטעקען, מיט די שיך אויף זיינע פיס, אָנגעטאָן בלויז אין
זיינע אונטערקליידער, מיט שטויב אויף זיינע פיס, און ס׳איז געוויס
אַז מ׳טאָר ניט שפייען.

לאו קנד. מ׳טאָר ניט מאַכען דעם כשוף (אוב), ער שטעהט און רויכערט
געווירצען, האַלטענדיג אַ ריט׳ל פון אַ הדס, אין זיין האַנט, ער

הויבט עס אויף און רעדט שטילערהייט, ביז דער וואס קומט פרעגען, הערט א שטימע רעדט מיט איהם, ענטפערענדיג איהם אויף אלעס וואס ער פרעגט, אדער ער נעמט א קאפ פון א טויטען, און מאכט מיט איהם כשוף, ביז ער הערט ווי א שטימע געהט ארויס פון זיין בוזים, און ענט־פערט איהם אויף וואס ער פרעגט.

לאו קנה. מ'טאר ניט מאכען דעם כשוף ידעוני, ער נעמט א ביין פון דעם פויגעל וועלכען מ'רופט ידוע, ער נעמט איהם אריין אין מויל, און רויכערט פארשירענע געווירצען, ביז ס'קומט אויף איהם, אזוי ווי א פאליקע קראנקהייט, דאן רעדט ער פון זאכען אין דער צוקונפט.

עשה קב. מען מוז זיך אויפשטעלען פאר א תלמיד חכם, כאטש ער איז נאך א יונגער, און כאטש ער איז ניט זיין רבי, נאר ער קאן זיין, זיין רבי, אויך זאל מען זיך אויפשטעלען, פאר אן אלטען מאן זיבציג יאר אלט, כאטש ער איז אן עם הארץ, אויב ער איז ניט קיין רשע, מ'זאל זיך אויפשטעלען פאר איהם, ווען ער קומט נאענט פון איהם פיר איילען, ווייל דאן זעהט מען קלאר אז ער שטעלט זיך נאר אויף לכבוד איהם, ער זאל שטעהן ביז ער געהט פארביי איהם, ער זאל ניט פארמאכען זיינע אויגען פאר זיין צוקומען נאהענט צו איהם, כדי ער זאל איהם גאר ניט זעהן, און זאל ניט ברויכען אויפצושטעלען זיך. פאר דעם שטעהט אין דער תורה ביי דער מצוה ויראת מאלהיך.

לאו קנו. מ'טאר ניט וועגען מיט פאלשע געוויכטער, און ניט מעסטען מיט א פאלשע מאס, מ'טאר ניט האלטען אין קראם אדער אין הויז, פאלשע געוויכטער אדער פאלשע מאס, כאטש ער פארקויפט ניט, און קויפט ניט מיט די געוויכטער, ווייל ס'קאן קומען א פרעמדער, ער וועט ניט וויסען, דאס די געוויכטער אדער מאס זיינען פאלשע, און וועט זיי געברויכען צום קויפען אדער פארקויפען, אויב אלע וואגען און מאסען פון דער שטאט זיינען געצייכענט. און זיינע זיינען ניט געצייכענט, מעג מען זי האלטען אין הויז, צו אן אנדערען געברויך.

עשה קג. מען מוז האבען ערליכע וואגען, געוויכטער, און מאסען, אויך ביי מעסטען לאנד, אויב מ'מעסט מיט א שטריק, זאל מען ניט מעסטען פאר איינעם אין זומער, און פאר דעם צווייטער אין ווינטער, ווייל אין זומער איז דער שטריק קורצער, מ'טאר ניט מאכען די געוויכטער פון מעטאל וועלכער ווערט פארראסטעט, ווייל דער ראסט מאכט עס לייכטער וועגען, מען זאל ניט באהאלטען די געוויכטער אין זאלץ, זיי זאלען ווערען לייכטער, א קרעמער זאל רייניגען זיינע מאסען צוויי מאל א וואך, און די געוויכטער איין מאל א וואך, בית דין זאל אנשטעלען

היטער זיי זאָלען ארומגעהן, אכטונג געבען אויף די וואָגען און מאָסען אין די קראָמען.

לאו קוז. מ'טאָר ניט שילטען אן אייגענעם פאָטער אָדער מוטער, סיי זיי לעבען, סיי זיי זיינען געשטאָרבען, א מאַן אָדער פרוי, אויב זיי שילטען זייער פאָטער אָדער מוטער, און דערמאָנען נאָמען ביים שילטען, אויב צוויי עדות האָבען זיי געוואָרענט ניט צו שילטען, קומט זיי טויט שטראָף (סקילה), אויב זייער פאָטער און מוטער זיינען געווען רשעים, קומט ניט קיין טויט שטראָף, נאָר ס'איז אן איסור.

עשה קד. בית דין מוז דורכפירען די טויט שטראָף, אויף דעם וועלכער איז באַגאַנגען א פאַרברעכען פאַר וועלכען עס קומט פאַרברענט צו ווערען, מ'טאָר ניט פאַרברענען דורך פייער דעם קערפער, נאָר מ'גיסט איהם אריין דורכן מויל הייסע בליי, ער שטאַרבט באַלד און דער קערפער בלייבט גאַנץ.

לאו קוח. מ'טאָר ניט נאָכטאָן, די אויפפירונג פון געצענדינער, ניט קליידען זיך ווי זיי, אָדער לאָזען וואַקסען די האָר, ווי זיי לאָזען וואַקסען פאַר די עבודה זרה.

לאו קוט. א כהן טאָר זיך ניט פאַראומרייניגען מיט א טויטען מענש, אויך ניט צו אן אומרייניגקייט וועלכעס קומט פון א טויטען, א שטיקעל פלייש פון א טויטען ניט ווייניגער ווי א כזית, א גליד פון א טויטען, א ביין פון א טויטען כאָטש ס'איז אויף איהם גאָר קיין פלייש ניטאָ, אָבער מ'רעכנט אז ס'איז פון א מענש.

עשה קה. ס'איז א מצוה די כהנים זאָלען זיך פאַראומרייניגען, צו זעקס פון זייערע נאָהענטע, וועלכע זיינען אויסגערעכענט געוואָרען אין דער תורה, און איינע וועלכע איז ניט אין דער תורה, אָבער די חכמים לערנען אַרויס פון דעם וואָרט לשארו, אז דאָס מיינט זיין פרוי, צוזאַמען זיינען פאַראַן זיבען, פאָטער, מוטער, זוהן, טאָכטער, ברודער, שוועסטער, פרוי. צו די זיבען מוז ער זיך פאַראומרייניגען, אויב א כהן וויל זיך ניט פאַראומרייניגען צו די זיבען נייט מען איהם, און מען מאַכט איהם אומריין, אָבער דאָס איז נאָר, ווען דער קערפער פון די נאָהענטע איז גאַנץ, עס פעהלט גאָרניט, ווען ס'איז נאָר פאַראַן א גליד אָדער א שטיקעל פלייש, א ביין, טאָר א כהן זיך ניט פאַראומרייניגען. צו זיין שוועסטער טאָר א כהן זיך ניט פאַראומרייניגען, סיידען זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געהייראַט, זיין פרוי מיינט נאָר, אויב ער האָט מיט איהר געוואוינט, אויך אויב זיי האָבען געמעגט הייראַטען איינער די אַנדערע, אויב ניט טאָר ער זיך ניט פאַראומרייניגען צו איהר.

לאו קס. א כהן וועלכער איז געוועז אומריין, יעצט האָט ער זיך געטונקען אין מקוה, ער איז שוין ריין, אָבער ער מוז נאָך וואַרטען ביז זון־אונטערגאַנג, טאָר ער דערווייל ניט טאָן קיין ארבייט אין מקדש, אויב ער האָט געטאָן אן ארבייט, איז די ארבייט פסול, און איהם קומט טויט, ניט דורכן בית דין נאָר פון הימעל, דאָס איז נאָר אויב ער האָט געטאָן איינע פון פיר ארבייטען, געשפּריצט בלוט אויפ'ן מזבח, געדעמפט פליישׁ אָדער פעטס אויפ'ן מזבח, נעגאָסען וואַסער אויפ'ן מזבח אום סוכות, געגאָסען וויין אויפ'ן מזבח, אויב אָבער ער האָט געטאָן, איינע פון אַלע אַנדערע ארבייטען אין מקדש חוץ די פיר, כאָטש די ארבייט איז פסול, קומט איהם ניט קיין מיתה.

לאו קסא. א כהן טאָר ניט הייראַטען און וואוינען מיט א זונה, אויב ער הייראַט בלויז און וואוינט ניט מיט איהר, אָדער ער וואוינט מיט איהר אָהן הייראַט, איז ער ניט חייב, סיידען ער הייראַט און וואוינט מיט איהר. א זונה איז א פרוי וועלכע איז ניט קיין אידישע טאָכטער, ווייל אַלע גויאישע טעכטער, זיינען באַטראַכט אַלס זונות, א כהן טאָר פון זיי ניט הייראַטען, א זונה ווערט אויך גערופען, א פרוי וועלכע האָט זיך איבערגעגעבען צו א מאַן, וועלכען זי טאָר ניט הייראַטען, ס'קומט פאַר זייער הייראַטען (כרת) דאָס מיינט די נשמה ווערט אויסגעריסען פון אידישען כלל, אָדער אַנדערע טויט שטראָף, אויך א פרוי וועלכע האָט זיך איבערגעגעבען צו א גוי אָדער א שקלאַף, ס'זיינען פאַראַן נאָך פרויען וועלכע געהען אריין אין כלל זונה, פון די אַלע טאָר א כהן ניט הייראַטען.

לאו קסב. א כהן טאָר ניט הייראַטען א חללה, דאָס איז א פרוי וועלכע איז געבוירען פון א כהן וואָס האָט געהייראַט א פרוי, וואָס איז איהם פאַרבאָטען, פון דער תורה צו הייראַטען, אָדער ווען א כהן האָט געוואוינט מיט א פרוי, וועלכע האָט זיך מגייר געווען, זיי האָבען געבוירען א טאָכטער די טאָכטער איז א חללה.

לאו קסג. א כהן טאָר ניט הייראַטען א (גרושה) זי איז געגעט געוואָרען פון א מאַן, סיי איהר מאַן האָט זי בלויז מקדש געווען און גע'גט, אָדער ער האָט אויך געוואוינט מיט איהר און גע'גט, א פרוי פון וועלכע מ'האָט גערעדט, דאָס א מאַן האָט איר מקדש געווען און באַלד גע'גט, טאָר זי שוין ניט הייראַטען צו א כהן.

עשה קו. מען מוז הייליגען דעם כהן, איהם פאַרציען צו אַלע הייליגע זאכען, ער זאָל דער ערשטער אָנפאַנגען, דער ערשטער מאַכען א ברכה, נעמען א חלק דער ערשטער, און גערופען ווערן צו דער תורה דער ערשטער, דער כהן טאָר ניט אָפּטרעטען זיין כבוד צום לוי, אָדער דער לוי צום ישראל, ס'איז שוין געוויס דאָס דער כהן צום ישראל טאָר

אוודאי ניט אָפּטרעטען, אלע מוזען אָפּגעבען כבוד צום כהן, מ'טאָר זיך מיט איהם ניט באַנוצען, אָבער ווען מ'באַצאָלט איהם מעג מען זיך מיט איהם באַנוצען, ווייל ער איז דאָך מוחל, דארום אויב ער איז מוחל מעג מען זיך מיט איהם באַנוצען אפילו בחנם.

לאו קסד. א כהן גדול טאָר ניט אריינקומען, אין א הויז אָדער געצעלט, אין וועלכען עס ליגט א טויטער מענש, אפילו פון די נאָהענטע, צו וועלכע אַן איינפאַכער כהן, מעג זיך פאַראומרייניגען.

לאו קסה. א כהן גדול טאָר זיך ניט פאַראומרייניגען, צו קיין שום טויטען, סיידען צו א מת מצוה, מוז ער זיך פאַראומרייניגען, ווער איז א מת מצוה, א איד וועלכער ליגט אין וועג, און עס איז ניטאָ ווער ס'זאָל איהם באַעררדיגען, דאָס איז נאָר ווען דער כהן גדול איז אליין און קיין אַנדערער איז ניטאָ אפילו ער רופט ענטפערט קיינער ניט, אָבער אויב ער ווערט רופען וועט מען איהם ענטפערען, דער איז ניט קיין מת מצוה.

עשה קז. א כהן גדול מוז נעמען א פרוי, אַן ערליכע יונגע מיידעל, ניט יונגער פון צוועלף יאָר מיט איין טאָג, ניט עלטער פון צוועלף יאָר זעקס חדשים מיט איין טאָג, ער טאָר ניט נעמען צוויי פרויען מיט איין מאָל.

לאו קסו. דריי פרויען גרושה, חללה און זונה טאָר אפילו אַן איינפאַכער כהן אויך ניט הייראַטען, ביים כהן גדול איז פאַראַן פיר פרויען, די אויבערשטע דריי, און ס'קומט צו אַן אלמנה, וואָס דער כהן גדול טאָר ניט הייראַטען, די אלמנה איז קיין אונטערשיד סיי דער מאַן האָט איהר בלויז מקדש געווען און געשטאָרבען, אָדער ער האָט מיט איהר געוואוינט און געשטאָרבען, האָט זי דעם דין פון אלמנה.

לאו קסז. ביים כהן גדול איז פאַראַן, א באַזונדער פּסוק, דאָס ער טאָר ניט זיין צוזאַמען מיט א פרוי וועלכע ווערט דורך דעם פסול, פון הייראַטען א כהן, דעריבער אויב א כהן גדול, איז צוזאַמען מיט אַן אלמנה, באַטש ער האָט זי ניט מקדש געווען, דאָך ווערט זי יעצט א חללה, ווייל דער כהן גדול טאָר דאָך ניט זיין צוזאַמען מיט אַן אלמנה, קען זי יעצט ניט הייראַטען מיט קיין שום כהן ווייל זי איז א חללה, אָבער אלס אלמנה האָט זי געקענט הייראַטען אַן איינפאַכען כהן, דאָס הייסט דורך דעם וואָס דער כהן גדול איז מיט איהר געווען, האָט ער איהר געמאַכט פסול צו אלע כהנים, איז דער כהן גדול באַגאַנגען א פאַרברעכען געגען דעם פסוק.

לאו קסח. א כהן מיט אַן אומהיילבאַרען פעהלער, טאָר ניט מאַן קיין ארבייט אין בית המקדש, אויב ער טהוט אַן ארבייט, איז דער קרבן פסול און דער כהן האָט א זינד, ווייל ער האָט פאַרשוועכט הייליגע

ארבייט, ניט בלויז די פעהלער, וועלכע זיינען גערעכענט אין דער תורה, מאכען דעם כהן פסול, צו טאָן ארבייט אין מקדש, נאָר עס זיינען פאראַן הונדערט און פערציג פארשידענע פעהלער, און סיי ער איז געבוירען געוואָרען מיט דעם פעהלער, אָדער ער האָט שפּעטער באַקומען דעם פעהלער איז ער פסול, אויב ער האָט אַן אינעווענינגסטען פעהלער, מ'האָט איהם ארויסגענומען א ניר, אָדער די מילץ, איז זיין ארבייט כשר.

לאו קסט. א כהן מיט א פעהלער, כאָטש ס'קאָן זיך אויסהיילען, אָבער אזוי לאַנג ווי ס'האָט זיך נאָך ניט אויסגעהיילט, איז ער דערווייל פסול צו ארבייטען אין בית המקדש, און האָט דעם זעלבען דין ווי אַן אונהיילבארער פעהלער, אין בית המקדש איז געזעסען א בית דין, וועל-כער האָט אונטערזוכט די כהנים, אויב זיי האָבען ניט א פלעק אין דער משפחה, אויך אויב זייער קערפּער איז אָהן פעהלער.

לאו קע. א כהן מיט א פעהלער טאָר ניט אריינקומען, אין (היכל) וואו עס שטעהט דער גאָלדענער מזבח, סיי ער האָט א היילבארען אָדער אַן אונהיילבארען פעהלער.

לאו קעא. אַן אומריינער כהן טאָר ניט טאָן, אַן ארבייט אין בית המקדש, אויב ער האָט געארבייט האָט ער פארשוועכט זיין ארבייט, און ס'קומט איהם טויט שטראָף פון הימעל.

לאו קעב. אַן אומריינער כהן טאָר ניט עסען קיין תרומה, סיי מענער אָדער פרויען אויב אַן אומריינער כהן עסט ריינע תרומה, קומט איהם טויט שטראָף פון הימעל, דאָס איז אויך דער דין וועגען חלה און ביכורים, זיי ווערען אויך אָנגערופען תרומה.

לאו קעג. ווער ס'איז ניט קיין כהן טאָר ניט עסען קיין תרומה, סיי ער איז ריין אָדער אומריין, סיי די תרומה איז ריין אָדער אומריין אויב ער עסט תרומה, קומט איהם טויט שראָף פון הימעל, דער זעלבער דין איז אויך וועגען חלה און ביכורים, אָבער ביכורים ווערען ערשט הייליג, ווען זיי קומען אריין אין ירושלים, ווי לאַנג זיי זיינען נאָך אויסער ירושלים, זיינען זיי איינפאַכע פרוכט, וועלכע יעדער איינער מעג עסען.

לאו קעד. א אידישער קנעכט פון א כהן (בית דין האָט איהם פארקויפט פאר א גניבה) ער מוז דינען פולע זעקס יאָר, און אויב נאָך זעקס יאָר, וויל ער ניט ארויסגעהן פריי, בלייבט ער דינען ביז ס'קומט יובל, אָדער דער בעל הבית שטאַרבט, דער קנעכט טאָר ניט עסען קיין תרומה, ווייל ער רעכענט זיך ניט פאר דעם כהן'ס אייגענטום, אזוי ווי דעם כהן'ס אָקס אָדער אייזעל וועלכע מעגען עסען תרומה.

לאו קעה. א כהן וועלכער איז ניט גע'מל'ט (געאידישט), ווייל צוויי זיינע עלטערע ברידער, זיינען געשטאָרבען דורך מל זיין, טאָר

ניט עסען קיין הייליגקייט וואס ווערט געגעסען נאר ביי כהנים.

לאו קעו. א כהן'ס טאכטער, וועלכע איז פארהייראט צו א מאן, ניט קיין כהן, אדער זי איז געבוירען פון א הייראט, צווישען א כהן גדול און אן אלמנה, אדער צווישען אן איינפאכען כהן און א גרושה אדער חלוצה, זי איז א חללה, טאר זי ניט עסען קיינע פון די הייליגע זאכען, וועלכע אנדערע כהנים'ס טעכטער אדער פרויען מעגען עסען.

לאו קעז. קיין איד, סיי א ישראל אדער כהן און לוי, טארען ניט עסען קיין (טבל), טבל איז יעדע תבואה אדער פרוכט, וועלכע איז שוין אריינגעבראכט אין הויז פארטיג צו געברויכען, און מ'מוז פון דעם געבען תרומה צום כהן, מעשר צום לוי און נאך אנדערע מעשרות, ווי לאנג מ'האט די אלע תרומות ומעשרות, נאך נישט ארונטערגענומען, פון די תבואות אדער פרוכטען, איז אלעס טבל, ס'טאר ניט געגעסען ווערען.

לאו קעח. א בהמה מיט א פעהלער, סיי א היילבארער אדער אונהייל-בארער, טאר מען די בהמה ניט שענקען צום מקדש, פאר א קרבן אדער צו פארקויפען, און מיט דעם געלט קויפען א כשר'ן קרבן.

עשה קח. יעדער קרבן מוז זיין ריין, פון אלע פעהלערס, וועלכע זיינען גערעכענט אין דער תורה, אויך די פעהלער, וועלכע מיר האבען געקראגען אנגעזאגט פון אונזערע נביאים, סיי די פעהלער זיינען שטענדיגע אדער איבערגעהענדע, אויב עס פעהלט פון די אינוויינינגסטע, די מילץ אדער א ניר, טאר מען עס ניט ברענגען אויפ'ן מזבח, ס'זאל ווערען פארברענט, דאס איז נאר אויב מ'האט עס ארויסגענומען, אבער ווען ס'איז אזוי געבוירען געווארען, איז עס כשר.

לאו קעט. יעדע בהמה וועלכע איז געווארען פארהייליגט פאר א קרבן, טאר מען אין איהר ניט מאכען קיין פעהלער אדער וואונד, דורך וועלכען די בהמה ווערט פסול צום מזבח, ניט בלויז טאר מען ניט מאכען א פעהלער, נאר אפילו ברענגען דערצו ס'זאל ווערען א פעהלער, ווי אנקלע-פען צו דעם אויער פון דער בהמה א פייג אדער טייג, כדי ס'זאל קומען א הונד, וועט ער מיט אויפעסען דעם אויער פון דער בהמה, דאס טאר מען אויך ניט.

לאו קפ. א בהמה מיט א פעהלער טאר מען ניט שעכטען פאר א קרבן, אויב מ'שעכט אבער יא, האט מען די זינד פאר דעם שעכטען, חוץ די זינד פון ברענגען א בהמה מיט א פעהלער פאר א קרבן, אויב צוויי מענשען האלטען צוזאמען איין מעסער און שעכטען די בהמה מיט דעם פעהלער האבעןביידע די זעלבע זינד יעדער בזונדער.

לאו קפא. ביי יעדען קרבן איז פאראן אימורים, וועלכע ווערען גערע-מפט אויף דעם מזבח, דאס זיינען די פעטס וואס פארדעקען

אלע אינגעוויד (קישקעס), די פעטס פון מאגען, צוויי נירען, פלאנקען און לעבער, פון א בהמה מיט א פעהלער טאר מען די אלע פעטען ניט דעמפען אויפ'ן מזבח.

לאו קפב. מ'טאר ניט שפריצען אויפ'ן מזבח די בלוט פון א בהמה מיט א פעהלער, אויב איינער האט געשיינקט פאר א קרבן א בהמה מיט א פעהלער, ער האט אויך געשאכטען, געשפריצט די בלוט אויפ'ן מזבח, גערעמפט די פלייש אויפ'ן מזבח, האט ער פיר באזונדערע זינד.

לאו קפג. מ'טאר ניט פארדערבען די געשלעכטליכע טיילען פון א בהמה, חיה, עוף, פיש, וואסער חיות, זיי זאלען זיך ניט קאנען פארמעהרען, און געווים שוין פון מענשען טאר מען ניט, די זינד איז נאר סיידען ס'ווערט געטאן צום מעגליכען געשלעכט, אבער ניט צום ווייבליכען.

לאו קפד. אויב א גוי ברענגט א קרבן, און די בהמה האט א פעהלער, וועלכער פון א איד טאר מען ניט ברענגען, א קרבן מיט אזוי א פעהלער, טאר מען עס פון א גוי אויך ניט צונעמען, ס'איז קיין אונטערשיד ביי א קרבן, צו ס'איז פון א איד, אדער פון א גוי.

עשה קט. א בהמה פאר א קרבן מוז זיין אלט ניט ווייניגער פון פולע זיבען טעג, פון אכטען טאג פרי און ווייטער, איז זי גוט פאר א קרבן, כאטש די נאכט צווישען זיבעטען און אכטען טאג איז זי שוין אויך גוט, אבער ביינאכט קאן מען ניט ברענגען קיין קרבנות, אויב מ'האט געבראכט א קרבן פאר דעם אכטען טאג איז ער פסול, ס'רופט זיך (מחוסר זמן) דאס מיינט ס'איז נאך פאר דער צייט.

לאו קפה. מ'טאר ניט שעכטען א בהמה, און איהר קינד אין דעם זעלבען טאג, אויב מ'האט געשאכטען די מוטער, די נאכט אויף מאנטאג, טאר מען איהר קינד ניט שעכטען דעם גאנצען טאג מאנטאג, אויב מ'האט די מוטער געשאכטען זונטאג פארנאכט, מעג מען שעכטען איהר קינד באלד אין אנפאנג נאכט וועלכע געהט אויף מאנטאג.

לאו קפו. מ'טאר ניט פארשוועכען גאט'ס נאמען, אויב אין צייט פון א גזירה געגען אידישע מצות, האבען גוים פארלאנגט פון א אידען, ער זאל באגעהן א זינד געגען א מצוה, סטראשענדיג איהם מיט טויט, די גויים האבען דערמיט געוואלט דעם אידען אראפפירען פון דער תורה, ס'זיינען דערביי געוועזען צעהן אידען, אדער ווען צעהן אידען האבען דערפון געוואוסט, דאס איז גלייך ווי ס'וואלט געוועזען אין אנוועזענהייט פון אלע אידען, אויב דער איד איז די זינד באגאנגען, האט ער חוץ דער זינד, נאך א זינד פאר פארשוועכען גאט'ס נאמען, ווייל די גוים זעהען ווי ער האט ניט געפאלגט גאט'ס באפעהל אוים מורא פאר דעם טויט.

עשה קי. א איד מוז הייליגען גאָט'ס נאָמען, און אויפהאַלטען אידיש־
קייט, אויב א גוי צווינגט א אידען וועלענדיג איהם טויטען, אויב
ער וועט ניט באַגעהן, איינע פון די דריי שווערסטע זינד, (טויטען א
מענש, דינען עבודה זרה, לעבען מיט איינע פון די עריות) זאָל ער זיך
לאָזען טויטען, און ניט זינדיגען בשום אופן, דאָס הייסט הייליגען גאָט'ס
נאָמען (קידוש השם).

עשה קיא. מען מוז רוהען פון אַלע ארבייט, דעם ערשטען טאָג פסח,
פופצען טאָג אין חדש ניסן, יעדע ארבייט וועלכע מען טאָר ניט
טאָן אום שבת, טאָר מען ניט טאָן אום יום טוב, חוץ וואָס מ'ברויך צו
טאָן וועגען מאַכען עסען לכבוד יום טוב, וועלכעס מ'האָט ניט געקענט,
אָנגרייטען פאר יום טוב.

לאו קפז. מ'טאָר ניט טאָן קיין ארבייט דעם ערשטען טאָג פסח, ווייל
ס'שטעהט אין דער תורה, כל מלאכת עבודה ס'שטעהט ניט כל
מלאכה, ווייל ווען ס'וואָלט שטעהן כל מלאכה, וואָלט מיינען מ'טאָר
קיין שום מלאכה ניט טאָן, ס'זיינען דאָך פאראַן מלאכות, וועלכע מען
מעג טאָן, וואָס מ'ברויך צו מאַכען עסען אום יום טוב, דעריבער שטעהט
מלאכת עבודה, וואָס מיינט, א מלאכה וואָס איז אַן ארבייט, זאָלסטו
ניט טאָן.

עשה קיב. פסח, זאָל מען יעדען טאָג מאַכען א קרבן מוסף, פון וואָס
עס זאָל זיין דער קרבן מוסף, זאָגט ניט דער פסוק, אָבער אין
פרשת פנחס, ווערט ארויסגעזאָגט, צוויי אָקסען ניט עלטער פון דריי
יאָר, און ניט יונגער פון איין יאָר, איין באַראַן ניט עלטער פון צוויי
יאָר, ניט יונגער פון איין יאָר מיט דרייסיג טעג, זיבען שעפּכען איין יאָר
אַלט, אַלע קרבנות פון מוסף זאָלען זיין עולות.

עשה קיג. דער זיבעטער טאָג פסח, זאָל ווערען אָנגערופען הייליג, אין
וואָס באַשטייט די הייליגקייט, מ'זאָל רוהען פון ארבייט, דאָס
צייגט די הייליגקייט פון טאָג, דעריבער זאָל יעדער איד, זיך צוריקציהען
פון זיין ארבייט, פון זיינע געשעפטען מיט וואָס ער איז פארטאָן, א גאַנץ
יאָר אין וואָכענדיגע טעג, ער זאָל ניט זיין פאַרנומען מיט קיין זאַך, זיין
הארץ און זיינע געדאַנקען, זאָלען זיין פריי נאָר פון גאָט וועגען, צו
הייליגען דעם טאָג מיט תורה און מצות.

לאו קפח. יעדע מלאכה וועלכע מ'טאָר ניט טאָן אום שבת, טאָר מען
אויך ניט טאָן אום יום טוב, כ'איז קיין אונטערשייד פון שבת ביז
יום טוב, נאָר וואָס אום יום טוב, מעג מען טאָן אַלעס וואָס מ'ברויך צום
עסען, און שבת טאָר מען דאָס אויך ניט.

עשה קיד. דעם צווייטען טאָג פּסח, דאָס איז זעכצען טאָג אין חדש
ניסן, מוז מען ברענגען אין בית המקדש, חוץ דעם קרבן מוסף,
נאָך א קרבן א שעפּס פאַר אַן עולה, צוזאַמען מיט די מנחת עומר, אין
דער נאַכט וועלכע געהט צום זעכצענטען טאָג אין ניסן, שניידט מען אָפּ
גערשטענע זאַנגען, נאָר פון ארץ ישראל, מ'שלאָגט אויס די זאַנגען,
און מ'קלייבט ארויס די קערנער, אין א געלעבערטע כלי אריין, מ'ברענט
עס און שפּרייט עס אויס צו לופטערן, דאַן מאָהלט מען עס, דורכגעהענ־
דיג דרייצען פאַרשידענע זיפּען, און פון דער מעהל מאַכט מען א מנחה
(מעהל מיט אויל), נאָך דעם ווי מ'מאַכט די מנחה, מעג מען אָנפאַנגען
עסען פון דער נייער תבואה פון דעם יאָר.

לאו קפט. מ'טאָר ניט עסען פון דער נייער תבואה, ביז מ'האָט געמאַכט
אין בית המקדש די מנחת העומר, דאָס איז דעם זעכצענטען
טאָג אין ניסן, אין ירושלים האָט מען אָנגעפאַנגען געברויכען נייע תבואה
באַלד נאָך די מנחת עומר, אין די ערטער וויט פון ירושלים, האָבען
זיי אָנגעפאַנגען נאָך האַלבען טאָג, היינט ווען עס איז ניטאָ קיין מנחת
עומר, מוז מען אין ארץ ישראל וואַרטען דעם גאַנצען זעכצענטען טאָג,
און אין חוץ לארץ דעם גאַנצען זיבעצענטען טאָג, ביז אָנפאַנג נאַכט
פון אַכצענטען טאָג.

לאו קצ. מ'טאָר ניט עסען (קלי) דאָס מיינט, מ'טרוקענט די קערנער פון
ווייץ אָדער אַנדערע תבואה, און מ'עסט זיי אָהן צו מאַכען פון
זיי מעהל, און באַקען ברויט, אָט די געטרוקענטע קערנער פון נייער
תבואה, טאָר מען אויך ניט עסען, פאַר דעם מאַכען די מנחת עומר.

לאו קצא. מ'טאָר ניט עסען (כרמל) דאָס מיינט, מ'טרוקענט זאַנגען
פון ווייץ אָדער אַנדערע תבואה, און מ'עסט די קערנער פון זיי
פייכטערהייט, אָט די פייכטע קערנער פון נייע תבואה טאָר מען ניט
עסען, ביז ענדע זעכצענטען טאָג ניסן אין ארץ ישראל, און ביז ענדע
זיבענצענטען טאָג אין חוץ לארץ.

עשה קטו. פון דעם טאָג אין וועלכען מ'האָט געבראַכט דעם עומר, דאָס
איז דער צווייטער טאָג פּסח, מוז מען ציילען זיבען פולע וואָכען,
מ'זאָל אָנפאַנגען ציילען פון אָנפאַנג טאָג, דעריבער פאַנגט מען אָן די
נאַכט וואָס געהט צום צווייטען טאָג פּסח, ס'איז אויך א מצוה צו ציילען
די טעג ביז ניין און פערציג, פולע זיבען וואָכען.

עשה קטז. דער פופציגסטער טאָג פון אָנפאַנג ציילען ספירת העומר
איז שבועות, דער קרבן מוסף איז צוויי רינדער, איין באַראַן
און זיבען שעפּסען אַלע עולות, איין ציג פאַר א קרבן חטאת, חוץ די
אַלע קרבנות ברענגט מען צוזאַמען מיט די (שתי הלחם) איין רינד,

צוויי באראנעס און זיבען שעפסען אלע עולות, איין ציג פאר א חטאת, און צוויי שעפסען פאר קרבן שלמים, די שתי הלחם זיינען געווען צוויי חמצ'דיגע ברויט פון נייע ווייץ, אויב מ'האט ניט געקראגען נייע ווייץ, קאן מען נעמען אלטע, מ'האט אויפגעהויבען די צוויי ברויט, און נאכדעם האט מען שוין געמעגט נוצען, אויך אין בית המקדש, פון די נייע תבואה.

עשה קיז. שבועות מוז מען רוהען פון ארבייט, און זיך אויפפירען מיט היילגקייט, מ'זאל פארברייינגען דעם גאנצען טאג אין תורה און מצות, ס'זאל אויך זיין צוגעגרייט פאר יום טוב, גוטע עסענס, געטראנקען, און שעהנע קליידער, מ'זאל דאנקען גאט פאר דעם, וואס ער האט אונז אויסגעקליבען פון אלע אנדערע פעלקער, און האט אונז געגעבען זיין תורה, אויף דעם בארג סיני אין דעם טאג מיר זאלען קענען איהם ליב האבען, און זיך באהעפטען אין איהם.

לאו קצב. יעדע ארבייט וועלכע מ'טאר ניט טאן אום שבת, טאר מען אויך ניט טאן אום יום טוב, א חוץ וואס מ'ברויך צום עסען פאר יום טוב, אויב מ'האט עס ניט געקענט אנגרייטען פאר יום טוב.

עשה קיח. ראש השנה מוז מען רוהען פון אלע ארבייט, אויך זאל מען באשיינען דעם טאג גלייך ווי אלע ימים טובים, מיט גוט עסען, טרינקען און שעהנע קליידער, פארברייינגען דעם טאג אין תורה און מצות.

לאו קצג. ראש השנה טאר מען קיין ארבייט ניט טאן, ס'איז גלייך ווי שבת, מיט אן אויסנאם פון ארבייט, וועלכע מ'ברויכט צוצוגרייטען עסען, טרינקען, פאר יום טוב, אויך נאר אויב מ'האט ניט געקענט צוג־גרייטען פאר יום טוב, מעהר טאר מען קיין ארבייט ניט טאן אום ר"ה.

עשה קיט. ראש השנה מוז מען ברענגען פאר קרבן מוסף, איין רינד, איין באראן און זיבען שעפסען אלע זיינען זיי עולות, איין ציג פאר א חטאת, חוץ דעם ברענגט מען, א קרבן מוסף גלייך ווי יעדען ראש חדש, און אויב עס געפאלט אום שבת, זיינען פאראן דריי מוספים, פון שבת, ראש חדש און ראש השנה, צוערשט ברענגט מען מוסף פון שבת, דערנאך פון ראש חדש, און צולעצט מוסף פון ראש השנה.

עשה קכ. יום כפור מוז מען רוהען פון עסען און טרינקען, אויך טאר מען זיך ניט וואשען, שמירען דעם קערפער מיט אויל, אדער אנדערע שמירעכץ פון פארגעניגען, אויך ניט טראגען שיך אויף די פיס, און ניט זיין צוזאמען מיט דער פרוי, אזוי ווי רוהען פון ארבייט אום יום כפור מוז מען סיי בייטאג סיי ביינאכט, אזוי אויך די פינף אויסגערעכענטע פייניגונגען מוז מען אפהיטען סיי בייטאג סיי ביינאכט, אויך מוז מען צוגעבען א שטיקעל צייט, ערב יום כפור פארנאכט, און מוצאי יום כפור נאכט.

עשה קכא. קרבן מוסף פון יום כפור איז, איין רינר, איין באראן דער רופט זיך (איל העם) דער פאלקס באראן, ווייל די געלט צו קויפען איהם, קומט פון פאלק, און זיבען שעפסען, די אלע אויסגערעכענטע קרבנות זיינען עולות, איין ציג פאר א חטאת, וועלכע ווערט אויפגעגעסען מוצאי יום כפור, אויב מוצאי יום כפור, קומט אוים שבת, ווען מ'קאן ניט קאכען, מוז מען עס עסען ניט געקאכטערהייט, צוויי ציגען איינער פון די צוויי ווערט אוועקגעשיקט אין דער מדבר, וואו מען ווארפט איהם ארונ־טער פון א הויכען בארג, ביז ער ווערט צעשמעטערט, דער צווייטער, זיין בלוט ווערט געשפריצט אין קדש־הקדשים, און ער ווערט פארברענט.

לאו קצד. יום כפור טאר מען ניט טאן קיין ארבייט, ס'איז גלייך ווי שבת וועגען ארבייטען, ס'איז נאר פאראן איין אונטערשייד, אויב מ'ארבייט אום שבת מיט'ן ווילען, קומט (סקילה) דאס מיינט טויט שטראף דורכ'ן בית דין, אויב מ'ארבייט אום יום כפור מיט'ן ווילען קומט (כרת) דאס איז טויט שטראף פון הימעל.

לאו קצה. ווער ס'עסט אום יום כפור, אן עסענוואריג וועלכעס קען געגע־סען ווערען פון מענשען, אויב ער עסט עטוואס ווייניגער פון אן איי, אדער ער טרינקט ווייניגער פון א פערטעל קווארט, קומט איהם כרת, סיי ער עסט אדער טרינקט, וואס מ'מעג עסען און טרינקען, סיי ער עסט אדער טרינקט, וואס מ'טאר ניט עסען און טרינקען, קומט איהם כרת פאר עסען אום יום כפור.

עשה קכב. יום כפור מוז מען רוהען פון ארבייטען, ווייל ס'שטעהט ביי יום כפור דאסווארט שבת שבתון און דאס ווארט שבת מיינט רוהען פון ארבייט, אפילו זאכען וועלכע זיינען ניט קיין מלאכה, אבער ס'איז א מיה עס צו טאן, טאר מען עס ניט טאן אום יום כפור.

עשה קכג. דעם ערשטען טאג סוכות זאל מען רוהען פון ארבייט, דער טאג זאל זיין געהייליגט און רוהיגער, פון אלע אנדערע וואכענטעג פון א גאנץ יאר, מ'זאל זיין פרייליך און פריילין מאכען דאס גאנצע הויז־געזינד, צו געבען די קליינע קינדער ניס, מאנדלען א. ד. גל. די פרויען זאל מען געבען נייע קליידער, צירונג, לויט זיינע מעגליכקייטען, די מענער זאלען עסען פלייש און טרינקען וויין, ווייל אהן פלייש און וויין איז קיין שמחה, ווען מ'עסט און טרינקט זאל מען אויך געבען צו עסען ארימעלייט, ווער ס'עסט און טרינקט אליין, ניט גיבענדיג קיין זאך צו ארימעלייט, איז עס ניט קיין שמחה פון מצוה, מ'זאל אויך ניט פארברענגען דעם גאנצען טאג, בלויז מיט עסען און טרינקען, די מעהרסטע צייט מוז זיין פאר דאווענען און לערנען תורה און מצות.

לאו קצז. רעם ערשטען טאָג סוכות טאָר מען ניט ארבייטען, יערע ארבייט וועלכע מען טאָר ניט טאָן אום שבת, טאָר מען ניט טאָן אום יום טוב, חוץ אַן ארבייט צו מאַכען עסען פאר יום טוב וועגען.

עשה קכד. רעם ערשטען טאָג סוכות, איז רער קרבן מוסף, דרייצען רינדער, צוויי באראנעס, פערצען שעפסען אַלע זיינען עולות, און איין ציג פאר א חטאת, רער זעלבער מוסף איז יערען טאָג, פון אַלע זיבען טאָג סוכות, נאָר רי רינדער געהט יערען טאָג, מיט איין רינר ווייניגער, רעם צווייטען טאָג צוועלף רינדער, דעם דריטען טאָג עלף רינדער, אזוי ראָס רעם זיבעטען טאָג זיינען זיבען רינדער, צוויי באראנעס, פערצען שעפסען אַלע עולות און איין ציג א קרבן חטאת.

עשה קכה. שמיני עצרת מוז מען רוהען פון ארבייט, רער טאָג איז היילִיג, רעריבער זאָל מען ניט טאָן קיין שום אַרבייט, ווי אין וואָכען טעג, נאָר בלויז וואָס מ׳ברויך צום עסען אויף רעם טאָג, דער גאַנצער טאָג זאָל זיין געווירמעט בלויז צו ראוונען, לערנען תורה און טאָן מצות, זיך פרייענריג מיט רעם יום טוב, ברענגען קרבנות (שלמי שמחה), ווען דער בית המקדש איז ניטאָ, זאָל מען זיך פרייען שמחה של מצוה, זאָגען שירות ותשבחות, געבען אָרימעלייט עסען און טרינקען און דערפרייען זייערע הערצער וויפיל נאָר מען קען.

עשה קכו. שמיני עצרת איז א יום טוב פאר זיך אליין, ווען מ׳מאַכט קירוש, אָרער אין ראוונען, רערמאָנט מען ניט חג הסוכות הזה, נאָר ביום השמיני עצרת ההג הזה, מען מאַכט אויך שהחיינו, מען זיצט ניט מעהר אין סוכה, ווייל ס׳איז א יום טוב פאר זיך, און איז ניט פון סוכות, אויך דער קרבן מוסף איז אַנדערש פון סוכות׳ריגען מוסף, סוכות איז געווען יערען טאָג, פיל רינדער און צוויי באראנעס, אָבער שמיני עצרת איז דער קרבן מוסף, נאָר איין רינד איין באראן, אויך דער שיר וואָס מ׳האָט געזאָגט ביים קרבן מוסף שמיני עצרת, איז אַנדערש פון רעם שיר פון סוכות.

לאו קצח. מ׳טאָר ניט טאָן קיין ארבייט אום שמיני עצרת, יעדע ארבייט וועלכע מ׳טאָר ניט טאָן אום שבת, טאָר מען ניט טאָן אום שמיני עצרת, ס׳איז קיין אונטערשייר ניט מעהר וואָס אום שבת זיינען אַלע ארבייטען גלייך, מ׳טאָר קיינע פון זיי ניט טאָן, ווי נויטיג די ארבייט זאָל ניט זיין, סיידען אויב ס׳אז רערביי פאראן א פאַל פון פיקוח נפש, אויב מ׳וועט טאָן רי ארבייט, וועט דורך רעם געראַטעוועט ווערען א אידי־שער נפש, מעג מען מחלל שבת זיין, אבער אום שמיני עצרת איז אַנדערש, אויב די אַרבייט איז נויטיג צוליב מאַכען עסענוואַרג, אָדער אַנדערע

זאכען פאר דעם מענשליכען געברויך פאר יום טוב, וועלכע מ'האט פריער ניט געקענט אנגרייטען, מעג מען עס מאכען אום יום טוב.

עשה קכז. יעדען טאג פון די זיבען טעג סוכות, מוז מען מאכען די ברכה על נטילת לולב, האלטענדיג אתרוג אין דער לינקער האנט, און א לולב צוזאמענגעבונדען מיט דריי ריטלעך הדסים, און צוויי ריטלעך ערבות אין דער רעכטער האנט, אויב איינער פון די זיבען טעג געפאלט אום שבת, טאר מען ניט בענטשען אתרוג, די אלע פיר מינים זיינען איין מצוה, און רופען זיך מצות לולב, מ'טאר ניט צוגעבען נאך איין מין חוץ די פיר, און אויך ניט נעמען ווייניגער ווי די פיר ניט אויסטוישען איינעם פון די פיר אויף אן אנדער מין.

**עשה קכח. סוכות מוז מען זיצען אין סוכה,** די ערשטע נאכט סוכות מוז יעדער איד עסען א מאלצייט אין סוכה, פון די ערשטע נאכט און ווייטער, אויב מ'וויל ניט עסען קיין מאלצייט, נאר פרוכט אדער מזונות, גרויס ווייניגער ווי אן איי, קאן מען עסען ניט אין סוכה, אויב מ'וויל עסען א מאלצייט, מוז מען עסען אין סוכה גאנץ סוכות, יעדעם מאל ווען מען געהט אין סוכה, מוז מען זאגען די ברכה לישב בסוכה, די ערשטע צוויי נעכט זאגט מען ביים קידוש אויך די ברכה שהחיינו.

לאו קצח. אין שמיטה יאר טאר מען ניט זייען אין פעלד, (שמיטה יאר איז יעדער זיבעטער יאר אנפאנגענדיג נאכ'ן יובל יאר), ניט בלויז זייען טאר מען ניט, נאר אויך קיין שום ארבייט, וועלכע פארבעסערט די ערד צום וואקסען טאר מען ניט טאן, ווי אקערען מיסטי־גען, ארויסקלויבען די שטיינער א. ד. גל. ווער ס'ארבייט אין פעלד, אין ענדע שמיטה יאר, צוגרייטענדיג די ערד פאר דעם יאר נאך שמיטה, ס"זאל בעסער וואקסען, לאזט איהם ניט דער בית דין, פארזייען דאס פעלד קומנדיג יאר, און קיינער טאר אויך פון איהם דאס פעלד ניט דינגען פאר'ן קומענדען יאר.

לאו קצט. אין א פרוכט גארטען טאר מען ניט ארבייטען אין שמיטה יאר, ארומשניידען די צווייגען פון פרוכט בוימער איז גלייך ווי זייען אין א פעלד פון תבואה, ס'זיינען פאראן נאך פיל סארטען ארבייט ביי פרוכט בוימער, וועלכע מ'טאר ניט טאן אין שמיטה, פלאנצען בוימער, אפילו בוימער וועלכע ברענגען קיינמאל ניט קיין פרוכט, אפשניידען טריקענע צווייגען, טרוקענע בלעטער און שטריינגען, רויכערען אונטער די בוימער, צו טויטען אלע ווערים א. ד. גל.

לאו ר. אלעס וואס וואקסט ארויס פון זיך אליין אין שמיטה יאר (ספיח), אין א פעלד פון תבואה, סיי ס'זיינען ארונטער געפאלען

קערנער זאמען, און זיינען ארויסגעוואקסען פון זיך אליין, סיי פון די
ווארצלען וועלכע זיינען געבליבען אין דער ערד, און ארויסגעוואקסען
פון זיך אליין, אדער אנדערע גראזען, גרינסען, וועלכע האבען ארויסגע־
וואקסען אהן זאמען, טאר מען זיי ניט אפשניידען, גלייך ווי אין אנדערע
יארען, דאס מיינט מען זאל ניט אפשניידען אלעס פון גאנצען פעלד מיט
אמאל, און צוזאמנפירען אין איין ארט, דרעשען, און אויספערטיגען
אלעס מיט איין מאל, נאר מ'זאל אפשניידען א ביסעל, און אויסשלאגען
די קערנער און עסען, לויט'ן דין פון דער תורה, מעג מען עסען ספיה,
אבער די חכמים האבען באשלאסען, דאס מ'זאל ניט טארען עסען קיין
ספיה, ווייל ס'וועט זיין פיעל, וועלכע וועלען אין שמיטה יאר פארזייען
באהאלטענערהייט, און ווען ס'וועט ארויסוואקסען וועלען זיי זאגען אז
ס'איז ספיה (אליין פון זיך ארויסגעוואקסען).

לאו רא. פרוכטען וועלכע וואקסען אויף די בוימער אין שמיטה יאר,
טאר מען זיי ניט ארונטערנעמען גלייך ווי אין די אנדערע יארען,
נאר ביסלעכוויז און זיי אויסארבייטען ניט אזוי ווי אלעמאל, פייגען
זאל מען לאזען טרוקענען פון זיך אליין, און ניט מאכען מיט א פרעס,
וויינטרויבען זאל מען ניט טרעטען אין א גרוב, נאר אויסדרוקען אין
א כלי, און אזוי זאל מען יעדע זאך מאכען אנדערש ווי אלע יאר.

עשה קכט. דער בית דין הגדול (סנהדרין) זאל ציילען איינצעלנע יארען
פון איין יאר ביז זעקס יאר דער זיבעטער יאר איז שמיטה, די
זיבען יאר צוזאמען זיינען א שמיטה, דאן זאלען זיי אפציילען זיבען
שמיטות, ניין און פערציג יאר, דער פופציגסטער יאר איז יובל.

עשה קל. צעהן טאג אין חדש תשרי פון יובל יאר, זאל מען בלאזען
שופר, גלייך ווי מ'בלאזט אום ראש השנה יעדען יאר, צו באקאנט
מאכען די פרייהייט פון די קנעכט, און די אלע פעלדער וועלכע געהען
צוריק צו זייערע ערשטע אייגענטימער, און אלע פעלדער זאלען רוהען,
מ'טאר אין זיי ניט ארבייטען, די מצוה פון שופר בלאזען איז געזאגט
**צום בית דין, אבער אן איינצעלנער איד,** וועלכער איז ווייט פון בית דין
מוז ער אויך בלאזען שופר, דער יובל יאר פאנגט זיך אן אין טאג פון
ראש השנה, אבער אזוי לאנג ווי מ'האט נאך ניט געבלאזען שופר פון
יובל, דאס מיינט פון ראש השנה ביז יום כפור, זיינען די קנעכט נאך
ניט אוועק צו זייערע היימען, אבער זיי האבען שוין מעהר ניט געמוזט
ארבייטען פאר זייערע בעלי בתים נאר, זיי האבען געגעסען, געטרונקען,
פריילוך געווען, און אויפגעהויבען זייערע קעפ, ווי באלד ס'איז געקומען
יום כפור, זיינען אלע קנעכט אוועק אהיים און אלע פעלדער צוריקגע־
קומען צו זייערע ערשטע בעלי בתים אהן געלט.

עשה קלא. דער בית דין הגדול (סנהדרין) זאל זיך פארזאמלען, אין אנפאנג אנקומען פון יובל, צו היילינען דעם יאר, זיי זאגען די ברכה לקדש שנים, און דער יאר ווערט היילינ, מיט דעם וואס עם הערט אויף אלע ערד ארבייט, אלע פרוכטען און תבואות פון די פעלדער ווערען פריי פאר יעדען איינעם, קיין בעל הבית טאר ניט צוזאמען נעמען, תבואות אדער פרוכטען, אוועקפירען צו זיך אהיים, אלע קנעכט ווערען באפרייט פון זייערע בעלי בתים און אלע פעלדער געהן צוריק צו זייערע איינענטימער אהן געלט, דער יובל יאר ציילט זיך ניט אין דער שמיטה, נאר דער ניין און פערציגסטער יאר איז שמיטה, און דער פופציגסטער יאר איז יובל, דער איין און פופציגסטער יאר פאנגט זיך אן די נייע שמיטה.

לאו רב. אין דעם יובל יאר טאר מען ניט ארבייטען, סיי ערד ארבייט, סיי בוים ארבייט, דאס מיינט מ'טאר ניט ארומארבייטען די ביימער אויך ניט ארומגראבען די ערד.

לאו רג. (ספיח) די תבואה וועלכע האט ארויסגעוואקסען פון זיך אליין אין יובל יאר, (ספיח) סיי פון ארונטערגעפאלענע זאמען קערנער, סיי פון ווארצלען וועלכע זיינען פארבליבען אין דער ערד, און שפעטער ארויסגעוואקסען, אדער אנדערע גראזען און גרינסען, וועלכע האבען ארויסגעוואקסען אהן זאמען, טאר מען זיי ניט אפשניידען אלעם מיט אמאל, צוזאמענפירען אין איין ארט, דרעשען, און אויספערטיגען אלעם מיט אמאל, נאר מ'זאל אפשניידען א ביסעל, אויסשלאגען די קערנער און עסען, אבער די חכמים האבען שפעטער באשלאסען, מ'זאל ניט טארען עסען קיין ספיח, ווייל ס'וועט זיין פעלע וועלכע וועלען אין יובל יאר פארזייען באהאלטענערהייט, און ווען ס'וועט ארויסוואקסען וועלען זיי זאגען אז ס'איז ספיח.

לאו רד. פרוכטען וועלכע וואקסען אויף די ביימער אין יובל יאר, טאר מען ניט ארונטערנעמען אלע מיט אמאל, גליך ווי אין אנדערע יארען, נאר ביסלעכווייז, און זיי ניט אויסארבייטען ווי אין אנדערע יארען, נאר ס'זאל זיין געענדערט, וויינטרויבען זאל מען ניט טרעטען אין א גרוב נאר אין א כלי, פייגען זאל מען ניט צוזאמענפרעסען נאר זיי טרוקענען באזונדער.

עשה קלב. ביים קויפען אדער פארקויפען, וואס ס'זאל ניט זיין זאלען די קויפער און פארקויפער דורכפירען אלעם לויט'ן דין תורה, ווי אזוי דאס פארקויפטע זאל איבערגעהן פון פארקייפער צום קויפער, איז זעהר פארשידען, אויב עס ווערט ניט ריכטיג געטאן, געהט די זאך קיינמאל ניט איבער פון האנט צו האנט, דעריבער מוז בית דין זעהן דורכצופירען, די דינים וועגען קויפען און פארקייפען.

לאו רה. דער פארקויפער און קויפער, טארען ניט נארען איינער דעם צווייטען ביים פרייז, אויב ס'האט איינער דעם צווייטען גענארט פונקט מיט א זעקסטעל פון ווערט, בלייבט דער קויף אין קראפט, און דער נארער, מוז צוריקצאלען צו דעם גענארטען, וויפיל ס'באטרעפט דער זעקסטעל, אויב ס'איז גענארט געווארען מיט ווייניגער פון א זעקסטעל, אפילו נאר איין פרוטה ווייניגער, איז דער קויף גילטיג, און דער נארער ברויך גארניט צוריקצאלען, ווייל ווייניגער פון א זעקסטעל שענקט אלע מאל דער גענארטער, אויב ס'איז גענארט געווארען מעהר ווי מיט א זעקסטעל, כאטש נאר מיט איין פרוטה מעהר, דאן קאן דער גענארטער מאכען דעם קויף צונישט אויב ער וויל, און דאס געלט געהט צוריק.

לאו רו. מ'טאר ניט איינער דעם צווייטען נארען מיט רייד, דאס מיינט אויב איינער איז א בעל תשובה, טאר מען איהם ניט פארווארפען, וואס ער איז געווען פריער, אדער ווען ער איז א זוהן פון א גר, טאר מען איהם ניט פארווארפען, דאס זיין פאטער איז געווען א גוי, אדער ווען מ'פרעגט א שווערע וויסענשאפטליכע פראגע, טאר מען ניט פרעגען ביי איינעם, וואס עס איז זיין מיינונג וועגען דעם, אין דער צייט ווען מ'ווייס אז דער יעניגער, איז זעהר ווייט פון צו וויסען, און האט קיינמאל ניט געוואוסט וועגען דעם.

לאו רז. ביים פארקויפען לאנד אין ארץ ישראל, פון די לאנד וועלכע איז צעטיילט געווארען, צווישען די אידען אריינקומענדיג אהין פון מצרים, טאר מען ניט אויסריידען, דאס די לאנד איז פארקויפט אויף אייביג, ס'זאל ניט צוריקגעהן אין יובל, צו דעם ערשטען אייגענטימער, כאטש ס'געהט סיי ווי צוריק אין יובל, ווייל דער אויסרייד העלפט גאר ניט, אבער דער אויסרייד אליין איז א זינד פאר זיך.

עשה קלג. יעדעס פעלד, וויינגארטען, פרוכטגארטען אדער הויז, וואס ווערט פארקויפט אין ארץ ישראל, מוז אין יובל ווערען צוריקגעגעבען, צו דעם ערשטען אייגענטימער אהן געלט, אפילו ווען ס'איז אין דער צייט געווארען פארקויפט צו הונדערט מענשען, פון איינעם צום צווייטען, דאך ווען ס'קומט יובל געהט עס צוריק צום ערשטען אייגענטימער, ווען איינער שענקט אוועק אלס פרעזענט זיין פעלד, געהט עס צוריק צו איהם אין יובל.

עשה קלד. אויב מ'פארקויפט א הויז אין א שטאט, און די שטאט האט ארום זיך א מויער, נאך פון די צייטען פון יהושע בן נון, אדער די שטאט האט געהאט א מויער ארום זיך, אין די צייטען פון **יהושע בן נון, כאטש יעצט האט זי ניט מעהר די מויער,** האט דער פארקויפער דאס רעכט צוריק אויסצולייזען זיין פעלד, צוועלף חדשים פון

דעם טאָג וואָס ער האָט עס פארקויפט, אין די צוועלף חדשים קען ער אויסלייזען ווען נאָר ער וויל, אפילו דעם ערשטען טאָג פון פארקויפען, ווען ער לייזט אויס, מוז ער צוריק געבען דעם קויפער זיין גאנצע געלט, וויפיל ער האָט באצאָלט, און אויב דער קויפער האָט אין דער צייט, געגעסען די תבואות פון דעם פעלד, ברויך ער דערפאר גאָרניט צו באצאָלען, אויב אָבער דער פארקויפער האָט עס אין פארלויף פון די צוועלף חדשים ניט אויסגעלייזט, בלייבט דאָס פעלד אויף אייביג פארפאַלען צום קויפער, אפילו אין יובל געהט עס אויך ניט צוריק.

לאו רח. די שטעדט וועלכע די לויים האָבען באקומען אין ארץ ישראל, מיט פעלדער און ליידיגע לאַנד, זאָלען אזוי פארבלייבען, מ'טאָר ניט פארוואנדלען פון אַ שטאָדט אין אַ פעלד אָדער פארקערט, אויך ניט צו מאַכען, פון אַ פעלד צו לעדיגע לאַנד אָדער פארקערט.

לאו רט. מ'טאָר ניט באָרגען צו קיין איד געלט, עסענוואַרג אָדער אנדערע זאכען, און נעמען פראָצענט דערפאַר סיי מ'באָרגט צו אַ רייכען אָדער אָרימאַן, אין די זינד פון פראָצענט געהען אריין, דער באָרגער, דער וואָס נעמט געבאָרגט, אַ גוט זאָגער, די עדות, ווער עס שרייבט דעם וועקסעל, אויך דער מעקלער, אויב אָהן דעם מעקלער וואָלט ער ניט געבאָרגט.

לאו רי. ווער עס קויפט אַ אידישען קנעכט, וועלכער האָט זיך פארקויפט, וויל ער איז געוואָרען אָרים, און ניט געהאט צו עסען, קיין קלייד אָנצוטאָן, אָדער דער בית דין האָט איהם פארקויפט, וויל ער האָט גע'גנב'עט און ניט געהאט צו באצאָלען, וועלכער איד ס'האָט דעם קנעכט געקויפט, טאָר מיט איהם ניט טאָן קיין ארבייט, פון שאַנדע און נידעריגקייט, ווי די וועלכע מ'טהוט מיט אַ כנעניישען קנעכט, און זאָל זיך מיט איהם אויפפירען ווי מיט אַ געדונגענעם ארבייטער.

לאו ריא. סיי אַ איד וועלכער פארקויפט זיך אַליין, אָדער דער בית דין פארקויפט איהם, זאָל ער ניט ווערען פארקויפט פאַר אַלעמען, אויף דעם שקלאַפען מאַרק, ווי מ'פארקויפט די כנענישע קנעכט, נאָר ער זאָל ווערען פארקויפט שטילערהייט, אין אנשטענדיגקייט.

לאו ריב. מיט אַ אידישען קנעכט, טאָר מען ניט טאָן קיין ארבייט, וואָס רופט זיך (פרך), דאָס מיינט ארבייט אָהן אַ ענדע, אָדער ארבייט וועלכע מ'ברויכט זי ניט, נאָר בלויז צו מאַכען דעם קנעכט ארבייטען ער זאָל ניט לעדיג געהן, דער בעל הבית טאָר ניט זאָגען צום קנעכט, זאָלסט גראָבען אונטער די וויינשטאָק ביז איך וועל קומען, וויל דאָס הייסט ארבייטען אָהן אַ ענדע, נאָר ער זאָל איהם זאָגען, זאָלסט גראָבען ביז דער שטונדע, אָדער זאָלסט גראָבען ביז ווּעסט קומען צום דעם אָדער

יענעם אָרט, אויך זאָל ער איהם ניט זאָגען גראָב אויף דעם אָרט, און ער ברויך גאָרניט, דער אָרט זאָל ווערען געגרבען, אָדער הייסען דעם קנעכט מאַכען ווארימע וואסער, און ער ברויך עס גאָר ניט.

עשה קלה. מיט א כנענישען קנעכט, מוז מען ארבייטען אויף אייביג, מ'טאָר איהם קיין מאָל ניט פריי לאָזען, סיידען ווען זיין אייגענ-טימער, שלאָגט איהם אויס אַן אויג, א צאָהן, אָדער א גליד, פון די פיר און צוואַנציג גלידער, וועלכע די חכמים האָבען באשטימט איהם צו באפרייען, דאָס איז נאָר ווען דער בעל הבית, האָט מיט אבזיכט געוואָלט זיין קנעכט מאַכען דעם פעהלער, אָבער ווען ס'איז געקומען דורך א צופאַל, ווי ער האָט געוואָלט ווארפען א שטיין אויף א בהמה, און דער שטיין האָט געטראָפען דעם קנעכט, מאַכענדיג איהם א פעהלער, געהט דער קנעכט ניט ארויס פריי.

לאו רנג. מ'טאָר ניט לאָזען א כנעני, וואָס וואוינט אין ארץ ישראל, ער זאָל ארבייטען מיט א אידישען קנעכט, (וועלכער האָט זיך צו איהם פארקויפט), די ארבייט וועלכע מיר טאָרען ניט מיט איהם אַרבייטען, אָבער מיר זיינען ניט פאַרפליכטעט, אריינצוגעהן צו א גוי אינוויינוג, זוכען אויב ער ארבייט מיט זיין אידישען קנעכט, שווערע ארבייט, נאָר אויב מיר זעהן עס, מוזען מיר איהם ניט לאָזען.

לאו רנד. מ'טאָר ניט אויספלאַסטערען די ערד מיט שטיינער, פאַר אַן אָרט צו בוקען זיך אפילו צו גאָט ברוך הוא. ווייל דאָס מעג מען נאָר אין בית המקדש אליין, מעהר אין קיין אָרט ניט,אָבער מ'דערקט צו די פלאַסטערונג מיט געוואַנד אָדער שטרוי, מעג מען זיך בוקען דערויף.

עשה קלו. ווען איינער זאָגט, איך וויל געבען צום בית המקדש, אזוי פיל געלט וויפיל איך, אָדער יענער מענש איז ווערט, זאָל דער כהן באשטימען דעם פרייז, נאָך דער עלטער פון באטרעפענדען, לויט דעם באשטימטען פרייז, אין דער תורה פאַר א מאַן אָדער פרוי.

לאו רטו. א בהמה וועלכע איז געוואָרען געהייליגט, פאַר א קרבן צום מזבח, טאָר ניט ווערען אויסגעטוישט, פאַר א ניט הייליגע.

עשה קלז. ווען איינער האָט א בהמה א קרבן, און א צווייטע בהמה ניט קיין קרבן, און ער זאָגט, די ניט קרבן זאָל זיין אנשטאָט דעם קרבן, ראַן געהט איבער די הייליגקייט פון קרבן, אויף די צווייטע בהמה, און ביידע בהמות זיינען הייליג, אָבער ווען ער זאָגט דאָס זעלבע, ניט אויף דער גאַנצער בהמה, נאָר אויף א טייל פון דער בהמה, די האַנט אָדער פוס פון דער בהמה, זאָל זיין אנשטאָט דער האַנט אָדער פוס פון דעם קרבן, האָט זיין זאָגען קיין ווערט.

עשה קלח. אויב אַ קרבן האָט באַקומען אַן אונהיילבאַרען פעהלער, און קאָן מעהר ניט געהן צום מזבח, אָדער ווען מ'האָט געשענקט צום בית המקדש, אַן אומריינע בהמה וועלכע קאָן ניט געהן צום מזבח, און דער בעל הבית וויל די בהמה אויסלייזען, זאָל דער כהן אָפּשאַצען דעם ווערט, און דאָס זאָל ער באַצאָלען, און מיט דעם געלט זאָל מען קויפען אַן אנדערע בהמה פאַר דעם זעלבען קרבן, וואָס איז געווען.

עשה קלט. ווען איינער שענקט זיינע אַ הויז צום בית המקדש, סיי ס'איז אין שטאָט, וועלכע האָט אַ מויער אַרום זיך, סיי ס'איז אַן אָפענע שטאָט, אויב דער אייגענטימער קומט עס אויסלייזען, אָדער זיין פרוי, אָדער ווער ס'איז פון זיינע יורשים, מוזען זיי באַצאָלען צום בית המקדש, וויפיל דער כהן שאַצט אָפּ די ווערט, און מוזען נאָך צוגעבען, אַ פערטעל פון דעם אָפּגעשאַצטען פרייז, דאָס איז אַ פינפטעל פון דער גאַנצער באַצאָלונג, מ'קאָן עס שטענדיג אויסלייזען, אפילו ווען עס קומט יובל געהט עס ניט אַרויס, סיידען מ'לייזט עס אויס.

עשה קמ. ווען איינער שענקט אַ פעלד צום בית המקדש, און ער אָדער זיין פרוי אָדער זיינע יורשים ווילען עס אויסלייזען, אויב דאָס פעלד איז אַ (שדה אחוזה) דאָס מיינט ס'איז נאָך פון דער ערשטער צעטיילונג פון ארץ ישראל, ס'געהט אין די משפחה פון איינעם צום צווייטען בירושה, האָט די תורה באַשטימט אַ פרייז לויט דער מאָס, סיי ס'איז פון די בעסטע אָדער ערגסטע פעלדער איז אַלעם גלייך, מעסט מען דאָס פעלד, און ער באַצאָלט וויפיל עס קומט אויס, און לעגט צו אַ פערטעל, דאָס הייסט אַ פינפטעל טייל פון דער גאַנצער באַצאָלונג, אויב ס'איז אַ (שדה מקנה) דאָס מיינט אַ געקויפטע פעלד, דאָס פעלד איז דאָך נאָר זיין אייגענטום ביז יובל, ווייל יובל מוז ער דאָך עס צוריק געבען צו דעם וואָס עס האָט איהם פאַרקויפט, קאָן ער דאָך נאָר שענקען דאָס פעלד צום הקדש, ניט מעהר ווי ביז יובל, דעריבער שאַצט מען אָפּ וויפיל דאָס פעלד איז ווערט פון יעצט ביז יובל, און דאָס מוז ער באַצאָלען, און ברויך ניט צו געבען קיין פינפטעל.

לאו רטז. אויב מ'האָט געהייליגט אַ בהמה פאַר אַ באַשטימטען קרבן, טאָר מען ניט געברויכען די זעלבע בהמה, פאַר אַן אנדער קרבן, אפילו ניט פון לייכטער הייליגקייט צו אַ האַרבערע, און געוויס ניט פון נאָר אַ גרויסע הייליגקייט צו אַ קלענערע, ניט בלויז אַ קרבן טאָר מען ניט ענדערען, נאָר אויך אויב מ'שענקט געלט אָדער זאַכען צום געברויכען אין בית המקדש, טאָר מען אויך ניט ענדערען פון איין זאַך צו אַ צווייטע.

עשה קמא. ווען איינער זאָגט מיין פעלד זאָל זיין חרם, אָדער ער זאָגט עס אויף אַנדערע זאַכען זיינע, אויב ער האָט אַרויסגעזאָגט ס'זאָל

זיין חרם צום בית המקדש, אָדער ער זאָגט חרם לשמים, געהט עס צום בית המקדש, קאָן מען עס אויסלייזען אויב מ'וויל, באַצאָלענדיג וויפיל ס'איז ווערט, און די זאַכען ווערען אויס הייליג, און מ'ברויך ניט צוצו־געבען קיין פינפטעל, אויב אָבער ער האָט געזאָגט ס'זאָל זיין חרם צו די כהנים, אָדער אפילו ער האָט ניט דערמאָנט דעם וואָרט כהנים נאָר ער האָט בלויז געזאָגט, ס'זאָל זיין חרם ניט זאָגענדיג צו וועמען, געהט דאָס אויך צו די כהנים, וועלכע אַרבייטען אין בית המקדש, אין דער צייט ווען ער האָט געשאָנקען די זאַכען, אַלעס וואָס מ'גיט חרם צו די כהנים, קאָן קיינמאָל ניט ווערען אויסגעלייזט, נאָר עס בלייבט צו די כהנים.

לאו ריז. ווען איינער זאָגט דאָס פעלד זאָל זיין חרם צו די כהנים, אָדער ער זאָגט בלויז עס זאָל זיין חרם, טאָר ער דאָס פעלד ניט פאַרקויפען צו אַן אַנדערען, כאָטש ער וויל געבען די געלט צו די כהנים, טאָר ער אויך ניט, נאָר ער מוז אוועקגעבען דאָס פעלד צו די כהנים, די כהנים קענען טאָן מיט דעם פעלד וואָס זיי ווילען, ווייל ווען עס קומט אין די הענט פון די כהנים, איז עס ניט מעהר הייליג.

לאו ריח. יעדע זאַך וואָס מ'שענקט אוועק צו די כהנים, קאָן מען עס קיינמאָל ניט אויסלייזען, נאָר עס מוז ווערען אוועקגעגעבען צו די כהנים, וועלכע אַרבייטען אין בית המקדש, אין דער צייט ווען ער שענקט עס אוועק, חרם צו די כהנים.

עשה קמב. פון די בהמות וואָס מיר מעגען עסען, מוז מען יעדען יאָר נעמען אַ צענטעל פון די, וועלכע זיינען געבוירען געוואָרען אין דעם יאָר, און פירען קיין ירושלים, דאָרט זאָל מען זיי עסען, נאָכדעם ווי מען דעמפט די פעטס, און שפריצט די בלוט אויפ'ן מזבח, אויב מ'קויפט שעפּסען געבוירענע אין דעם יאָר, אָדער מ'קריגט זיי געשענקט אַ מתנה, זיינען זיי פּטור אוועקצופירען אַ צענטעל אין ירושלים, (מעשר בהמה).

לאו ריט. מעשר בהמה טאָר מען ניט פאַרקויפען אָדער אויסלייזען.

עשה קמג. אַ איד וועלכער וויס, דאָס אין אידישען לאַגער, איז פאַראַן איינער, וועלכער איז פאַראומרייניגט געוואָרען אַזוי, דאָס לויט דער תורה, מוז ער ווערען אַרויסגעשיקט, פון אידישען לאַגער, מוז דער וואָס וויס דערפון, זעהן דורכפירען די אַרויסשיקונג, און דער אונרייניגער אַליין, זאָלאַנג ווי ער געהט ניט אַרויס פון לאַגער, באַגעהט ער אַ זינד.

לאו רכ. אַן אומריינער טאָר ניט אַריינקומען אין בית המקדש, אָבער ניט אַלע אומריינע זיינען גלייך, אַ קרעציגער טאָר זיך ניט געפינען אין גאַנץ ירושלים, אַ פרוי ווען זי האָט איהר צייט, אָדער אַ געווינערין ווי לאַנג זי איז נאָך ניט אינגאַנצען ריין, אַ מאַן פון וועלכען ס'רינט אַ פליסיגקייט, די אַלע מעגען זיין אין ירושלים, אָבער זיי טאָרען ניט באַטרע־

טען דעם בארג, וואס פירט צום מקדש (הר הבית). ווער ס׳האט אנגערירט א טויטען, און אפילו דער טויטער קערפער אליין, מעגען געהן אויף דעם הר הבית ביז דער טיר פון (עזרה), פון דער טיר און ווייטער, דאס איז דער (חיל) ס׳פארנעמט צעהן איילען אריין אין מקדש, דארט טארען זיי ניט קומען, ווער ס׳איז אומריין, און איז שוין געווען אין וואסער, נאר ער מוז ווארטען ביז זון־אונטערגאנג, דער מעג קומען אין חיל, ווייל ער איז דאך שוין ריין, אבער טאר ניט קומען אין עזרת נשים (עזרת נשים איז גלייך נאכ׳ן חיל) נאך זון־אונטערגאנג קאן ער שוין קומען איבעראל.

עשה קמד. ווער ס׳זינדיגט געגען דער תורה, ווען ער וויל טאן תשובה אויף זיינע זינד, זאל ער אויסזאגען פאר גאט ברוך הוא זיינע זינד, און נעמען אויף זיך פון היינט און ווייטער, די זינד מעהר ניט צו טאן, און בעטען גאט ברוך הוא, זאל איהם שענקען אויף וואס ער האט געטאן, אזוי אויך ווער ס׳זינדיגט און מוז ברענגען א קרבן, איז ניט גענוג בלויז דער קרבן, סיידען ער טהוט תשובה, אזוי ווי עס איז פריער דערמאנט, אויך די וועלכע באקומען טויט שטראף, האבען זיי ניט קיין כפרה ביז זיי טהוען תשובה, אפילו ווער ס׳מאכט דעם צווייטען א שאדען, איהם אדער זיין געלט, כאטש ער באצאלט איהם, ווערט עס ניט פארגעבען ביז וואנען ער טהוט תשובה.

עשה קמה. ווען א מאן פארדעכטיגט זיין פרוי אין פארקערען מיט א פרעמדען מאן, מוז ער איהר ווארענען פאר צוויי עדות, זי זאל זיך ניט צוזאמענקומען מיט דעם מאן אין א באהאלטענעם ארט, אויב נאך זיין ווארענען, זיינען געקומען צוויי עדות, וועלכע האבען געזעהן די פרוי מיט דעם זעלבען מאן, אריין אין אן איינזאמען ארט, און זיינען דארט געווען אזוי לאנג ווי עס נעמט, צו בראטען אן איי לויז און אויסטרינקען, טאר זי מעהר ניט וואוינען מיט איהר מאן, סיידען מ׳טרינקט איהר אן די מים המאררים (ביטערע וואסער), אויסצוגעפינען אויב זי איז ריין פון דער זינד, דאס קאן מען נאר טאן אין ירושלים, ביי די סנהדרין אין בית המקדש, ווען ס׳איז ניטא דער בית המקדש, טאר זי מיט איהר מאן ניט מעהר וואוינען, און זי נעהמט פון איהם ארויס אהן איהר כתובה.

לאו רבא. ווען מ׳ברענגט די פארדעכטיגע פרוי, פאר די סנהדרין, און ס׳ווערט אלעס דורכגעפירט אויף איהר לויט די תורה, ברענגט אויך דער מאן א קרבן מנחה, זאל מען אין דער מנחה ניט אריינטהון קיין אויל, ווי מען טהוט אריין אין יעדען קרבן מנחה, די מעהל פאר דער מנחה נעמט מען גערשטענע מעהל, ווייל אזוי ווי די פרוי האט געטאן ווי א בהמה, אזוי איז אויך איהר קרבן א מאכל בהמה.

לאו רכב. מ'טאָר אויך ניט געברויכען קיין לבונה (געווירץ), צו רעם קרבן מנחה, פון דער פאַרדעכטיגער פרוי.

לאו רכג. ווען איינער נעמט אויף זיך צו זיין א נזיר, דאָס מיינט ער זאָל זיין אָפּגעזונדערט צו גאָט ברוך הוא, טאָר ער פאַר דער גאַנצער צייט, פון זיין אָפּגעזונדערטקייט, ניט טרינקען קיין וויין, סיי נייעם אָדער אַלטען, אויך קיינע אַנדערע שטאַרקע געטראַנקען, און קיין זאַך אין וועלכער עס איז פאַראַן אַ מישונג מיט וויין, אויך קיין וויין־עסיג, אויב ער האָט ניט בשטימט קיין צייט, פאַר זיין אָפּגעזונדערטקייט מוז עס זיין דרייסיג טעג, אויב ער האָט אָנגעגעבען צייט ווייניגער פון דרייסיג טעג, מוז ער אַלץ אָנהאַלטען דרייסיג טעג, אָבער אויב ער האָט ארויסגעזאָגט, פאַר איין און דרייסיג טעג אָדער הונדערט טעג, מוז ער אָנהאַלטען די צייט וואָס ער האָט ארויסגעזאָגט, ניט מעהר און ניט ווייניגער.

לאו רכד. די גאַנצע צייט פון זיין אָפּגעזונדערקייט, טאָר א נזיר ניט עסען קיין זאַכען, וואָס קומען פון די וויין־פרוכט, אָבער די בלעטער, די שטרענק מעג דער נזיר עסען, ווייל ס'איז ניט די פרוכט, און ניט קיין אָפּפאַל פון די פרוכט, נאָר ס'איז גלייך ווי האָלץ.

לאו רכה. די גאַנצע צייט פון זיין אָפּגעזונדערקייט, טאָר דער נזיר ניט עסען קיינע געטרוקענטע ווינטרויבען, ווייל דאָס קומט דאָך פון וויין־פרוכט.

לאו רכו. דער נזיר טאָר אין דער צייט, פון זיין אָפּגעזונדערקייט, ניט עסען קיינע קערנער פון ווינטרויבען, מיט וועלכע מען זייעט, ווייל דאָס איז אָפּפאַל פון די וויין־פרוכט.

לאו רכז. דער נזיר טאָר אין צייט פון זיין אָפּגעזונדערטקייט, ניט עסען די שאָלען פון ווינטרויבען, דאָס הייסט אויך אָפּפאַל פון פרוכט.

לאו רכח. דער נזיר טאָר ניט אָפּשניידען זיינע האָר פון קאָפּ, אפילו ניט איין האָר, סיי מיט א ראַזיר־מעסער אָדער מיט א שער געשניטען ביז צום וואָרצעל, אויך ניט אויסרייסען מיט די הענט, דער נזיר אַליין זאָל ניט אָפּשניידען די האָר, אויך ניט לאָזען אַן אַנדערער זאָל איהם אָפּשניידען די האָר, דער נזיר מעג זיך קראַצען רעם קאָפּ און דאַרף ניט מורא האָבען אויב עס וועט ארונטערפאַלען א האָר, ווייל ס'קאָן זיין עס וועט ניט ארונטערפאַלען, און אויב יאָ האָט ער דאָך ניט געמיינט אויסצורייסען, אָבער מיט א קאַם טאָר ער ניט קעמען, ווייל ס'וועט געוויס אויסרייסען האָר.

עשה קמו. א נזיר מוז לאָזען וואקסען זיינע האָר, פאַר די גאַנצע צייט וואָס ער האָט אויף זיך גענומען צו זיין אָפּגעזונדערט, אויב א נזיר איז געוואָרען א מצורע (קרעציג) און געוואָרען אויסגעהיילט, אַלעס

אין דער צייט ווען ער איז אַ נזיר, און אַ מצורע ווען ער ווערט אויסגע־היילט, מוז ער דאָך אָפּשניידן זיינע האָר פון גאַנצן קערפּער, איז ער דאָך אַ נזיר, מעג ער אָפּשניידן די האָר, ווייל ער איז געוואָרען אַ מצורע, איז ער געוואָרען אומריין, און אַ נזיר אויב ער ווערט אומריין, איז די מצוה פון לאָזען וואַקסען די האָר אַרונטער, נאָר ער טאָר ניט אָפּשניידען, איז אָבער די מצוה פון אויסגעהיילטען מצורע, זאָל אָפּשניידען די האָר שטאַרקער.

לאו רכט. אַ נזיר טאָר ניט אַריינקומען אין אַ הויז אָדער געצעלט, וואו עס ליגט אַ טויטער מענש.

לאו רל. אַ נזיר טאָר זיך ניט פאַראומרייניגען, מיט קיין שום טויטען מענש, אפילו מיט די אַלע נאָהענטע וואָס די כהנים מעגען זיך פאַראומרייניגען, טאָר ער אויך ניט, אָבער ווען אַ נזיר געהט אין וועג, און טרעפט אָן אַ טויטען, און עס איז ניטאָ ווער עס זאָל איהם באַערדיגען, זאָל דער נזיר זיך פאַראומרייניגען, און איהם באַערדיגען, אויב עס זיינען געוועזען צוויי נזירים, איינער איז געווען אַ נזיר אויף דרייסיג טעג, דער צווייטער אויף הונדערט טעג, זאָל זיך פאַראומרייניגען דער פון די דריי־סיג טעג.

עשה קמז. ווען דער נזיר האָט געענדיגט זיין צייט צו זיין אָפּגעזונדערט, מוז ער ברייגען דריי בהמות, אַ שעפּס זכר, פאַר אַ קרבן עולה, אַ שעפּס נקבה, פאַר אַ חטאת, אַ באַראַן פאַר קרבן שלמים, מיט דעם קרבן שלמים ברענגט ער זעקס צענטעל און צוויי דריטעל פון אַ צענטעל מאָס פיינע מעהל, דערפון מאַכט מען צוואַנציג חלות, צען חלות מצות און צען רינע מצות, מען שמירט די צוואַנציג מיט אַ פערטעל קוואַרט אייל, מען ליגט זיי אין איין כלי, מ'שעכט צוערשט דעם חטאת, נאָכהער דעם עולה, דאַן די שלמים, דאַן שניידט דער נזיר אָפּ די האָר, דאַן קאָכט מען די שלמים, מען נעמט פון די זופּ פון די שלמים, מ'טהוט עס אַרויף אויף די האָר, און מ'וואַרפט די האָר אויף דעם פייער, אונטער דעם קעסעל מיט די שלמים, נאָכהער נעמט דער כהן דעם געקאָכטען אָרעם פון דעם באַראַן, און צוויי חלות, איינע אַ דיקערע און איינע אַ דינע, דער כהן ליגט דאָס אַלעס אויף דעם נזיר'ס הענט, דער נזיר הויבט עס אויף, און פון דאַן און ווייטער מעג שוין דער נזיר טרינקען וויין.

עשה קמח. די כהנים מוזען בענטשען די אידען יעדען טאָג, שחרית, מוסף, נעילה, אָבער מנחה טאָר מען ניט דוכענען, ווייל צו מנחה האָבען שוין אַלע געגעסען, קאָן זיין דאָס די כהנים האָבען געטרונקען וויין, און אַ שכור טאָר ניט דוכענען, אפילו ווען עס איז אַ תענית (מ'פאַסט)

דוכענט מען אויך ניט, ווייל דערפון קען מען מיינען אז מען דוכענט אלע טאג צו מנחה.

עשה קמט. ווען מ'פירט דעם ארון, פון איין ארט צום צווייטען, זאל מען איהם ניט פירען אויף א בהמה, אדער אויף א וואגען, נאר די כהנים מוזען איהם טראגען אויף זייערע אקסלען, ווען זיי געהען מיט'ן ארון מוזען זיי זיין איינער צום צווייטען פנים צו פנים, דאס הייסט יעדער זאל זיין מיט'ן פנים צום ארון, און מיט'ן רוקען צום דרויסען, זיי זאלען זיך היטען, ניט ארויסצוזוקען די שטאנגען פון די רינגען פון ארון, אין דער מדבר געהענדיג פון מצרים האבען די לויים געטראגען דעם ארון.

עשה קנ. ווער ס'האט ניט געמאכט דעם קרבן פסח, פערצען טאג אין ניסן, ווייל ער איז גראד געווען אומריין, אדער ער איז געווען צו ווייט צו קומען קיין ירושלים, זאל ער מאכען דעם קרבן פסח, פערצען טאג אין חדש אייר פארנאכט, (פסח שני) אויב ער האט דורך א צופאל, פסח שני אויך ניט געקאנט מאכען, איז ער פטור, פסח שני איז אנדערש פון פסח ראשון, פסח ראשון טאר מען ניט עסען קיין חמץ, אפילו ניט זעהן קיין חמץ, און עס טאר זיך ניט געפינען קיין חמץ, מ'טאר ניט שעכטען דעם קרבן פסח אויב עס געפינט זיך נאך חמץ, מ'טאר ניט ארויספירען פון דעם קרבן פסח, פון דעם ארט וואס עס איז באשטימט געווארען דארט צו עסען, און ברענגען אין א אנדער ארט, מען מוז זאגען הלל ביים עסען דעם קרבן פסח און מ'ברענגט א קרבן חגיגה מיט דעם קרבן פסח, אבער פסח שני איז צוזאמען חמץ און מצה אין הויז, מ'ברויך ניט זאגען הלל, מען מעג עס ארויספירען פון איין ארט צום צווייטען, און מ'ברענגט ניט קיין קרבן חגיגה.

עשה קנא. ווער עס מאכט דעם קרבן פסח פערצען טאג אין אייר, (פסח שני) מוז עסען ניט ווייניגער ווי א כזית פון קרבן פסח, מיט מצה און מרור, אזוי ווי אום פסח ראשון.

לאו רלא. ווער עס מאכט (פסח שני) פערצען טאג אין אייר, טאר ניט איבערלאזען פון קרבן פסח ביז אויף מארגען, דעם פופצענטען טאג.

לאו רלב. אין דעם קרבן פסח שני, טאר מען ניט צוברעכען א ביין, ניט בלויז צוברעכען אין צווייען, נאר אפילו א קליין שטיקעל אביסעל איינברעכען, טאר מען אויך ניט, דאס איז נאר ווען ס'איז אויף דעם ביין פאראן א כזית פלייש, אדער ס'איז אין דעם ביין א כזית מארך, אבער ווען ס'איז א ליידיגער ביין און ס'איז אויף איהם קיין פלייש אויך ניטא און מ'האט איהם צובראכען איז מען ניט חייב.

עשה קנב. יעדען יום טוב און ראש חדש, ביים מאַכען דעם יום טוב'דיגען קרבן מוסף, דאָס איז א קרבן ציבור, אויך דער מוסף קרבן אין ראש חדש, מוזען די כהנים בלאָזען מיט די טראָמפּייטען, די טראָמפּייטען זיינען געווען זילבערנע, ניט געמאַכט שטיקלעכוויז און צוזאַמענגעשטעלט, נאָר פון א גאַנצע שטיק זילבער, און מיט א האַמער אויסגעשלאָגען ביז ס'איז געוואָרען פערטיג.

עשה קנג. ווען מען פאַרקנעט א טייג, ניט ווייניגער די גרויס, ווי דריי און פערציג מיט א פינפטעל איי, אויב די מעהל קומט פון ווייץ, גערשטען, האָבער, קאָרן און בוסמין (א סאָרט ווייץ), מוז מען געבען צום כהן חלה, א בעל הבית זאָל געבען, א פיר און צוואַנציגסטען טייל פון דעם טייג, א בעקער אַן אַכט און פערציגסטען טייל.

עשה קנד. א מענער קלייד אויב עס האָט פיר עקען, מוז מען ארייטהון ציצית אין יעדען עק, ציצת געמאַכט פון א גוי זיינען פסול, ווייל עס שטעהט דבר אל בני ישראל ועשו, מיינט עס דאָס נאָר אידען זאָלען מאַכען ציצית, די מצוה פון ציצית איז נאָר בייטאָג ניט ביינאַכט, ווייל עס שטעהט וראיתם אותו, דאָס מיינט נאָר אין דער צייט ווען מ'זעהט אין דאָס איז בייטאָג, א בלינדער מוז אויך האָבען ציצית, כאָטש ער זעהט דאָך ניט, אָבער אלע מענשען זעהען דאָך, מען מעג אָנטהון ציצית ביינאַכט, אָבער מען זאָל קיין ברכה ניט מאַכען, אין דער פרי מעג מען מאַכען אַ ברכה אויף ציצית, ווען ס'איז אזוי ליכטיג, דאָס מ'קאָן דערקאָנען צווישען תכלת און ווייס.

לאו רלג. מ'טאָר ניט פיל אריינטראַכטען, וועגען די איינציגקייט פון גאָט ברוך הוא, ווייל זעהר ווייניג מענשען באַזיצען גענוג אויסבילדונג און שאַרפזיניגקייט, וואָס מען ברויך דערצו, דעריבער אָנפאַנגענדיג צו אַריינטראַכטען, איז עס זעהר לייכט פאַרפירט צו ווערען, און צו ענדע איינגאַנצען ארונטערקומען פון וועג, אויך זאָל מען ניט קוקען אויף זאַכען, וועלכע רייצען אַן דעם מענשען צו זינדיגען.

עשה קנה. די כהנים און לויים, מוזען היטען דעם בית המקדש, דורך די גאַנצע נאַכט, ניט צוליב דער מורא פאַר גנבים אָדער רויבער, נאָר ס'איז אַן עהרען־וואַך, אָנצוטהון כבוד דעם בית המקדש, גלייך ווי עס שטעהט א וואַך ביי א קעניגליכען פּאַלאַץ, איין און צוואַנציג מאַן האָבען געהיט, יעדער איז געשטאַנען אין א באַזונדער אָרט, איין מאַן איז געווען אָנגעשטעלט איבער אלע היטער, ער איז ארומגעגאַנגען די גאַנצע נאַכט אויף אלע פּאָסטען, האַלטענדיג אין זיינע הענט גרויסע פייער פלאַקערס, און יעדער היטער האָט איהם באַגריסט, ווען ער איז צוגעקומען, אויב דער היטער האָט איהם ניט באַגריסט, איז עס געווען

א סימן, אז דער היטער שלאפט און זעהט איהם נישט, האט ער איהם געשלאגען מיט א שטעקען, ער האט אויך געהאט א רעכט אנצוצינדען דעם היטערס קליידער.

לאו רלד. א לוי טאר ניט טאן דעם כהן׳ס ארבייט, און א כהן טאר ניט טאן דעם לוי׳ס ארבייט, נאר יעדער איינער מוז טאן די ארבייט, וואס איז באשטימט פאר איהם, ניט נאר די גאנצע ארבייט, נאר אפילו ארויסהעלפען טאר ניט איינער אין צווייטענס ארבייט, א לוי טאר אויך ניט טאן אן אנדערען לוי׳ס ארבייט, און א כהן אן אנדערען כהן׳ס ארבייט, אויב א לוי האט געטאן אן אנדערענס ארבייט, קומט איהם מיתה בידי שמים, דאס מיינט ער באקומט טויט שטראף פון הימעל, אבער א כהן וואס האט געטאן א לוי׳ס ארבייט, האט ער אויך א זינד, אבער עס קומט איהם ניט קיין טויט שטראף פון הימעל.

לאו רלה. א זר (א איד וועלכער איז ניט קיין כהן) טאר ניט טאן קיין כהן׳ס ארבייט אין בית המקדש. אויב ער האט געטאן, איז די ארבייט פסול, און עס קומט איהם טויט שטראף פון הימעל, אבער ניט פאר אלע ארבייטען, קומט איהם טויט שטראף נאר פאר פיר, 1) פאר שפריצען בלוט פון א קרבן אויפ׳ן מזבח, 2) פאר דעמפען פלייש פון קרבן, אדער מעהל פון א מנחה, בשמים פון א מנחה, קטורת אויפ׳ן גאלדענעם מזבח, 3) פאר גיסען די וואסער אויפ׳ן מזבח אום סוכות, 4) פאר גיסען וויין אויפ׳ן מזבח א גאנץ יאר. ביי דעמפען קומט איהם נאר טויט שטראף אויב ער האט געדעמפט ניט ווייניגער ווי א בזית.

לאו רלו. דאס היטען דעם בית המקדש, וואס די כהנים און לויים האבען צו טאן, טארען זיי קיינמאל ניט אויף א מינוט אויפהערען.

עשה קנו. א איד ניט קיין כהן אדער לוי, וועלכען זיין פרוי, א טאכטער ניט פון קיין כהן אדער לוי, האט איהם געבוירען אן ערשטלינג א זוהן, זאל דער פאטער אויסלייזען דעם קינד פונ׳ם כהן, געבענדיג איהם פינף זילבערנע דאלאר, די מוטער איז ניט פארפליכטעט אויסצולייזען איהר זוהן, אויב דער פאטער האט זיין בכור ניט אויסגעלייזט, מוז דער זוהן אליין זיך אויסלייזען ווען ער ווערט גרויס, אויב דער כהן וויל מעג ער צוריק געבען די פינף זילבערנע דאלאר צום פאטער, אבער דער פאטער טאר ניט געבען דעם כהן די געלט, באלד מיט דער מיינונג, דאס דער כהן וועט איהם צוריקגעבען די געלט.

לאו רלז. א בכור (ערשטלינג) פון בהמות, וועלכע מיר מעגען עסען, טאר מען ניט אויסלייזען פונ׳ם כהן, אזוי ווי מ׳לייזט אוים א בכור אן אייזעל, נאר מען מוז איהם געבען צום כהן, אבער ניט צו געבען צום כהן באלד ווי ער ווערט געבוירען. ווייל עס איז א באליידיגונג פאר

דעם כהן, נאָר דער בעל הבית מוז זיך מיט איהם אָפּגעבען, ביז ער ווערט גרעסער, אויב ס'איז אַן אָקס מוז מען איהם האַלטען, ביז ער ווערט פופציג טאָג אַלט, אויב ס'איז אַ שעפּס אַ ציג מוז מען איהם האַלטען ביז דרייסיג טאָג.

עשה קנז. די לויים מוזען זיין אַלע מאָל גרייט, צו טאָן ארבייט אין בית המקדש, וואָס מ'ברויך אָהן אויסנאַמע, אויב אַ לוי נעמט זיך אָן צו טאָן אַלע ארבייט, חוץ איין אַרבייט וויל ער ניט טאָן, ווערט ער ניט אָנגענומען, די ארבייט פון די לויים אין בית המקדש, באַשטעהט פון היטען דעם מקדש, עפענען און פאַרמאַכען די טויערען אין מקדש, צו זינגען אויף די קרבנות און נאָך אַנדערע ארבייטען.

עשה קנח. ווען מען האָט פון דער תבואה שוין אָוועקגעגעבען, צום כהן זיין תרומה גדולה, מוז מען נעמען אַ צעהנטעל פון דער גאַנצער תבואה וואָס איז יעצט פאַראַן, און אָוועקגעבען צום לוי, דאָס רופט זיך מעשר ראשון, מעשר ראשון האָט קיין שום היילינקייט, יעדער איינער מעג עם עסען, אפילו ווען מ'איז אומריין, אָבער נאָר ערשט דאַן, ווען דער לוי האָט שוין דערפון אָוועקגעגעבען צום כהן אַ צעהנטעל פון וואָס ער האָט געקראָגען דאָס רופט זיך תרומת מעשר, ווייל ווי לאַנג די תרומת מעשר איז נאָך צוזאַמען מיט דער איבעריגער תבואה, טאָר מען פון דעם ניט עסען, צוליב די תרומת מעשר, וועלכע האָט די זעלבע היילינקייט ווי תרומה גדולה.

עשה קנט. ווען דער לוי קריגט זיין טייל מעשר ראשון, מוז ער אָוועק־געבען צום כהן, אַ צעהנטעל פון וואָס ער האָט געקראָגען, דאָס רופט זיך תרומת מעשר, תרומת מעשר האָט די זעלבע היילינקייט ווי תרומה גדולה, תרומת מעשר מוז מען מעסטען אָדער וועגען, ווייל עס מוז זיין פינקטליך אַ צעהנטעל, פון וואָס דער לוי האָט געקראָגען.

עשה קס. מ'זאָל קויפען אַ רויטע קוה, דריי אָדער פיר יאָר אַלט, מ'טאָר ניט קויפען אַ קאַלב און אויפציען ביז אַ קוה, ווייל עס שטעהט אין דער תורה ויקחו אליך פרה, דאָס מיינט מ'זאָל קויפען אַ קוה, אויב די קוה האָט צוויי ווייסע אָדער צוויי שוואַרצע האָר, איז זי פסול, די קוה טאָר ניט האָבען קיין פעהלער גליך ווי אַלע קרבנות, אָבער די קוה איז נאָך מעהר ווי אַלע קרבנות, מיט דעם, וואָס אויב זי האָט אַמאָל געאַרבייט, אָדער מ'האָט אויף איהר אַרויפגעלייגט אפילו נאָר אַ קלייניקייט, איז זי שוין פסול, די קוה מוז מען קויפען מיט געלט פון בית המקדש, די קוה מוז מען פאַרברענען ביז אַש לויט אַלע דינים פון דער תורה.

עשה קסא. אַ טויטער מענש פאַראומריינינגט דעם וואָס רירט איהם אָן, ווער עס טראָגט איהם אָדער ווער עס איז מיט איהם אין איין

הויז, כאָטש ער רירט איהם ניט אָן, ווער עס ווערט אומריין פון אַ טויטען איז אומריין זיבען טעג, אַ כזית פליש פון אַ טויטען, סיי עס איז פייכט אָדער פאַרטריקענט ווי אַ שאַרבען, איז גליך ווי אַ גאַנצער קערפּער פון אַ טויטען, אַ פערטעל קוואָרט בלוט פון אַ טויטען, אפילו פון די לעצטע בלוט, אַ גליד אָפּגעשניטען פון אַ טויטען מענש אָדער פון אַ לעבעדיגען, אויב עס האָט אויף זיך פלייש, אָדערען און ביינער איז עס גליך ווי אַ גאַנצער קערפּער פון אַ טויטען.

עשה קסב. אַ מענש אָדער אַ כלי וואָס איז געוואָרען אומריין פון אַ טויטען מענש, און וויל זיך רייניגען, זאָל איינער נעמען (אַ מענש וועלכער איז ריין) דריי שטרענג אזוב (אַ שמעקעוודיגע גראָז) בינדט זיי צוזאַמען אין איינעם, טונקט איין די שפּיצען אין וואַסער (מי חטאת), און שפּריצט אויף דעם מענש אָדער כלי, דעם דריטען טאָג זייט ער איז געוואָרען אומריין, און דעם זיבעטען טאָג, יעדעס מאָל נאָר נאָך זון־אויפגאַנג, נאָך דעם שפּריצען דעם זיבעטען טאָג, טונקט זיך דער אומריינער אין מקוה, און וואַרט ביז זון־אונטערגאַנג, דאַן איז ער ריין, וואָס איז מי חטאת? מ׳פילט אָן אַ כלי מיט קוואַל וואַסער, אָדער לויפענדע וואַסער, דאַן וואַרפט מען אין די כלי אויף די וואַסער די אַש פון דער פאַרברענטער רויטער קוה, און מישט עס אויס, די וואַסער רופט זיך אויך מי נדה.

עשה קסג. ווער עס שטאַרבט איבערלאָזענדיג ירושה, אויב עס זיינען פאַראַן זיהן, זיינען זיי די ערשטע צו באַקומען די ירושה, טעכטער קריגען גאָרניט, אויב עס זיינען ניט פאַראַן קיין זיהן, זוכט מען נאָך, אויב וועלכער פון די זיהן האָט איבערגעלאָזט קינדער, אויב יאָ, אפילו עס איז אַ טאָכטער באַקומט זי די ירושה, ווייל איהר פאָטער איז דאָך געווען אַ זוהן, איז די ירושה איבערגעגאַנגען צו איהם, כאָטש ער איז שוין געווען טויט, יעצט געהט עס איבער צום זוהן׳ס טאָכטער, ווייל ער האָט ניט געלאָזט קיין זוהן, אויב די זיהן האָבען גאָר קיין קינדער ניט געלאָזט, אויב דער פאַרשטאָרבענער האָט געהאַט אַ טאָכטער באַקומט זי די ירושה, אויב ניט, געהט די ירושה צום פאַרשטאָרבענעם׳ס פאָטער, אויב דער פאָטער לעבט ניט געהט די ירושה צום פאָטער׳ס ברודער, אויב ער האָט ניט קיין ברודער, געהט עס צום פאָטער׳ס פאָטער, און אזוי ווייטער.

עשה קסד. יעדען טאָג מוז מען ברייגגען דעם קרבן תמיד, דער נאָמען קרבן תמיד, מיינט דאָס דער קרבן איז געווען שטענדיג, ניט פאַרפעהלט איין טאָג אין יאָר, סיי אין וואָכען טאָג, און סיי אין שבת און יום טוב, דער קרבן איז געווען צוויי שעפּסען, איינער אין דער פרי, ווען עס איז שוין ליכטיג, פאַר דעם אויפגאַנג פון דער זון, און דער צווייטער פאַרנאַכט, די שחיטה איז געווען אכט און אַ האַלב שטונדע

אויפ'ן טאָג, און געמאַכט דעם קרבן האָט מען ניין און אַ האַלבע שטונדע אויפ'ן טאָג, דער תמיד איז געווען אַן עולה, נאָך דעם תמיד פאַרנאַכט האָט מען מעהר קיינע קרבנות נישט געטאָרט מאַכען.

עשה קסה. שבת האָט מען חוץ דעם קרבן תמיד, געבראַכט נאָך צוויי שעפּסען פאַר אַ קרבן מוסף, זיי זיינען אויך געווען קרבן עולה גלייך ווי דער תמיד, דער קרבן מוסף איז אויך געווען אַ פאָלקס קרבן, די צייט צו מאַכען דעם מוסף איז דעם גאַנצען טאָג צווישען דעם תמיד פון פרי, און דעם תמיד פון פאַרנאַכט, אויב מ'האָט ניט געקראָגען מעהר ווי איין שעפּס פאַר'ן קרבן מוסף, זאָל מען מאַכען נאָר איינעם.

עשה קסו. ראש חדש ברייננט מען אַ קרבן מוסף באַלד נאָך דעם תמיד פון פרי, דער מוסף פון ראש חדש זיינען, צוויי אָקסען איין באַראַן זיבען שעפּסען אַלע עולות, איין ציג פאַר אַ קרבן חטאת, דער ציג פאַר'ן קרבן חטאת ווערט געמאַכט פאַר אַלע אַנדערע פון קרבן מוסף.

עשה קסז. דעם פופציגסטען טאָג פון אָנפאַנג ציילען ספירה איז שבועות, ברענגט מען אויך אַ קרבן מוסף, עס איז דער זעלבער מוסף ווי אין ראש חדש, צוויי רינדער, איין באַראַן און זיבען שעפּסען, אַלע זיינען זיי עולות, און איין ציג אַ קרבן חטאת, דעם ציג פאַר'ן חטאת מאַכט מען פריער פון אַלע אַנדערע.

עשה קסח. דער ערשטער טאָג אין חדש תשרי איז ראש השנה, יעדער מוז הערען בלאָזען שופר, כאָטש אין דער תורה ווערט ניט געזאָגט, אויב מ'זאָל בלאָזען מיט אַ שופר, אָדער מיט אַן אַנדער טרומפּייט, דאָך האָבען די חכמים אָפּגעלערענט, פון יובל ווי עס שטעהט והעברת שופר תרועה, זעהען מיר דאָך אַז תרועה מיינט מיט אַ שופר, און ביי ראש השנה שטעהט אויך יום תרועה, מיינט עס אויך מיט אַ שופר, ווען דער מקדש איז געווען, האָט מען דאָרט געבלאָזען אום ראש השנה, מיט איין שופר און צוויי טרומפּייטען פון ביידע זייטען, די טרומפּייטען האָבען אויפגעהערט, פריער פאַר דעם שופר, אום מ'זאָל הערען דעם שופר אַליין, ווייל ראש השנה איז נאָר די מצוה דער שופר, און מ'האָט נאָר גענומען די צוויי טרומפּייטען, ווייל ס'שטעהט אין פסוק בחצוצרות וקול שופר, דאָס מיינט טרומפּייטען מיט אַ שופר, און אין אַנדערע ערטער האָט מען געבלאָזען בלויז מיט אַ שופר, יעצט בלאָזען מיר אויך נאָר מיט אַ שופר.

עשה קסט. ווער עס זאָגט, איך נעם אויף זיך אַ נדר, אָדער ער שווערט צו טאָן, אָדער ניט טאָן אַ געוויסע זאַך, מוז ער דורכפירען זיין צוזאָג, אויב צוליב אַן אורזאַך קען ער זיין צוזאָג ניט דורכפירען, מוז ער געהן צו אַ דיין (אידישער ריכטער), אויב עס איז ניט פאַראַן קיין דיין, קען זיין דריי פּראָסטע מענשען, דערציילען זיי וועגען זיין צוזאָג,

און ערקלערען די אורזאך צוליב וועלכען ער קאן יעצט זיין צוזאג ניט דורכפירען, אויב די מענשען זעהן איין, דאס ווען ער וואלט געוואוסט ווען די צייט פון זיין צוזאגען, וועגען די אורזאך, וואלט ער געוויס ניט צוגעזאגט, דאן זאגען זיי צו איהם דריי מאל מותר לך און ער ווערט באפרייט פון זיין נדר אדער שבועה.

לאו רלז. ווער עס שווערט אדער נעמט אויף זיך א נדר, צו טאן אדער ניט טאן א געוויסע זאך, טאר ער ניט פארשוועכען זיין צוזאג, אויב ער האלט ניט זיין צוזאג, קומט איהם מלקות, פאר באגעהן א פארברעכען געגען דעם לאו לא יחל דברו, ניט נאר ווען מען שווערט אדער מ'מאכט א נדר, נאר אפילו ווען מ'זאגט בלויז צו, מוז מען עס אויך דורכפירען, ניט מעהר וואס אהן א שבועה אדער נדר, קומט איהם ניט קיין מלקות.

עשה קע. ווען ארץ ישראל איז פארטיילט געווארען צווישען די אידען (חוץ שבט לוי), איז געווען א מצות עשה אויף דעם אידישען ציבור צו גיבען פאר די לויים 48 שטעדט צו וואוינען, פון די שטעדט זיינען זעקס באשטימט געווארען אלס ערי מקלט, דאס מיינט ווען איינער האט געטויטעט א אידען אומגערין, און ער האט מורא געהאט, טאמער וועט ווער פון דעם טויטענס משפחה נעמען ראכע און וועט איהם טויטען, איז ער אריין אין איינע פון ערי מקלט, דארט האט איהם קיינער ניט געקענט טויטען, אויב ער איז אריין אין איינע פון די 42 שטעדט, האט מען איהם אויך ניט געטארט טויטען, אבער די זעקס שטעדט זיינען געווען אין גאנצען געווידמעט פאר ערי מקלט, יעדע פון די 48 שטעדט האט געקראגען ארום די שטאדט 3000 איילען לאנד אין אלע פיער זייטען, די ערשטע טויזענט איילען זיינען געווען פאר לידיגע לאנד, צו פאשען בהמות, צו וואקסען גראז, א. א. וו. די איבעריגע צוויי טויזענט איילען, זיינען געווען פאר פעלד און וויינגערטנער, אויסער דעם האט מען געגעבען צו יעדער שטאדט, א פלאץ פאר א בית הקברות (סעמעטערי).

לאו רלט. ווען איינער ערמארדעט א אידען, אויב ס'זיינען דערביי געווען צוויי עדות, זיי האבען דעם מערדער געווארענט, דאס מ'טאר ניט מארדען, אבער דער מערדער האט געזאגט, באטש מ'טאר טאקי ניט, וויל איך אבער פארט איהם ערמארדען, מוז מען דעם מערדער שטעלען צום בית דין (געריכט), ווי ער ווערט פאראורטיילט צום טויט (מיתת סייף) מ'האקט איהם אפ מיט א שווערד זיין קאפ, ביז וואנען ער איז ניט פאראורטיילט פון בית דין איז ער גלייך ווי אלע אידען, קיינער טאר איהם ניט טויטען.

עשה קעא. ווער ס'טויטעט א מענש אומגעריך, זאל ער ווערען פארטרי־
בען אין אן עיר מקלט, דאס מיינט א שטאט וואס נעמט אריין
אלע, וועלכע טויטען א מענש אומגעריך, דארט בלייבען זיי זיצען ביז
ס'שטארבט דער כהן גדול, דאן מעגען זיי געהן א היים פריי, ניט מורא
האבענדיג מ'זאל זיי טויטען. אבער צוערשט אנטלויפט יעדער מערדער,
סיי דער אומשולדיגער אדער שולדיגער, אין איינע פון די ערי מקלט, דאן
שיקט דער בית דין פון דער שטאט, וואו דער מארד האט פאסירט, און
ברייננט דעם מערדער צום געריכט, אויב בית דין געפינט איהם אומשול־
דיג, לאזט מען איהם פריי, אויב ס'קומט איהם טויט שטראף, באקומט
ער זיין שטראף, אויב ס'קומט איהם גלות, דאס מיינט ערי מקלט, נעמט
בית דין צוויי מענשען, און זיי באגלייטען איהם ביז אין דער עיר מקלט,
ס'זאל איהם קיינער ניט טויטען אויפ'ן וועג.

לאו רמ. ווער ס'זאגט עדות אין א משפט וועגען א טויט אורטייל, קאן
ניט ווערען איינער פון די דיינים אין דעמזעלבען משפט, אויך
קאן ער ניט אריינברייננען קיין פארטיידיגונג, אדער באשולדיגונג געגען
דעם געמשפטען.

לאו רמא. מ'טאר ניט נעמען קיין אויסלייז־געלט פון א מערדער, צו
באפרייען איהם פון טויט, אפילו ווען די נאהענטע משפחה פון
דעם ערמארדעטען, וויל אויך באפרייען איהם פון טויט, ווייל דער נפש
פון דעם ערמארדעטען, איז ניט דאס אייגענטום פון זיין משפחה, נאר
פון גאט ברוך הוא.

לאו רמב. מ'טאר ניט נעמען קיין אויסלייז־געלט, פון דעם וועלכער
האט געטויט א אידען אומשולדיגערהייט, צו באפרייען איהם
פון געהן אין גלות (עיר מקלט).

לאו רמג. דער מלך אדער סנהדרין און ווער ס'שטעלט אן אן אידישען
דיין, טארען ניט אנשטעלען אלס דיין איינעם, וועלכער איז ניט
געניט געלערנט אין דער תורה און איז ניט פעהיג צו זיין א דיין,
כאטש ער באזיצט גוטע אויפפיהרונג און אנדערע פעהיגקייטען, טאר מען
ניט זאגען דאס בלויז צוליב זיינע גוטע זאכען, מעג מען איהם אנשטעלען,
ניין, ווייל ער וועט באשולדיגען דעם אומשולדיגען אדער פארקעהרט,
ניט ווייל ער איז א רשע, נאר דורך זיין אונוויסענהייט פון דער תורה,
אויך זאל מען ניט אנשטעלען א דיין צוליב זיין רייכקייט, אדער ווייל
ער איז א שטארקער, די חכמים האבען געזאגט, דאס דער דיין וועלכער
גיט געלט מ'זאל איהם אויפנעמען, טאר מען פאר איהם זיך ניט אויפ־
שטעלען, און קיין שום אנדערען כבוד ניט צוטיילען.

לאו רמד. ווען איינער קומט צום דיין פרעגען אירגענד וועלכע דין,

שפעטער ווען דער דיין האט פערטיג זיין אורטייל לויט'ן דין פון דער תורה, זעהט ער איין דאס ס'שטעהט פאר א גרויסער פארלוסט פאר דעם מאן, ווען דער דיין זאל ארויסגעבען זיין אורטייל, און דער מאן איז זעהר א שלעכטער און שטארקער מענש, טאר דער דיין זיך ניט צוריקהאלטען פון ארויסגעבען זיין אורטייל, מורא האבענדיג דער מאן זאל איהם אדער איינעם פון זיין פאמיליע ניט אומברייגגען, אדער אנדערע גרויסע שאדענס אנטאן, נאר ער מוז ארויסגעבען דעם אורטייל ווי ער איז לויט'ן דין תורה, אויב צוויי מענשען קומען צום דיין, איינער אן ארענטליכער שטילער מענש, דער צווייטער זעהר א שלעכטער און שטארקער, ווי לאנג דער דיין האט זיי נאך ניט אויסגיהערט, און וויים נאך ניט דעם אויסגאנג פון דעם דין, מעג ער זאגען דאס ער וויל ניט אננעמען דעם דין, אבער ווען ער האט זיי שוין אויסגהערט, און ווייס שוין דעם אורטייל, דאן מוז ער ארויסגעבען דעם אורטייל, און טאר ניט מורא האבען פאר קיין זאך. כאטש דער שלעכטער האט פארלארען.

לאו רמה. מ'טאר ניט גלוסטען צו א פרעמדע הויז, א פרעמדע פרוי, אדער אנדערע זאכען, דא רעדט זיך ווענען די זינד פון בלויז גלוסטען אין הארצען, טראכטענדיג ווי אזוי ער קען קומען צו קריגען די זאך, כאטש צו קויפען און באצאלען א גרויסען פרייז, אין די צעהן געבאט איז אויך אנגעזאגט (לא תחמוד) דו זאלסט ניט גלוסטען, דארט רעדט זיך ווענען קויפען די געגלוסטע זאך, דאן האט מען שוין צוויי זינד, ווייל צוערשט האט ער דאך אנגעפאנגען בלויז צו גלוסטען אין הארצען, דאס איז דאך שוין אליין א זינד פאר זיך, די צווייטע זינד ווען ער האט עס געקופט.

עשה קעב. יעדער איד מוז זיין מיט'ן פולען גלויבען, אין די איינציגקייט פון גאט ברוך הוא, דאס מיינט צו וויסען דאס גאט ברוך הוא, איז איינער ניט קיין צוויי אדער מעהר פון צוויי, נאר איינער וואס נאך אזוי איינער ווי ער איז ניט דא אין דער וועלט, ער איז אויך ניט קיין גוף, ווי ס'ווערט געזאגט אין דער תורה, הוא אלהים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת, וואס מיינט גאט ברוך הוא איז אויבען אין די הימלען, און אויף דער ערד אונטען, ס'איז דאך באוואוסט דאס א גוף, קאן ניט מיט איינמאל זיין אין צוויי ערטער ווי אין הימעל און אויף דער ערד, איז דאך דאס א באווייז, אז גאט ברוך הוא איז ניט קיין גוף.

עשה קעג. יעדער איד מוז ליבען גאט ברוך הוא, מיט'ן גאנצען הארצען, מיט זיין גאנצע זעעל דאס מיינט, אויב מ'וועט ביי איהם צוגע־מען זיין לעבען, ער זאל זיך אפזאגען פון גאט ברוך הוא, זאל ער בעסער

אוועקגעבען זיין לעבען, און זיך ניט אפזאגען פון אידישקייט, ובכל מאדך דאס מיינט, אויב מ'וועט וועלען ביי איהם צונעמען זיין גאנצען פארמעגען, ער זאל זיך אפזאגען פון גאט ברוך הוא, זאל ער אוועקגעבען זיין פארמעגען, און זיך ניט אפזאגען פון אידישקייט, די גמרא פרעגט אויב מיר זאגען פריער, דאס ער זאל אוועקגעבען זיין לעבען צוליב גאט ברוך הוא. טא נאכוואס דארף מען זאגען, דאס ער זאל אוועקגעבען זיין פארמעגען פאר אידישקייט? צו דען איז דער פארמעגען מעהר ווערט פונ'ם לעבען? ענטפערט די גמרא מיר ריידען דא וועגען אזעלכע מענשען ביי וועמען דער פארמעגען איז טאקי ווערט פיעל מעהר ווי זייער לעבען.

עשה קעד. יעדער איד מוז לערנען תורה, און ווען ער קאן לערנען מוז ער לערנען מיט אנדערע, פרויען און קליינע קינדער זיינען פטור פון לערנען תורה, אבער דער פאטער מוז לערנען, אדער לאזען לערנען זיין קינד תורה, די מוטער איז ניט פערפליכטעט צו לאזען איהר קינד לערנען תורה, ווייל נור דער וועלכער מוז אליין לערנען, דער מוז אויך זיין קינד לאזען לערנען, אבער א פרוי ברויך דאך ניט אליין צו לערנען, ברויך זי אויך איהר קינד ניט לאזען לערנען, אזוי ווי א מענש מוז לערנען תורה, מיט זיינע קינדער, אזוי אויך מוז ער לערנען מיט זיינע אייניקלעך אוראייניקלעך, און ניט בלויז מיט אייגענע קינדער און אייניקלעך, נאר יעדער איד וועלכער קאן נאר לערנען תורה, מוז ער לערנען מיט תלמידים אייגענע און פרעמדע, טא וואס רעדן האט די תורה אויסגעדריקט מיט דעם ווארט לבניך? וואס מיינט נאר אייגענע קינדער? ווייל דאס קומט צו זאגען, דאס אייגענע קומען פריער פאר פרעמדע, דאס מיינט אויב ס'זיינען פאראן צו לערנען מיט אייגענע און מיט פרעמדע, ער קאן אבער מיט אלע ניט לערנען, נאר מיט א טייל פון זיי, דאן קומען אייגענע פריער פאר פרעמדע.

עשה קעה. יעדער איד מוז לייענען קריאת שמע, יעדען טאג אין אוונט און אין דער פריה, די ריכטיגע קריאת שמע פון דער תורה, איז דער פסוק שמע ישראל, אבער די חכמים האבען אונז געלערינט, צו זאגען דריי קאפיטלעך די זיינען שמע, והיה אם שמוע, ויאמר, צוערשט זאגען מיר דעם קאפיטעל שמע, ווייל דא איז פאראן, וואס מיר גלויבען אין דער איינציגקייט פון גאט ברוך הוא, וואס ס'איז אויף דעם באגרינדעט דאס גאנצע אידישקייט, דאן זאגען מיר דעם קאפיטעל פון והיה אם שמוע, ווייל אין דעם איז פאראן דער אנזאג פון גאט ברוך הוא צו אונז, דאס מיר זאלען אבהיטען אלע זיינע מצות, צום לעצט זאגען מיר קאפיטעל ויאמר, ווייל דא ווערען מיר אויך אנגעזאגט, וועגען אבהיטען און גידענקען אלע מצות.

עשה קעו. יעדער אידישער מאן מוז צוקניפען תפילין צו זיין לינקע האנד, צו דעם דיקען פלייש צווישען דעם עלבויגען און ארעם, ס'זאל זיין אזוי דאס ווען מען לעגט צו די האנד צום קערפער, זאלען די תפילין זיין נעבען הארצען, ווייל ס'שטעהט אין פסוק על לבביך דאס מיינט די תפילין זאלען זיין נעבען הארצען ווען מ'לייגט ארויף די תפילין אויפ'ן האנד, נאך פאר דעם צוקניפען, זאגט מען די ברכה להניח תפילין, פון נאך דער ברכה, טאר מען גאר ניט רײדען ביז מען לעגט די תפילין של ראש, אפילו ווען זיין רבי גיט איהם שלום, טאר ער ניט ענטפערין, אויב ער האט אויסגירעדט צווישען די תפילין של יד און של ראש, האט ער א זינד, און מוז זאגען די ברכה להניח תפילין און על מצות תפילין אנטהוועגדיג די תפילין של ראש, די צייט פון לעגען תפילין איז נור בייטאג ניט ביינאכט, אויך שבת און יום טוב לעגט מען ניט קיינע תפילין, ווייל ביי תפילין שטעהט והיו לאות דאס מיינט די תפילין זאלען זיין אלס צייכען, דאס גאט ברוך הוא האט באשאפען די וועלט, אבער שבת און יום טוב זיינען אליין אלס צייכען.

עשה קעז. יעדער אידישער מאן מוז לעגען תפילין אויף זיין קאפ, דער ארט ווי מ'זאל לעגען תפילין של ראש איז, ווי ס'ענדיגען זיך די האר פון קאפ אויף דער זייט פונ'ם פנים, די תפילין זאלען זיך ענדיגען צוזאמען מיט די האר, דער קניפ פון די רצועות פון הינטען זאל ליגען ענדיגענדיג זיך, ביים אנפאנג פונ'ם גריבעל, ווי ס'פאנגט זיך אן דער האלז, אבער דער קניפ זאל ניט ליגען אינווייניג אין דעם גריבעל, ביים אנטוען תפילין של ראש זאגט מען די ברכה על מצות תפילין) ביים לעגען די תפילין בינדט מען צוערשט צו די תפילין של יד, און נאכהער לעגט מען של ראש, אבער ביים ארונטערנעמען, נעמט מען צוערשט ארונטער של ראש און דאן של יד, תפילין של ראש און של יד זיינען צוויי באזונדערע מצות, דעריבער סיי ער האט ביידע תפילין סיי ער האט נור איינע, אויב ער האט נור געלעגט איינע אליין איז ער יוצא די מצוה פון דער וועלכער ער האט געלעגט.

עשה קעח. ס'איז א מצוה אנצושרייבען צוויי פרשיות, איינע פון שמע ישראל ביז ובשעריך, די צווייטע פון והיה אם שמוע ביז על הארץ, געשריבען אויף פארמעט לויט אלע דינים ווי מ'שרייבט א ספר תורה, און עס צושלאגען צו איינעם פון די זייטען וועלכע שטעהן ארום די טיר, פאר דעם אנשלאגען מאכט מען די ברכה מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצינו לקבוע מזוזה, מ'זאל עס צושלאגען צו דער ברייט אויף דעם ערשטען טפח (די ברייט פון פיר דאמענפינגער) מעסטענדיג פון אויסווייניג, הויך זאל עס זיין צוגעשלאגען אין אנפאנג פון אויבער-

שט'ן דריטעל פון די גאנצע הויך, אויב מ'האט עס אנגעשלאגען העכער איז אויך כשר, אבער ס'מוז זיין ניט ווייניגער ווי א טפח אבגערוקט פון גאנץ אויבען ווי די טיר קלאפט צו, ס'זאל זיין אויף דעם זייל וועלכער איז פון די רעכטע האנד פון דעם מענש וועלכער געהט אריין אין דעם צימער, אויב מ'האט עס צוגעשלאגען פון דער לינקער זייט פון דעם מענש וועלכער געהט אריין איז עס פסול.

לאו רמו. מ'טאר ניט צווייפלען אין די רייד פון א נביא, וועלכער איז באוואוסט אלס ערליכער, ווען ער זאגט דאס ער איז געשיקט געווארען פון גאט ברוך הוא, זאל מען פון איהם ניט פארלאנגען ער זאל שפאלטען דעם ים, אדער א טויטען לעבעדיג מאכען, נאר מ'זאגט איהם אויב דו ביזט טאקי א נביא, טא זאג עפעס וועגען די צוקונפט וואס וועט פאסירען, דאן זעהט מען אויב ס'פעהלט אפילו נאר גאר א קלייניגקייט, פון וואס ער האט געזאגט, איז ער געווים א פאלשער נביא, אויב אבער ס'איז אלעס געקומען וואס ער האט פאראויסגעזאגט, דאן זאל מען איהם גלויבען, און אזוי פרובירט מען איהם אויס מעהרערע מאל, אויב ס'ווערט אלעס אזוי ווי ער האט געזאגט, דאן ווערט ער באטראכט פון יעצט אן פאר אן ערליבער נביא, און נאך אזא נביא טאר מען ניט נאכטראכטען, אדער צווייפלען אין זיינע רייד אפשר איז עס אמת אדער ניט.

עשה קעט. ס'איז א מצוה צו פארוויסטען די זיבען פעלקער כנעני, חתי, אמורי, פריזי, חוי, יבוסי, גרגשי, די זיבען פעלקער האבען געהאל־טען ארץ ישראל, פארדעם ווי מיר האבען דאס לאנד איינגענומען, און זיי האבען געמאכט אלע פערשידינע געצענדינסט און געצען, אויך אלע אומווירדיגקייט וואס גאט ברוך הוא האט פיינט, האבען זיי געטון, דערי־בער האט די תורה אונז אנגעזאגט מיר זאלען זיי אפמעקען און זיי מאכען פארלירען פון דער וועלט, דאס מיר זאלען זיך ניט אפלערנען פון זייערע שלעכטע אויפפירונגען.

לאו רמז. מ'טאר זיך ניט דערבארעמען אויף די געצענדינער, אויב מ'זעהט ווען פון זיי טרינקען זיך, זאל מען איהם ניט רעטען, אדער ער איז זעהר שטארק קראנק אין א שטארבענדען צושטאנד, טאר מען איהם ניט היילען, אבער מ'זאל איהם אריינשטופען אין וואסער, אדער איהם אומברייגגען מיט אן אנדערען וועג טאר מען ניט, ווייל ער פירט דאך ניט מלחמה מיט אונז, מ'טאר זיי ניט היילען אפילו פאר באצאלונג, אויב מ'האט פאר זיי מורא, מעג מען זיי היילען פאר באצאלונג, אבער בחנם טאר מען זיי ניט היילען, מ'טאר זיי אויך ניט פארקויפען קיין פעלד.

לאו רמח. מ'טאר ניט הייראטען מיט ניט אידען, אויב א איד האט געהייראט א גויאישע פרוי און האט מיט איהר גילעבט, אדער א אידישע פרוי האט געהייראט א גוי און האט מיט איהם גילעבט, קומט זיי מלקות, סיי דער גוי אדער גויה זיינען פון די זיבען פעלקער, אדער פון אלע אנדערע פעלקער איז די זעלבע זינד, אבער נאר ווען ס'איז אויף א וועג פון הייראט, ווען זיי לעבען אבער צוזאמען נאר פון אויס־געלאסענהייט ניט אלס הייראט, קומט זיי ניט קיין מלקות לויט'ן דין פון דער תורה, אבער לויט די רבנן קומט זיי צו שלאגען, ווייל ס'קען קומען דערצו דאס זיי זאלען הייראטען.

לאו רמט. מ'טאר ניט האבען קיין הנאה פון דעם, מיט וואס מ'האט באציערט אן אפגאט, כאטש דער אפגאט איז ניט געמאכט געווא־רען פון מענשליכע הענט, ס'איז גיוועז א בארג, א בוים אדער א בהמה וואס מ'האט דערצו געדינט, און אויב אזוי מעג מען דאך פון דעם אפגאט אליין יא האבען א הנאה, אבער פון די באציערונג טאר מען ניט קיין הנאה האבען, ווער ס'האט הנאה דערפון קומט מלקות.

לאו רנ. מ'טאר ניט האבען קיין הנאה פון אן אפגאט, פון די זאכען מיט וואס מען באדינט דעם אפגאט, און פון די זאכען וואס מ'ברייננגט צו צום אפגאט, ווי מעהל, פלייש, בשמים, וויין א. ד. גל. א בהמה וועלכע מ'האט געמאכט פאר א קרבן צו אן אפגאט, טאר מען פון איהר קיין הנאה ניט האבען, אפילו די מיסט, די ביינער, די הערנער, די לעדער פון קיין זאך טאר מען קיין הנאה ניט האבען, ס'איז אן אונטערשייד צווישען א גויאישען אפגאט און א אידישען אפגאט. פון א גויאישען אפגאט טאר מען ניט האבען קיין הנאה, באלד ווען ער איז נאר געמאכט געווארען, כאטש מ'האט איהם נאך ניט געדינט, אבער אן אידישער מעג מען פון איהם האבען א הנאה, ווי לאנג מ'האט נאך ניט געדינט צו איהם, די כלים מיט וואס מ'באנוצט זיך ביי דעם אפגאט, סיי א גויאישער און סיי אן אידישער, מעג מען האבען א הנאה ביז וואנען מ'באניצט זיי צום אפגאט.

עשה קפ. ס'איז א מצוה פון דער תורה צו בענשען נאכ'ן עסען, לויט'ן דין פון דער תורה ברויך מען ניט צו בענשען, סיידען מ'עסט צו די זעט, אבער לויט די רבנן אויב מ'עסט א כזית מוז מען בענשען, יעדעס עסען וואס מ'מאכט דארויף פאר דעם עסען המוציא, בענשט מען דערנאך ברכת המזון פיר ברכות, אויף וועלכע מאכט מען פאר דעם עסען די ברכה המוציא, אויב מ'עסט איינס פון די פינף מינים, ווייץ, קארן, גערשט, האבער און כוסמין (א סארט ווייץ), די אלע פינף מינים ווי לאנג זיי זיינען נאך אין די זאנגען רופט מען עס תבואה, ווען ס'ווערט אויס־

געדראָשען רופט עס זיך דגן, ווען ס'ווערט געמאָהלין און מ'קנעט די מעהל און מ'באקט עס, רופט עס זיך פת (ברויט) אויב מ'עסט פת מאכט מען פאַר דעם עסען המוציא, און אויב מ'עסט אַ כזית פת מוז מען בענשען ברכת המזון פיר ברכות, ווער ס'האָט גיגעסען און האָט פאַר־געסענדיג ניט גיבענשט, אויב ער האָט זיך דערמאָנט, פריער ווי דאָס עסען איז געוואָרען פאַרצערט אין זיינע גידערים, מוז ער יעצט בענשען. איז אָבער דאָס עסען שוין גיווען פאַרצערט געוואָרען, ברויך ער ניט מעהר צו בענשען, די צייט ביז דאָס עסען ווערט פאַרצערט, האָבען די הז"ל באַשטימט אויף 6 שטונדען.

עשה קפא. ס'איז אַ מצוה פון דער תורה מ'זאָל ליעב האָבען אַ גר (אַ גוי וואָס האָט אָנגענומען דעם אידישען גלויבען) ס'איז ניט גענוג נאָר מ'זאָל דעם גר קיין שלעכטעס ניט טאָן, נאָר מיר מוזען זעהן איהם שטענדיג גוטעס צו טאָן מיט וואָס נאָר מ'קאָן, כאָטש מיר האָבען שוין אַן אָנזאָג אין דער תורה, ליעב צו האָבען יעדען אידען אזוי ווי זיך אַליין, טאָ נאָכוואָס דאַרף זיין אַן אָנזאָג צו ליעבען אַ גר? ער איז דאָך יעצט אַ איד גלייך מיט אַלע אידען, אָבער גאָט ברוך הוא האָט ליעב די גרים, ווי ס'שטעהט ואוהב גר, דאָס מיינט גאָט האָט ליעב דעם גר, דאַרום איז געזאָגט געוואָרען אַ באַזונדערע מצוה, צו ליעבען גרים, און ווער ס'האָט ליעב אַ גר האָט ער צוויי מצות, איין מצוה פאַר ליעב האָבען אַ איד, און איינע פאַר ליעב האָבען אַ גר.

עשה קפב. ס'איז אַ מצוה מורא צו האָבען פאַר גאָט ברוך הוא, די מורא טיילט זיך אין צווייען, די ערשטע זיינען פראָסטע מענשען אָדער פרויען, זייער מורא פאַר גאָט באַשטעהט בלויז אין דעם, וואָס זיי האָבען מורא, טאָמער וועט זיי גאָט ברוך הוא שטראָפען, זיי אָדער זייערע קינדער וועלען שטאַרבען אָדער קראַנק ווערען, אָדער זיי וועלען זייער געלט פאַר־לירען א. א. וו. דיזער סאָרט מורא איז פון זעהר קליינעם ווערט, אָבער דער ריכטיקער סאָרט מורא וואָס איז זעהר אָנגעזעהן ביי גאָט ברוך הוא, איז ווי אזוי די צדיקים האָבען מורא, דאָס איז אַ מורא אויס גרויס ליבּ־שאַפט, ווען זיי טראַכטען זיך אריין ווי אזוי דער באַשעפער פירט די וועלט, און זיינע וואונדער וואָס ער טוט מיט דעם מענשען, פון דעם אַלעם אַנערקענען זיי די גרויסקייט פון גאָט ברוך הוא, זיי באַקומען גרויס ליבשאַפט צו איהם, און פאָלגען גערן אויס אַלע מצות, וואָס ער האָט געבאָטען אין זיין היילינגער תורה, דאָן פיהלען זיי אַ מורא פאַר גאָט ברוך הוא, ניט קיין מורא פאַר אַ שטראָף, נאָר אַ סאָרט עהרענפורכט אויס גרויס כבוד פאַר גאָט ברוך הוא, דאָס איז די ריכטיגע מצוה פון מורא האָבען פאַר גאָט.

עשה קפג. ס'איז א מצוה צו ראוונען, בעטען צו גאָט ברוך הוא יעדען טאָג, ביז די צייטען פון עזרא הסופר מיט זיין בית דין, איז דער נוסח פון דאוונען ניט געווען איינגעאָרדענט, אָבער עזרא מיט זיין בית דין האָבען איינגעשטעלט אָרדנונג אין ראוונען, מ'זאָל צוערשט זאָגען וועגען די גרויסקייט און הערשאַפט פון גאָט ברוך הוא איבער אַלע וועלטען און הימלען, נאָכהער זאָל מען בעטען פאַר אַלעם וואָס מיר ברויכען געהאָלפען צו ווערען, און דאַן געבען א דאַנק צו גאָט ברוך הוא, די דריי טיילען שטעלען צוזאַמען דעם גאַנצען דאוונען, זיי האָבען אויך איינגעפירט מ'זאָל דאוונען יעדען טאָג אזוי פיל מאָל, לויט ווי פיעל קרבנות מ'האָט גיבריינגט אין בית המקדש יעדען טאָג, אין דער פריה איז גיוועזען דער קרבן תמיד של שחר, דאָס איז גיוועזען דער פאָלקס קרבן, אזוי זאָלען מיר דאוונען שחרית יעדען טאָג, פאַרנאַכט האָט מען גיברייננגט דעם קרבן תמיד של בין הערבים אויך א פאָלקס קרבן, אזוי דאוונען מיר מנחה יעדען פאַרנאַכט, אום שבת, יום טוב, און ראש חדש האָט מען אויך געבראַכט א קרבן מוסף, אזוי דאוונען מיר אין די אַלע טעג תפלת מוסף, און ווייל די פלייש פון קרבן תמיד פאַרנאַכט האָט זיך גידעמפט אויף דעם מזבח די גאַנצע נאַכט, זאָלען מיר דאוונען מעריב יעדען אויף דער נאַכט.

עשה קפד. מ'זאָל זיך האַלטען צו זאַמען מיט ערליכע אידען, וועלען מיר אָפּלערנען זיך צו פירען אין אירישען וועג, די מצוה לערנען מיר פון דעם וואָס ס'שטעהט אין דער תורה ובו תדבק, דאָס מיינט מיר זאָלען זיך צוזאַמען האַלטען מיט גאָט ברוך הוא, פרעגט די גמרא ווי אזוי איז דען מעגליך דאָס א בשר ודם זאָל זיך צוזאַמען האַלטען מיט גאָט? אָבער דאָס מיינט, ווער ס'האַלט זיך צוזאַמען מיט א תלמיד חכם, איז גלייך ווי ער וואָלט זיך האַלטען צוזאַמען מיט גאָט ברוך הוא, דעריבער ווען מ'וויל נעמען א פרוי זאָל מען נעמען א טאָכטער פון א תלמיד חכם, אָדער ווען מ'האָט א טאָכטער זאָל מען זעהן זי צו פאַרהייראַטען צו א תלמיד חכם, אויך זאָל מען גיבען תלמידי חכמים הנאה צו האָבען אין אַלע וועגען וואָס מ'קאָן.

עשה קפה. ווער ס'מוז שווערין ביים בית דין, זאָל שווערין ביי דעם נאָמען פון גאָט ברוך הוא, דערמיט דינט ער איהם, ווייל ער ציינט ווי הייליג ס'איז ביי איהם גאָט'ס נאָמען, אָבער מ'טאָר ניט מיטגעמען קיין אַנדערע זאַך צו שווערין צוזאַמען מיט גאָט'ס נאָמען.

עשה קפו. ס'איז א מצוה צו פאַרגיבטען דעם אָפּגאָט, אויך אַלעם וואָס מ'האָט באַנוצט פאַר איהם, און אַלעם וואָס ס'איז געמאַכט געוואָרען פאַר זיינעטוועגען, מיט פאַרשיידענע פאַרניכטונגס מיטלען, דאָס מיינט

מ׳זאל זעהן געפינען וועגען מיט וועלכע וואס מעהר איהם צו פארניכטען, אז ס׳זאל אפילו ניט איבערבלייבען קיין צייכען פון קיין אפגאט, למשל אויב מ׳האט געדיענט צו א בוים, און מ׳האט איהם אויסגעהאקט, אבער ער האט שפעטער צוריק אויס געוואקסען, מוז מען איהם ווייטער אויס־האקען, אפילו מעהרערע מאל ביז וואנען ער ווערט אין גאנצען פארניכ־טעט, אזוי אויך מיט אלע אנדערע סארטען אפגעטער, וועלכע מ׳קאן פארברענען, צומאהלען, צושמעלצען וואס מ׳קאן נאר טאן אבי ס׳זאל ניט בלייבען קיין צייכען פון זיי.

לאו רנא. מ׳טאר ניט פארניכטען קיין נאמען מיט וועלכען מ׳רופט אן גאט ברוך הוא, זיבען נעמען זיינען פאראן פאר וועלכע ס׳קומט מלקות, ווער ס׳מעקט אפ איינעם פון זיי, הויה, אדני, אל אלהים, אלה, שדי, צבאות, אן אות וואס שטעהט צוזאמען מיט דעם שם פון דעם אנפאנג למשל די למ״ד פון דעם ווארט ל׳אדני, אדער דיא בי״ת פון ווארט ב׳אלהים ווייל דער אות שטעהט דאך פאר דעם שם, האט איהם דער שם ניט געהייליגט, אבער די ך׳ פון אלהי״ך אדער די כ״ם פון אלהיכ״ם ווייל זיי שטעהן נאך דעם שם, האט זיי דער שם געהייליגט, טאר מען די אויתות ניט אפמעקען, אבער דאך קומט ניט קיין מלקות פאר דעם אפמעקען, די אלע איבעריגע נעמען ווי חנון, רחום, גדול, גבור, נאמן, חזק, א. ד. גל. זיי האבען דעמזעלבען דין ווי אלע היילינע שריפטען, אבער מ׳מעג זיי אפמעקען.

עשה קפז. ווער ס׳האט געמאכט א נדר אדער נדבה, צו ברייננען א קרבן צום מזבח. אדער ער האט מנדר געווען געלד צום מקדש, אויך אויב ער האט ביי זיך מעשר, אדער אנדערע זאכען צו געבען צו ארימעלייט, מוז ער דאס אלעס מיט זיך מיטברייננען, ווען ער קומט נאך ירושלים אויף יום טוב עולה רגל זיין, מ׳טאר עס ניט איבערהאלטען ביז צום צווייטען יום טוב, נאר וועלכער יום טוב ס׳קומט אן דער ערשטער פסח, שבועות, אדער סוכות, מוז ער קומען און מיטברייננען אלעס, וואס ער איז שולדיג צום מקדש.

לאו רנב. מ׳טאר נים מקריב זיין קיין שום קרבן, ארויס פונ׳ם מקדש, ווער ס׳׳האט מקריב געווען א קרבן ארויס פון מקדש, אויב ער האט עס געטאן מיט זיין ווילען קומט איהם כרת, און אויב עדות האבען איהם געווארענט, דאס מ׳טאר עס ניט טאן קומט איהם מלקות. אויב ער האט עס געטאן אומגערין, ווייל ער האט ניט געוואוסט דאס מ׳טאר עס ניט טאן, מוז ער ברייננען א קרבן חטאת.

עשה קפח. ס׳איז א מצוה מקריב צו זיין אלע קרבנות אין בית המקדש, סיי קרבנות פון בהמות אדער עוף, סיי קרבנות מנחה, ווער ס׳איז

מקריב א קרבן ארויס פונ'ם מקדש, האט ער א זינד פאר ניט אפהיטען די מצוה, די זינד איז נאר ווען ער טהוט עס אויף א מזבח ארויס פון מקדש, אבער ניט ווען ער טהוט מקריב זיין אויף א שטיין אדער פעלז, כאטש ס'איז ארויס פון מקדש, ווייל ס'ווערט ניט אנדערש אנגערופען קרבן, סיידען אויף א מזבח, אזוי ווי ס'שטעהט ביי נח ויבן נח מזבח דאס מיינט, נח האט געבויעט א מזבח, אויך מוז זיין דאס ער זאל האבען אין זינען, צו מאכען דעם קרבן נאר פון גאט וועגען.

עשה קפט. א בהמה וועלכע איז געווארען געהייליגט פאר א קרבן, און זי האט באקומען א פעהלער, וואס דורכדעם קען זי מעהר ניט זיין קיין קרבן, זאל מען זי אויסלייזען פאר געלד, לויט וויפיעל זי ווערט אפגעשאצט פון א כהן, מיט די געלד קויפט מען אן אנדערע בהמה פאר דעם זעלבען קרבן, און די בהמה מיט דעם פעהלער ווערט אויס הייליג, דער בעל הבית מעג זי שעכטען פאר זיך און עסען גלייך ווי פראסטע פלייש, אבער דאס איז נאר ווען דער פעהלער קאן זיך קיינמאל ניט אויסהיילען, אויב ס'קאן זיך יא אויסהיילען, קאן מען די בהמה ניט אויסלייזען, נאר מ'ווארט ביז דער פעהלער היילט זיך אויס, און מ'איז זי מקריב צום מזבח.

לאו רנג. ווען די תבואה איז פון פעלד, שוין אריינגעקומען אין הויז פערטיג צו געברויכען, גיט מען ־רערפון דעם כהן תרומה, פון וואס ס'בלייבט איבער נאך דער תרומה, גיט מען צום לוי איין צעהנטיל דאס רופט זיך (מעשר ראשון) פון וואס ס'בלייבט נאך דעם מעשר ראשון, נעמט מען ארונטער איין צעהנטיל דאס רופט זיך (מעשר שני) מעשר שני ברויך מען ניט אוועק צו געבען, ס'בלייבט ביים בעל הבית, אבער מ'טאר עס אין ערגיץ ניט עסען נאר אין ירושלים, אויב מ'וויל די מעשר שני תבואה ניט פירען נאך ירושלים, קאן מען עס אויסטוישען אויף געלד, דאן קאן מען שוין די תבואה עסען ווי נאר מ'וויל, גלייך ווי אלע אנדערע תבואות, און די געלד מוז מען פירען נאך ירושלים, און דארט אויסגעבען די געלד, נאר בלויז פאר עסען און טרינקען, אויב מ'עסט מעשר שני ניט אויסגעלייזטערהייט, פאר דעם אריינברייגען עס נאך ירושלים, כאטש מ'טאר עס ניט עסען דאך קומט ניט קיין מלקות. אבער ווען ס'איז שוין געווען אריין אין ירושלים און מ'האט עס ארויסגעפירט צוריק, אויסער ירושלים און דארט געגעסען, אויב ס'איז געווען א כזית קומט מלקות.

לאו רנד. ווער ס'טרינקט וויין פון מעשר שני ניט אויסגעלייזטערהייט, פאר דעם אריינברייגען עס נאך ירושלים, כאטש מ'טאר עס ניט טרינקען, דאך קומט ניט קיין מלקות, אבער ווען ס'איז שוין געווען אין ירושלים, האט מען דערפון ארויסגעפירט אויסער ירושלים און דארט

געטרונקען קומט מלקות, מלקות קומט נאר אויב ער טרינקט א פערטיל קווארט, אזוי ווי עסען איז דער שיעור א כזית, איז ביי טרינקען דער שיעור א רביעית (א פערטיל קווארט).

לאו רנה. אויל פון מעשר שני טאר מען ניט געברויכען אויסער ירושלים, אויב מ'האט עס ניט אויסגעלייזט, נאר קיין מלקות קומט ניט, סיידען מ'האט דעם מעשר שני שוין אריינגעבראכט אין ירושלים, און דאן ארויסגעפירט פון ירושלים, און אויסער ירושלים גענעסען, קומט מלקות, אפילו אין דעם פאל קומט אויך נאר מלקות אויב ער עסט א כזית, ווייל דאס איז דער שיעור פאר אויל, כאטש אויל איז דאך א פליסיגקייט אזוי ווי משקה, און משקה איז דאך דער שיעור א פערטיל קווארט, דאך איז דא דער שיעור א כזית, ווייל אויל ווערט ניט אנדערש געברויכט, ווי צום עסען מיט אנדערע עסענווארג, ווען מ'טרינקט בלויז אויל אליין שאדט עס דאך.

לאו רנו. אן ערשטגעבוירענער זכר פון בהמות, וועלכע מיר מעגען עסען, מוז מען אוועקגעבען צום כהן, אויב דער בכור האט ניט קיין פעהלער, איז ער דאך כשר צום מזבח, מוז דער כהן דעם בכור אוועקפירען נאך ירושלים, צו שעכטין אינ'ם בית המקדש, שפריצען די בלוט אויפ'ן מזבח, רעמפען די פעטס אויפ'ן מזבח, אלעס איבעריגע קומט דעם כהן, אבער דער כהן מוז עסען די פלייש נאר אין ירושלים, אויב ער האט גענעסען פון די פלייש ארויס פון ירושלים א כזית, קומט איהם מלקות.

לאו רנז. די פלייש פון א קרבן חטאת און אשם וועלכע זיינען אנגערופען קדשי קדשים, מוזען ווערען גענעסען ביי די כהנים אינוויינינ פון די מויערען פון מקדש, אויב די פלייש קומט ארויס פון די מויערען, ווערט עס פסול, און אויב א כהן עסט דערפון א כזית ארויס פון די מויערען קומט איהם מלקות.

לאו רנח. די פלייש פון א קרבן עולה טאר ניט גענעסען ווערען פון קיינעם, אפילו ניט פון כהנים, און ווער ס'עסט א כזית סיי פון די פלייש, סיי פון די זאכען וועלכע קומען מיט דעם קרבן עולה ווי מעהל, אויל, וויין, סיי פאר דעם ווי מ'שפריצט די בלוט אויפ'ן מזבח, סיי נאך דעם שפריצען, סיי ס'עסט א כהן און סיי ס'עסט ווער ס'איז ניט קיין כהן, קומט דערפאר מלקות, ווייל דער קרבן עולה געהט אין גאנצען צום מזבח, און ביי דעם קרבן עולה שטעהט אין פסוק לא תאכל, דאס מיינט ס'זאל ניט גענעסען ווערען.

לאו רנט. די פלייש פון אלע קרבנות טאר מען ניט עסען, פאר דעם שפריצען זייער בלוט אויף דעם מזבח, ס'איז ניט קיין אונטערשייד סיי פון הארבע קרבנות ווי חטאת, אשם, און סיי פון לייכטערע קרבנות,

ווי תודה, שלמים, אויב מ'עסט פון די פלייש, פאר דעם שפריצען די בלוט אויפ'ן מזבח, ניט וויינינגער ווי א כזית קומט מלקות.

לאו רס. ווען מ'ברייננט די ערשטצייטינגע פרוכטען (בכורים) נאך ירושלים, ווי באלד זיי זיינען אריין אינווייניג פון די מויערען פון ירושלים, טארען די כהנים ניט עסען די בכורים אויסער די מויערען ס'קומט זיי מלקות דערפאר, אבער ווילאנג זיי זיינען נאך ניט אריינגעקומען אינווייניג פון די מויערען, זיינען זיי גלייך ווי געוויינליכע פרוכטען, מעג מען זיי עסען אויסער ירושלים, אויך מעג מען זיי עסען סיי א כהן סיי ניט קיין כהן, ווייל מיט דעם אריינקומען פון די פרוכטען אין ירושלים ווערען זיי הייליג, און האבען דעמזעלבען דין פון תרומה, וואס נאר א כהן מעג עסען, און אויב א ניט קיין כהן עסט קומט איהם טויט שטראף פון הימעל, אזוי איז אויך דער דין פון בכורים ווען זיי זיינען אריינגעקומען אין ירושלים, און אפילו די כהנים טארען אויך ניט עסען בכורים אין ירושלים, ווי לאנג מ'האט זיי נאך ניט אוועקגעלייגט אין בית המקדש, ווייל ס'שטעהט ביי בכורים והנחתו לפני ד' אלהיך, דאס מיינט דער וועלכער ברייננט די בכורים זאל זיי אוועקלייגען פאר גאט דאס מיינט אין בית המקדש, און אויב א כהן עסט בכורים פאר דעם אוועקלייגען אין בית המקדש קומט איהם מלקות.

לאו רסא. מ'טאר ניט צוריקהאלטען זיך, פון געבען דעם לוי די מעשרות וואס ס'קומט זיי, און זוער ריידט נאך ווען ס'קומען ימים טובים, זאל מען זעהן ווי וויט מעגליך זיי פרעהליך צו מאכען, געבענדיג זיי פון אלעם גענוג, וואס זיי ברויכען פאר זיך און זייערע פאמיליעס, ווען מיר שעכטען יום טוב קרבנות שלמי חגיגה און שלמי שמחה, זאל מען ניט נעמען אלעס פאר זיך און אונזערע פאמיליעס, עסען און טרינקען, רעכענדיג דאס וואס מיר פרעהען זיך מיט דעם יום טוב איז עס א גרויסע מצוה, אבער דאס איז וויט ניט גענוג, נאר מיר מוזען זעהן צו דערפרעהן ארימעלייט, און נאך מעהר מצוה איז צו געבען צו די לוים, ווייל זיי האבען דאך גאר ניט קיין חלק אדער נחלה, זיי האבען אויך קיין שום מתנות ווי די כהנים קריגען פיר און צוואנציג פארשיידענע מתנות כהונה, דעריבער ווער ס'העלפט ניט ארויס די לויים, און האלט זיך נאך צוריק פון געבען זיי זייערע מעשרות האט ער א זינד פון דעם לאו.

עשה קצ. ווען מ'וויל עסען פלייש פון א בהמה, חיה אדער עוף, די וואס מיר מעגען עסען, מוז מען זיי פריער שעכטען, די דינים פון שחיטה זיינען דיזעלבע סיי ביי בהמה, סיי ביי חיה, אדער עוף, דעריבער איז די ברכה פון שחיטה דיזעלבע, מ'זאגט אשר קדשנו במצותיו וצונו על השחיטה, און מ'זאגט ניט ביי א חיה על שחיטת חיה, אדער ביי אן

עוף על שחיטת עוף, כאָטש ס'איז דאָך פאַראַן אַן אונטערשייד צווישען זיי, ווייל ביי אַ בהמה און חיה מוז מען דאָך דורכשניידען צוויי סימנים און ביי אַ עוף נאָר איין סימן, דאָך זיינען זיי אַלע גלייך מיט דעם, וואָס ס'מוז פון זיי ארויס דאָס לעבען אין גאַנצען, און ס'געהט טאַקי ארויס דאָס גאַנצע לעבען פון אַן עוף, ווען מ'שניידט דורך איין סימן, ווי פון אַ בהמה אָדער חיה ווען מ'שניידט דורך צוויי סימנים, אויב מ'האָט ניט געזאָגט די כרכה ביים שעכטען מעג מען עסען די פלייש, מ'טאָר גיט עסען די פלייש ווי לאַנג די געשאָכטענע וואָרפט זיך נאָך.

לאו רסב. אַ בהמה, חיה, אָדער עוף וועלכע מיר מעגען עסען, אויב מ'האָט איינעם פון זיי אָבגעשניטען אַ גליד לעבענדיגערהייט, טאָר מען עס ניט עסען, סיי דער גליד האָט אין זיך פלייש, ביינער און אָדערען ווי למשל אַ האַנד אַ פיס, סיי דער גליד האָט ניט קיין ביינער ווי למשל אַ צונג, אַ מילץ, נירען אָדער האַרץ, נאָר דער אונטערשייד איז אין דעם, אויב דער גליד האָט ניט קיינע ביינער, מאַכט ניט אויס צו מ'האָט אָפגעשניטען דעם גאַנצען גליד אָדער ניט טאָר מען עס ניט עסען, אָבער אַ גליד וועלכער האָט ביינער, האָט אויף זיך ניט אַנדערש דעם פאַרבאָט פון אַ לעבעדיגען גליד, סיידען מ'שניידט איהם אָפּ אין גאַנצען, אַזוי ווי ער איז באַשאַפען געוואָרען פלייש, אָדערען און ביינער, אויב מ'שניידט איהם ניט אָפּ אין גאַנצען, טאָר מען עס ניט עסען צוליב טריפה, אָבער ניט צוליב וואָס ס'איז אַ לעבעדיגער גליד, ווייל ס'רעכינט זיך ניט אַלס גליד.

עשה קצא. ס'איז אַ מצוה, דאָס יעדער איד וועלכער וואוינט ניט אין ירושלים, און ער האָט ביי זיך בהמות, וועלכע זיינען פאַר קרבנות, וואָס ער איז שולדיג צו ברייננען אין בית המקדש, זאָל ער אַליין זיך באַמיהען און ברייננען די בהמות נאָך ירושלים, און ניט שיקען דורך אַן אַנדערען.

לאו רסג. מ'טאָר ניט צוגעבען קיינע נייע מצות, צו די מצות פון דער תורה, סיי צו די מצוה פון תורה שבכתב דאָס מיינט וואָס ס'איז אין די פינף חומשים, סיי צו די מצות פון תורה שבעל פה, דאָס מיינט וואָס איז אין גמרא, שולחן ערוך א. ד. גל. וועלכעס הייסט צולייגען מצות? למשל ס'שטעהט אין דער תורה לא תבשל גדי בחלב אמו, דאָס מיינט מ'זאָל ניט קאָכען אַ ציג מיט מילך פון זיין מוטער, פון דעם פסוק לערנען מיר, מ'זאָל ניט קאָכען קיין פלייש פון אַ בהמה אָדער חיה מיט מילך, אָבער פלייש פון אַן עוף איז דאָ ניט דערמאָנט, היינט ווען ס'זאָל קומען אַ בית דין און זאָגען אַז פלייש פון אַן עוף מיט מילך טאָר מען אויך ניט עסען, און דאָס איז פון דער תורה, דאַן איז עס נעווים צוגעלייט

צו דער תורה, ווייל אין דער תורה איז דאך ניט דערמאנט עוף, אבער זיי קאנען יא זאגען, מיר ווייסען אז לויט דער תורה מעג מען עסען פלייש פון א עוף מיט מילך, נאר מיר מוזען פארהיטען, ס'זאל ניט קומען דערפון צו עבירות, ווייל איינער וועט זאגען, אויב עופות פלייש מיט מילך מעג מען עסען, ווייל ס'איז ניט דערמאנט עוף אין דער תורה, איז דאך חיה אויך ניט דערמאנט, זאל מען מעגען עסען חיה פלייש מיט מילך, דער צווייטער וועט זאגען אז אפילו פון בהמות איז דאך נאר דערמאנט גדי, זאל מען מעגען עסען אקסען פלייש מיט מילך א. א. וו., און אום דאס צו פארהיטען, זאגען מיר אז עופות פלייש מיט מילך איז אויך אסור, אבער ניט פון דער תורה, דאס הייסט ניט צוגעלייגט א נייע מצוה צו דער תורה, ווייל זיי זאגען אליין אז ס'איז ניט פון דער תורה, נאר צו פארהיטען ווייטערע עבירות.

לאו רסד. מ'טאר ניט ארונטערנעמען פון די מצות פון דער תורה, למשל ווען א כהן שפריצט בלוט אויפ'ן מזבח, די בלוט קומט פון א קרבן, וואס זיין בלוט מוז קומען געשפריצט, איין מאל אויף יעדען פון די פיר מזבח ווינקלען, דאס הייסט פיר שפריץ, און דער כהן האט נאר געשפריצט אויף צוויי אדער איין ווינקעל איין מאל, אדער ווען איינער לייגט אריין אין תפילין צוויי אדער דריי פרשיות, אנשטאט וואס לויט'ן דין פון דער תורה מוז זיין אין די תפילין פיר פרשיות, באגעהט ער די זינד נעגען דעם פסוק ולא תגרעו ממנו, וואס מיינט מ'טאר ניט ארונטער נעמען פון די מצות פון דער תורה.

לאו רסה. מ'טאר ניט צוהערען צו א נביא וועלכער רעדט אין נאמען פון אן אפגאט, אויב ער גיט אן צייכענס צו בעווייזען, אז זיינע דייד זיינען אמת, טאר מען ניט אפילו אריינטראכטען אין זיינע צייכענס, און ווער ס'טראכט נאר בלויז, דאס אפשר זיינען זיינע צייכענס עפעס וואר, האט ער די עבירה פון לא תשמע אל דברי הנביא ההוא, דאס מיינט מ'זאל זיך ניט איינהערען צו א פאלשען נביא.

לאו רסו. א איד וועמען א צווייטער איד האט אנגירעדט, צו דינען עבודה זרה, מיט דעם וואס ער האט אלעמאל אזוי פיעל געלויבט די עבודה זרה פאר איהם, האט ער געוואלט איהם צוציהען, ער זאל אוועק פון אידישען גאט ברוך הוא, און איבערגעהן צום דעם וועג וואס ער האט איהם צוגירעדט, באטש ס'זיינען ניט דא קיינע עדות, ווייל ער האט מיט איהם אלעמאל נאר גירעדט צווישען זיך אליין, דאך טאר ער דעם אנריידער ניט ליבען מיט קיין שום זאך, אויב ער ליבט זיין אנריידער איז ער עובר אויפ'ן פארבאט פון לא תאבה לו.

לאו רסז. מ׳טאר ניט אויפהערען פיינד צו האבען זיין אנריידער, וועלכער
האט איהם געוואלט פארפירען צו דינען עבודה זרה, און זאל
זיך ניט האלטען פאר גרינג, צו נעמען ראכע פון איהם ביי יערע געלעגענ־
הייט, פאר דעם שלעכטס וואס ער האט געוואלט טאן, דער ספרי זאגט
אזוי, ווייל מיר האבען א מצוה אז ווען מ׳זעהט אן אייזעל אין וועג
ליגען אונטער זיין לאסט ניט קענענדיג זיך אויפשטעלען, מוז מען פון
איהם ארונטערנעמען די לאסט, און איהם העלפען אויפשטעהן, כאטש
דעם אייגענטימער פון אייזעל ביזט דו א שונא מוזט דו יעצט פארגעסען
דערפון, וואלט איך מיינען אז אויב דיין אנריידער׳ס אייזעל ליגט אונטער
א לאסט, זאלסט דו איהם העלפען, אויף דעם איז דא דער פסוק צו
זאגען, אז אין דעם פאל איז ניט א מצוה צו העלפען, נאר ס׳איז אן
עבירה אויב ער העלפט איהם, די עבירה איז נאר פאר דעם וועלכען ער
האט אנגירעדט צו עבודה זרה, אבער אלע אנדערע אידען מוזען איהם
העלפען אויפשטעלען דעם אייזעל.

לאו רסח. אויב דער וועמען מ׳האט אנגירעדט צו עבודה זרה, זעהט
זיין אנריידער אין א געפאר פון טויט, טאר ער אויך איהם קיין
רחמנות ניט האבען, דער ספרי זאגט ווייל ס׳שטעהט אין דער תורה לא
תעמוד על דם רעך, וואס מיינט אויב אן איד איז אין געפאר, זאלסט
דו זיך ניט אפשטעלען פון העלפען וואלט איך מיינען אז ביי דעם אנריי־
דער, איז אויך אן עבירה אויב מ׳העלפט איהם ניט פון געפאר, אויף
דעם קומט דער פסוק לא תחוס עינך עליו, און זאגט אז דא איז פונקט
פארקערט, אויב מ׳העלפט איהם האט מען אן עבירה.

לאו רסט. ווען מ׳ברייננגט דעם אנריידער פאר דעם בית דין, און דער
וועמען ער האט אנגירעדט, ווייס צו בריינגען א זכות מיט וועלכען
ער קען איהם ראטעווען פון טויט, טאר ער דאס ניט טאן, אויך בית דין
איז אנגעזאגט געווארען, ווען ס׳קומט ביי זיי א משפט וועגען אן אנריידער
זאלען זיי טהון פארקערט ווי ביי אלע אנדערע, אויב דער אנריידער געהט
ארויס פון בית דין פריי, און ס׳קומט איינער זאגענדיג ער האט עפעס
צו זאגען, וואס ס׳קען איהם פאראורטיילען צום טויט רופט מען צוריק
דעם אנריידער, אבער ווען ער ווערט פאראורטיילט צום טויט, און ס׳קומט
ווער זאגענדיג אז ער האט פאר איהם א זכות, רופט מען איהם ניט צוריק.

לאו ער. ווער ס׳האט אנגירעדט צו דינען עבודה זרה, און איז געבראכט
געווארען פאר׳ן בית דין, און דער וועמען ער האט אנגירעדט,
ווייס וועגען דעם צו זאגען עפעס דורך וועלכען ער קאן ווערען פאראור־
טיילט צום טויט, טאר ער ניט שווייגען, נאר מוז זאגען וואס ער ווייס,
און אויב ער שווייגט האט ער אן עבירה.

לאו רעא. מ׳טאָר ניט אָנריידען א אידען צו עבודה זרה, ווער ס׳טהוט עס ווערט אָנגערופען מסית, ווער ס׳האָט אָנגערעדט צו עבודה זרה, סיי איינעם סיי מעהרערע, סיי מענער סיי פרויען, סיי ער איז א נביא סיי א פּראָסטער, כאָטש ס׳האָט קיינער ניט געדינט די עבודה זרה, ניט דער אָנריידער, ניט די וועלכע ער האָט אָנגערעדט, דאָך וויל דער אָנריידער האָט זיי אָנגעוויזען צו דינען, קומט איהם צו פערשטיינען. אויב ער רעדט אָן צוויי מענשען, ווערען זיי זיינע ערות, זיי ברענגען איהם צום בית דין, און זאָגען ערות געגען איהם און ער ווערט פערשטיינט.

עשה קצב. דער בית דין זאָל גוט אויספרעגען די ערות ווען זיי קומען ערות זאָגען, ס׳זיינען פאַראַן זיבען פראַגען (הקירות) וואָס דער בית דין זאָל פרעגען, אין וועלכער שמיטה, אין וועלכען יאָר, אין וועלכען חדש, וויפיעל טאָג אין הדש, אין וועלכען טאָג פון דער וואָך, אין וועלכער שטונדע אין טאָג, אין וועלכען אָרט, איז פּאַסירט דאָס וואָס איהר זאָגט ערות, נאָך פראַגען זיינען פאַראַן (דרישות) למשל אויב זיי זאָגען ערות אז איינער האָט געדינט עבודה זרה, פרעגט מען זיי וועלכע עבודה זרה האָט ער געדינט און מיט וואָס? די אַלע פראַגען רירען אָן דעם רעכטען עיקר פון דעם דין, דעריבער אויב איינער פון די ערות, ענטפערט אויף איינע פון די פראַגען, דאָס ער ווייסט ניט דאַן פאַלט אָפּ זייער ערות זאָגען, ס׳זיינען פאַראַן נאָך פראַגען (בדיקות) וואָס פאַר א קאָליער מלבושים האָט ער דאַן געטראָגען, אָדער ווי גרויס איז געווען דער אָרט א. ד. גל. די פראַגען רירען ניט אָן דעם עיקר דין, און אויב איין ערות האָט געענטפערט ער ווייס ניט, ווערט ניט בטל דער ערות זאָגען.

עשה קצג. ס׳איז א מצוה אויף אַלע אידען, איבערהויפּט אויף די סנהדרין צו פאַרברענען אַן (עיר הנרחת), דאָס מיינט א שטאָט ווי אַלע איינוואוינער האָבען זיך געלאָזט אָנריידען צו דינען עבודה זרה, די סנהדרין מאַכט צוערשט אַן אונטערזוכונג, פעסטצושטעלען אויף זיכער, אויב אַלע איינוואוינער דינען עבודה זרה, דאַן שיקען זיי אַהין צוויי תלמידי חכמים, צו ווירקען אויף די שטאָט לייט צו טהון תשובה, אויב זיי ווילען בשום אופן ניט תשובה טהון, שיקט מען אַן ארמיי צו האַלטען מיט זיי מלחמה, די שטאָט ווערט באַלאַגערט ביז זי גיט זיך אונטער, דאַן ווערען אַלע מענער, פרויען און קינדער אויסגעשלאַכט מיט׳ן שווערד, אַלע בהמות אויך אַנדערע לעבעדיגע זאַכען ווערען געטויט, און די שטאָט מיט דעם גאַנצען פאַרמעגען ווערט פאַרברענט.

לאו רעב. א שטאָט וועלכע איז דורך סנהדרין פאַרברענט געוואָרען לויט׳ן דין אַלס עיר הנדחת (זעה עשה קצג), טאָר מען ניט צוריק אויפבויען צו מאַכען פאַר א שטאָט, מ׳מעג אָבער די ערד געברויכען

צו וואקסען, ווער ס'בויט אויף די שטאט איז עובר אויף לא תבנה, דאס מיינט ס'זאל ניט ווערען ווידער אויפגעבויט, מ'איז אנדערש ניט עובר סיידען מ'בויט אויף מעהרערע הייזער, אזוי אז ס'קאן שוין ווערען גערופען א שטאט, אבער ווען מ'בויט אויף עטליכע הייזער, ס'קאן נאך ניט גערופען ווערדען א שטאט, איז מען ניט עובר, אבער דאך טאר מען אין די הייזער ניט וואוינען, ווייל ס'איז א מצוה זיי צוווארפען און פארברענען.

לאו רעג. מ'טאר ניט האבען קיין הנאה, אדער נעמען פאר זיך, קיין שום זאך פון עיר הנדחת (זעה עשה קצג), ווער ס'האט א הנאה דערפון קומט מלקות, פרוכט אדער תבואה וואס געפינט זיך אין עיר הנדחת, אויב זיי זיינען נאך ניט אפגעשניטען, מעג מען זיי געברויכען, ווייל ס'שטעהט אין דער תורה, תקבוץ ושרפת דאס מיינט דו זאלסט צוזאמען קלייבען און פארברענען, פון דעם לערנען מיר, נאר דאס וואס מ'ברויך ניט מעהר, ווי צוזאמען קלייבען דאס מוז מען פארברענען, אבער דאס וואס מ'ברויך ערשט אפשניידען פריער, מוז מען ניט פארברענען, דער זעלבער דין איז אויך וועגען מענשען האר פון קאפ, אויב זיי זיינען אפגעשניטען מוז מען זיי פארברענען, אויב זיי זיינען ניט אפגעשניטען, מוז מען זיי ניט פארברענען.

לאו רעד. מ'טאר ניט מאכען קיין וואונד אין קערפער, אדער איינקריצען זיך אין פלייש, פון עבודה זרה וועגען אדער צוליב א טויטען, אזוי ווי ס'פלעגען עס טהון די געצענדינער, ווען ס'איז ביי זיי ווער געשטארבען, האבען זיי זיך איינגעקריצט אין זייער פלייש, צו גידענקען דעם טרויער, זיי האבען דאס אויך געטהון צוליב זייערע געצענדיסט. אויב מ'טהוט עס צוליעב א טויטען, איז ניט קיין אונטערשייד, סיי ער טהוט עס מיט דער האנד, סיי מיט א כלי קומט איהם מלקות, אבער ווען ער טהוט עס צוליעב עבודה זרה, קומט איהם ניט קיין מלקות, סיידען ער מאכט עס מיט א כלי, ווייל די געצענדינער פלעגען עס טהון צו עבודה זרה נאר מיט א כלי.

לאו רעה. מ'טאר ניט אויסרייסען האר פון קאפ צוליב א טויטען, סיי מ'רייסט אויס מיט'ן האנד אדער מיט סם, סיי מ'רייסט פון צווישען די אויגען, אדער אן אנדער ארט פון קאפ קומט מלקות, אבער ניט אנדערש, סיידען ס'איז אויסגעריסען אזוי, דאס אויף דעם ארט וועט שוין קיינמאל קיין האר ניט וואקסען, אויך קומט נאר מלקות דאן, ווען מ'רייסט עס אויס צוליב א טויטען, אפילו ווען דער טויטער איז ניט קיין קרוב נאר א פרעמדער.

לאו רעו. ווער ס'עסט א כזית פון א קרבן וואס איז פסול געווארען קומט מלקות, סיי ס'איז געווארען פסול, ווייל דער כהן האט

געהאט אין זינען, ווען ער האט עס געשאכטען אדער געשפריצט די בלוט אויפ'ן מזבח, אזוי א געדאנק פון וועלכען דער קרבן ווערט פסול, אדער דער כהן האט ביים מאכען דעם קרבן, געטאן א מעשה פון וואס דער קרבן איז פסול געווארען.

עשה קצד. ס'איז א מצוה נאכצוזעהן די סימנים פון אן עוף, אויסצוגעפינען אויב ס'איז כשר, אין דער תורה זיינען ניט פאראן קיינע סימנים פון די עופות, וועלכע מיר מעגען עסען, נאר ס'זיינען אין דער תורה אויסגירעכענט פיר און צוואנציג מינים עופות, וועלכע מיר טארען ניט עסען, דאס הייסט דאס אלע אנדערע עופות מעגען מיר עסען, די חכמים האבען אונז געגעבען סימנים, יעדער עוף וועלכער כאפט אן אנדער עוף און עסט עס אויף לעבעדיגערהייט, און האט אויך איינעם פון דריי סימנים מעג מען איהם עסען, די דריי סימנים זיינען, אויב ער האט א איבריגען פינגער, אויב ער האט א קראפפ (וואליע) דאס איז דער בייטעל וואו ער האלט די עסען, אויב מ'עפענט דעם פופיק און מ'קאן מיט דער האנד אפשיילען זיין הויט.

לאו רעז. מ'טאר ניט עסען קיין שרץ וואס פליהט, דאס זיינען היישעריקען, פליגען, מוקען, בינען, א. ד. גל. ווער ס'עסט א כזית פון א פליהענדיגען שרץ, אדער א גאנצען שרץ כאטש ער איז זעהר קליין, נאר וויל ער איז א גאנצער באשעפעניש, קומט מלקות.

לאו רעח. נבילה טאר מען ניט עסען, נבילה איז א בהמה, א חיה, אדער עוף וואס איז טויט געווארען אהן שחיטה, אדער מ'האט זיי געשאכטען ניט ריכטיג נאכ'ן דין, ס'איז אויך פאראן לעבעדיגע נבילה, אויב דער גענוק מיט א גרעסערע טייל פלייש איז געווארען איבערגעהאקט, אדער מ'האט דעם רוקען געשפאלטען, אדער ס'איז געווארען איבערגעהאקט די גרעסערע טייל פון די ווינר רעהר, כאטש ס'לעבט נאך, נאר וויל ס'איז געווים אז ס'קאן מעהר ניט לעבען, האט עס שוין דעם דין פון נבילה, און ווער ס'עסט דערפון א כזית קומט מלקות.

עשה קצה. יערען יאר נאכדעם ווי מ'גיט דעם לוי מעשר ראשון, נעמט מען ארונטער א צעהנטיל פון די איבערגעבליבענע תבואה און פרוכטען פאר מעשר שני, מעשר שני בלייבט אין גאנצען ביים בעל הבית, אבער ער מוז עס אוועקפירען צו עסען אין ירושלים, אויב ס'איז צו שווער צו פירען, קאן מען עס אויסטוישען אויף געלד, די הייליגקייט פון מעשר שני געהט איבער צום געלד, מ'מוז די געלד פירען נאך ירושלים, און דארט קויפען דערפאר בלויז נאר עסען און טרינקען, און די תבואה אדער פרוכטען, די געוועזענע מעשר שני ווערט אויס הייליג, גליך ווי

אלע אנדערע תבואות אדער פרוכטען, דאס פירען מעשר שני נאך ירושלים, איז נאר ווען ס'איז פאראן א בית המקדש.

עשה קצו. דעם דריטען און זעקסטען יאר פון שמיטה, געהט ניט אן קיין מעשר שני, נאר באלד נאכדעם ווי מ'האט ארונטער גענומען דעם מעשר ראשון פאר'ן לוי, נעמט מען ארונטער פון דעם פארבליבענעם א צעהנטיל פאר מעשר עני אנשטאט מעשר שני,, מעשר עני נאכ'ן ארונטערנעמען האט ניט קיין הייליגקייט, נאר ס'געהט פאר די ארימעלייט, די ארימעלייט מעגען טאן דערמיט וואס נאר זיי ווילען, מעשר עני פון ארץ ישראל טאר מען ניט ארויספירען נאך חוץ לארץ, סיי דער בעל הבית, סיי די ארימעלייט, אויב מ'האט עס ארויסגעפירט נאך חוץ לארץ, מוז מען עס צוריקפירען, אלע מוזען געבען מעשר עני אפילו דער ארימסטער פון אלע אידען.

לאו רעט. אויב א איד איז שולדיג געלד צו אן אנדערען איד, און ס'איז אונטערגעקומען א שמיטה יאר (יעדער זיבעטער יאר אנפאנגענדיג נאך דעם יובל יאר איז שמיטה יאר) טאר מען נאך דעם שמיטה יאר ניט מאנען פון דעם בארגער ער זאל באצאלען, וויל שמיטה נעמט איבער אלע שולדען, מ'זאל ניט ברויכען צו באצאלען, אויב דער בארגער גיט אפ זיין שולד נאך שמיטה, זאל מען פון איהם ניט נעמען, נאר מ'זאל צו איהם זאגען די ווערטער משמט אני, דאס מיינט, ס'איז געווען שמיטה און איך וויל ניט נעמען די געלד, אויב דער בארגער זאגט, איך וויים דאס ס'איז געווען שמיטה, איך וויל אבער פארט באצאלען, מעג מען פון איהם די געלד צונעמען, וויל ס'שטעהט אין דער תורה מ'זאל ניט מאנען, און ער האט דאך איהם ניט געמאנט, אבער ווען ער גיט איהם די געלד, זאל ער ניט זאגען איך גיב דיר די געלד וואס איך בין דיר שולדיג, נאר זאל זאגען די געלד איז מיינע, און איך גיב עס דיר א מתנה.

עשה קצז. ס'איז א מצוה צו צודריקען א גוי, ער זאל באצאלען וואס ער איז שולדיג, אפילו אין א שמיטה יאר, מ'זאל זיך ניט דערבא־רמען אויף איהם, און פארלענגערין איהם די צייט צו באצאלען, סיידען מ'האט מורא פאר איהם, אדער צוליב אן אנדערע אורזאך, א גוי וועלכער האט אנגענומען דעם אידישען גלויבען, אבער ער עסט נאך נבילות און טריפות, ער ווערט ניט גירעכענט פאר א גוי ס'זאל זיין א מצוה איהם צודריקען צו באצאלען, ער ווערט אבער אויך ניט גירעכענט פאר א איד מ'זאל איהם ניט טארען מאנען, דעריבער מעג מען איהם מאנען אבער ניט צודריקען.

עשה קצח. ס'איז א מצוה פון דער תורה אז שמיטה נעמט איבער אלע שולדען, וואס איינער איז שולדיג דעם צווייטען, אבער דאס איז

ניט פריער ווי גאר צום ענדע פון שמיטה יאר, און דעריבער אויב איינער בארגט דעם צווייטען געלד אין שמיטה יאר, מעג ער איינמאנען די געלד דעם גאנצען יאר, אבער ווען די זון געהט אונטער די ראש השנה נאכט, וואס פארענדיגט דעם זיבעטען יאר, טאר ער די געלד ניט מעהר מאנען, שמיטה נעמט אויך איבער א שבועה, אויב דער בית דין האט איינעם געהייסען שווערען, אז ער איז ניט שולדיג וואס מ'האט געמאנט ביי איהם, און ס'איז אריבער שמיטה פאר זיין שווערען, האט די שמיטה איבער־גענומען די שבועה, און ער ברויך ניט מעהר צו שווערען.

לאו רפ. ווער ס'האט די מעגליכקייט צו גיבען צדקה, טאר ניט פארהאל־טען זיינע אויגען, מאכען זיך ניט זעהענדיג דעם ארימאן, אום איהם קיין צדקה ניט צו געבען, ווען ער נויטיגט זיך אין הילף, ווער ס'טהוט דאס, ווערט ער אנגערופען בליעל, דער זעלבער נאמען מיט וועלכען מ'רופט, איינעם וואס דינט עבודה זרה, ער ווערט אויך אנגע־רופען רשע, חוטא דאס מיינט זינדיגער, גאט ברוך הוא איז נאהענט צו הערען די געשרייען פון ארימעלייט, און דער וואס פארהאלט זיינע אויגען פון צדקה, איז עובר אויף דעם לאו פון לא תאמץ.

עשה קצט. מען מוז געבען צדקה צו אידישע ארימעלייט, לויט ווי ס'פאסט זיך פאר זיי, אויב מ'קאן עס גאר טאן, לויט וואס ס'פעהלט איהם זאל מען איהם געבען, אויב ער האט ניט קיין קלייד זאל מען איהם געבען א קלייד, אויב ער האט ניט קיינע הויזאכען קויפט מען איהם, אויב ער האט ניט קיינע פרוי מאכט מען איהם חתונה, אויב ס'איז א פרוי גיט מען איהר א מאן, אפילו ווען ער איז געוואוינט געווען צו רייטען אויף א פערד, און א קנעכט פלעגט לויפען פאר איהם, קויפט מען איהם א פערד און א קנעכט וואס זאל לויפען פאר איהם, אויב דער ארימאן נויטיגט זיך אין פיעל, און דער געבער איז ניט אין שטאנד איהם אזוי פיעל צו געבען, זאל ער איהם געבען ביז א פינפטעל פון זיין פארמעגען, דאס איז די רעכטע מצוה.

לאו רפא. מ'טאר זיך ניט צוריקהאלטען פון בארגען, צו די וועלכע נויטיגען זיך דערין, צוליב מורא ווייל ס'איז נאהענט צו שמיטה, און שמיטה וועט מיר מאכען פארלירען מיין געלד, דערפאר זיינען דא צוויי לאוין איינער נעבען צווייטען, צו שטארק מאכען די זאך דורך צוויי לאוין.

לאו רפב. א אידישער קנעכט וואס בית דין האט איהם פארקויפט, ווען ער געהט ארויס פריי, נאך זעקס יאר דינען, אדער ס'איז געקומען יובל, אדער דער בעל הבית איז געשטארבען, זאל מען איהם ניט אוועק־שיקען מיט ליידיגע הענד, אבער א קנעכט וועלכער לייזט זיך אויס, צוריקגעבענדיג דעם בעל הבית זיין געלד, מעג מען איהם אוועקשיקען

לידיג, ווייל אין דער תורה שטעהט נאָר, אויב דו וועסט אוועקשיקען, אָבער דעם קנעכט שיקט דאָך קיינער ניט אוועק, נאָר ער געהט אליין אוועק, א אידישער קנעכט וועלכער האָט זיך אליין פארקויפט מעג מען אוועקשיקען מיט לידיגע הענד, דערזעלבער דין איז אויך ווען א אידישע דינסט געהט ארויס פריי.

עשה ר. יעדער אידישער קנעכט, חוץ דער וועלכער האָט זיך אליין פארקויפט, ווען זיי ווערען פריי, ניט מיט געוואלד נאָר דורך דעם בעל הבית, מוז דער בעל הבית ביים אוועקגעהן זיי מיטגעבען, פון שעפסען, פון תבואה און פון ווין אָדער פון אנדערע זאכען, חוץ געלד אָדער קליידער ברויך ער ניט צו געבען, אויב דער בעל הבית האָט ניט קיין אנדערע זאכען, נאָר געלד און קליידער, ברויך ער גאָר ניט צו געבען, אויב דער בעל הבית האָט ניט געגעבען ביים אוועקגעהן, בלייבט עס אויף איהם א חוב, צו באצאָלען ביז אייביג, די זאכען וואָס ער גיט איהם, מוזען זיין די ווערט ניט וועניגער פון דרייסיג סלעים, סיי ער גיט פון איין מין סיי פון מעהר מינים, אויך א אידישע דינסמיידעל ווען זי ווערט פריי, קריגט זי אויך דאָס זעלבע, גלייך ווי דער אידישער קנעכט.

לאו רפג. מיט א בהמה וועלכע איז א קרבן, סיי פון גרויסע הייליגקייט, ווי למשל קרבן חטאת, אשם א. ד. גל. סיי פון א לייכטערער קרבן, ווי למשל קרבן שלמים, תודה, בכור, א. ד. גל. טאָר מען ניט ארבייטען, סיידען די ארבייט איז נאָר פון די בהמה וועגען, למשל ער האָט ארויפגעלייגט א צודעק אויף איהר צו באשיצען זי פון פליגען, כאָטש זי האָט דאָך געטראָגען א לאסט אויף זיך, אָבער ס'איז דאָך אין גאנצען געוועזן נאָר צוליב די בהמה, איז מען ניט עובר, אויב די ארבייט איז געוועזן אי פאר די בהמה, אי פאר זיינעטוועגען, למשל ער האָט ארייגעפירט די בהמה אין שטאל אריין זי זאָל דאָרט זייגען און צו דערזעלבער צייט זאָל זי אויך דרעשען תבואה, דאן איז ער עוכר פאר ארבייטען מיט א בהמה א קרבן, אויב די ארבייט איז געטאָן געוואָרען פון זיך אליין, למשל ווען א עוף האָט זיך געשטעלט אויף די בהמה און איז געטראָגען געוואָרען איז ער ניט עובר.

לאו רפד. מ'טאָר ניט אָפּשערען די וואָל פון א בהמה א בכור אָדער א קרבן, אויב אָבער מיר ווייסען ניט אויף זיכער, צו זי איז א בכור אָדער ניט, טאָר מען ניט אָפּשערען, ווייל ס'קען זיין ס'איז א בכור, אָבער אויב מ'האָט איהר אָפּגעשוירען קומט ניט קיין מלקות, ווייל פון א ספק וועגען קען מען ניט שלאָגען מלקות, ווער ס'שערט אָפּ א הייליגע בהמה ווען זי איז טויט, איז ער פטור, ווייל ס'שטעהט לא תגוז בכור צאנך אָבער ווען ס'איז טויט האָט עס ניט מעהר דעם נאָמען צאן,

אָבער ווען ער האָט עס געטאָן אום שבת איז ער עובר פאַר טאָן אַ מלאכה אום שבת.

לאו רפה. ווער ס'עסט חמץ דעם פערצענטען טאָג אין חדש ניסן נאָך האַלבען טאָג, דאָס מיינט אָנפאַנג פון די זיבענטע שטונדע אויפ'ן טאָג, קומט איהם מלקות, אָבער די חכמים ווילענדיג פאַרהיטען דעם מענשען פון קומען צו אַ איסור מלקות, האָבען זיי באַשלאָסען ווי פאָלגט, דעם פערצענטען טאָג ביז ענדע פיר שטונדען אויפ'ן טאָג, מעג מען עסען חמץ, די גאַנצע פינפטע שטונדע טאָר מען ניט עסען קיין חמץ, אָבער מ'מעג נאָך דערפון הנאה האָבען ווי למשל פאַרקויפען צו אַ גוי אָדער געבען צו די בהמות, די גאַנצע זעקסטע שטונדע טאָר מען שוין ניט קיין הנאה האָבען דערפון, נאָר מ'מוז עס פאַרברענען, די זיבענטע שטונדע אויב מ'עסט חמץ קומט מלקות, פון אָנפאַנג נאַכט צום פופצענטען טאָג ביז איין און צוואַנציגסטען טאָג אין ניסן, אויב מ'עסט חמץ קומט כרת.

לאו רפו. דעם פערצענטען טאָג אין חדש ניסן ווען מ'ברייגגט דעם קרבן פסח, ברייגגט מען אויך אַ קרבן אַ רינד אָדער אַ שעפס. קליין אָדער גרויס, זכר אָדער נקבה, דער קרבן רופט זיך חגיגת ארבעה עשר, און איז גלייך ווי אַלע קרבנות שלמים, מ'מעג עס עסען ניט מעהר ווי ביז צוויי טעג און איין נאַכט, דאָס הייסט ביז גאַנצע נאַכט וועלכע געהט צום זעכצענטען טאָג אין ניסן, מ'טאָר עס ניט איבערלאָזען ביז דעם זעכצענטען טאָג פריה,, ווייל ס'שטעהט ולא ילין מן הבשר.

לאו רפז. מ'טאָר ניט שעכטען דעם קרבן פסח אויף אַ במת יחיד (אַ מזבח וועלכען איינער מאכט נאָר פאַר זיך), אפילו אין אַ צייט ווען מ'מעג ברענגען קרבנות אויף אַ במת יחיד, איז דאָס נאָר אַלע אַנדערע קרבנות, אָבער ניט דעם קרבן פסח, וועלכער קען נאָר געשאָכטען ווערען אינ'ם בית המקדש, אָדער אויף אַ במת ציבור (אַ מזבח וועלכער ווערט געברויכט פון אַ גאַנצע געמיינדע), דאָס איז נאָר ווען ער שעכט דעם קרבן פסח פאַרנאַכט, ווען ס'איז די ריכטיגע צייט צו שעכטען דעם קרבן פסח, אָבער אויב ער שעכט אַ קרבן פסח אויף אַ במת יחיד פאַר'ן האַלבען טאָג, ווען ס'איז נאָך ניט די צייט צו שעכטען דעם קרבן פסח, איז דאָך דער דין, דאָס אויב מ'שעכט אַ קרבן פסח ניט אין די ריכטיגע צייט, ווערט עס גירעכענט אלס קרבן שלמים, דאַן איז ער ניט עובר פאַר שעכטען אויף אַ במת יחיד, ווייל ס'איז דאָך ניט קיין קרבן פסח.

עשה רא. ס'איז אַ מצוה זיך צו פרעהען אום יום טוב, ווי ס'שטעהט אין דער תורה ושמחת בחגך, ווי אזוי מ'זאָל זיך פרעהען זאָגט אונז די תורה, וזבחת שלמים ואכלת ושמחת, דאָס מיינט די שמחה זאָל זיין דערמיט וואָס מ'וועט ברייגגען אַ קרבן אָדער קרבנות שלמים, ס'רופט

זיך שלמי שמחה, דאס איז א חוץ וואס מ׳ברייננט דעם קרבן הגיגה, ווער ס׳איז שולדיג קרבנות וועלכע ער האט צוגעזאגט דורך נדר אדער נדבה, קען ער זיי ברייננען אום יום טוב, און דערמיט יוצא זיין די מצוה פון שלמי שמחה, אויב יום טוב איז אויך שבת טאר מען ניט ברייננען קיינע שלמי שמחה, ווייל מ׳קען עס ברייננען אויף מארגען.

עשה רב. אלע אידישע מענער מוזען געזעהען ווערען אין בית המקדש, אין די דריי ימים טובים פון יאר, פסח, שבועות און סוכות, דאס רופט מען מצות ראייה, ווייל ס׳שטעהט אין פסוק שלש פעמים בשנה יראה, די מצוה איז דאס יעדער אידישער מאן זאל געזעהען ווערען אינ׳ם בית המקדש דעם ערשטען טאג יום טוב, און מיט זיך מיטברייננען א קרבן עולה, סיי א בהמה, סיי א עוף, דעם קרבן רופט מען עולת ראייה, ווער ס׳האט ניט מקריב געווען זיין קרבן ראייה גלייך אין ערשטען טאג, קען ער ברייננען אויף דעם צווייטען טאג און אזוי ווייטער ביז זיבען טעג, אויב ס׳זיינען פארביי זיבען טעג, און ער האט ניט געברייננט דעם קרבן ראייה, איז ניט בלויז האט ער ניט געטהון די מצוה, נאר ער איז נאך עובר אויף דעם וואס ס׳שטעהט ולא יראו פני ריקם, דעם קרבן ראייה טאר מען ניט מקריב זיין אום שבת.

לאו רפח. דעם קרבן עולת ראייה, וואס יעדער אידישער מאן מוז מיט זיך מיטברייננען, ווען ער קומט צו געזעהען ווערען אינ׳ם בית בית המקדש, דריי מאל אין יאר, פסח שבועות און סוכות, אויב ער איז געקומען און האט ניט מקריב געווען קיין קרבן עולת ראייה, איז ער עובר אויף דעם לאו, ולא יראה את פני ה׳ ריקם, א חוץ וואס ער איז אויך עובר פאר ניט מקיים זיין די מצות ראייה, ווייל אהן דעם קרבן איז די מצות ראייה גאר ניט קיין מצוה.

עשה רג. ס׳איז א מצוה פון דער תורה צו בעשטימען אידישע שופטים (ריכטער) און שוטרים (אויפזעהער), די שוטרים זאלען האלטען ארדנונג צווישען פאלק, און דורכפירען אלע אורטיילען פון די שופטים, אויך צווינגען מיט געוואלד (אויב נויטיג) די וועלכע וועלען זיך געגענשטעלען, ניט אויסצופאלגען די געזעצען פון דער תורה, אין בית המקדש איז געזעסען דער בית דין הגדול (סנהדרין) וועלכער איז באשטאנען פון איין און זיבציג דיינים, צו די סנהדרין זיינען אויך געווען צוויי סנהדרי קטנה, יעדע סנהדרי קטנה איז באשטאנען פון דריי און צוואנציג דיינים,ביידע סנהדרי קטנה זיינען אויך געזעסען אין בית המקדש אין באזונדערע ערטער, יעדע שטאט מיט הונדערט און צוואנציג איינוואוינער, האט געהאט א בית דין פון דריי דיינים.

לאו רפט. וער ס'פלאנצט א בוים אין בית המקדש, נעבען מזבח אָדער אין דער עזרה (ווי די אידען קומען אין מקדש אריין), סיי א פרוכטבוים, סיי א לײדיגען בוים, כאָטש ער האָט עס געטהון צו באַשײנען דעם בית המקדש אָדער דעם מזבח, קומט איהם מלקות, ווייל די געצענ־דינער פלעגען איינפלאנצען בוימער נעבען זייערע געצען, אום צוציהען מענשען זאָלען אהינקומען.

לאו רצ. מ'טאָר ניט אויפשטעלען א מצבה (א שטיין אויף וועלכען מ'איז מקריב קרבנות), אפילו ווען ער וויל דאָרט ברײנגען קרבנות צו השם יתברך, טאָר מען אויך ניט, ווייל די געצענדינער פלעגען אַלעמאָל נוצען מצבות צו דינען עבודה זרה אויף זיי, וער ס'שטעלט אויף א מצבה פאר דעם צוועק קומט איהם מלקות.

לאו רצא. א בהמה וועלכע האָט א פעהלער, טאָר מען ניט מקריב זיין פאר א קרבן, כאָטש דער פעהלער קען זיך אויסהיילען, אָבער ווי לאַנג דער פעהלער איז פאַראַן, טאָר מען די בהמה ניט מקריב זיין, ווייל אין דעם פסוק שטעהט ניט אשר בו מום, וואָס וואָלט מיינען די בהמה האָט א שטענדיקען פעהלער, נאָר ס'שטעהט אשר יהיה בו מום, דאָס מיינט א צייטווייליגער פעהלער.

עשה רד. ס'איז א מצוה זיך צו צוהערען צום בית דין הגדול, און טהון אַלעס וואָס זיי הייסען, ווען ס'האַנדעלט זיך וועגען תורה און מצות, ווי למשל אויב מ'מעג טהון א געוויסע זאך אָדער ניט, אויב א געוויסע זאך איז טהור אָדער טמא, א. ד. גל. ווען דער בית דין הגדול האָט עקזיסטירט, איז קיינמאָל ניט געוועזן קיין קריגערײ וועגען אירגענד וועלכען דין, ווייל אויב ס'האָט געטראָפען א דין, און מ'האָט ניט געוואוסט, ווי ס'דאַרף זיין? האָט מען געפרעגט ביים בית דין פון שטאָט, אויב זיי האָבען אויך ניט געוואוסט, האָט בית דין געשיקט א שליח נאָך ירושלים, צו די סנהדרי קטנה, אויב זיי האָבען אויך ניט געוואוסט, זיינען זיי געגאַנגען צום בית דין הגדול, דער בית דין הגדול האָט די זאך פאַרהאַנ־דעלט, און ווי זיי האָבען באַשלאָסען, דאָס איז געוואָרען אָנגענומען פון אַלע, און דאָס איז די מצוה צו צוהערען זיך צום בית דין הגדול.

לאו רצב. מ'טאָר ניט אָפּטרעטען פון קיין זאך וואָס דער בית דין הגדול זאָגט וועגען אירגענד וועלכען דין, אפילו ווען מ'ווייס דאָס זיי מאכען א טעות, טאָר מען אויך ניט זיין געגען זיי, נאָר טאָן וואָס זיי הייסען, וער ס'פאָלגט ניט, איז עובר אויף דעם לאו לא תסור, אויב א תלמיד חכם זאָגט פאַרקעהרט פון זיי, ווערט ער באַטראַכט אלס זקן ממרא, זיין שטראָף איז טויט שטראָף חנק (ווערגען), ער ווערט אַנדערש ניט קיין זקן ממרא, סיידען ער זאָגט פאַרקעהרט פון בית דין הגדול, אויך נאָר אויב

ער קען אזוי פיעל תורה לערנען ווי די דייגים פונ'ם בית דין הגדול, און ער איז א מוסמך אז ער מעג פסקענען.

עשה רה. ס'איז א מצוה פון דער תורה, די אידען זאָלען אויפנעמען אויף זיך א אידישען קעניג אין ארץ ישראל, דער אידישער קעניג קען ניט ווערען אויפגענומען, סיידען דורכ"ן בית דין הגדול צוזאמען מיט דעם נביא, א פרוי קען נים זיין א אידישע קעניגין, ווייל ס'שטעהט אין פסוק תשים עליך מלך, לערנען מיר מלך ולא מלכה, און נים נאָר א מלך, נאָר אויך אלע אנדערע וועלכע ווערען אויפגענומען אויף דעם אידישען פאָלק, קענען נים זיין קיינע פרויען, מ'קען אויך נים אויפנעמען אלס קעניג אָדער כהן גדול, נים קיין קצב, נים קיין באַרבירער, קיין בעדער, און נים קיין גארבער, נים ווייל די אויסגירעכענטע פיר זיינען פסול צו זיין א אידישער קעניג, נאָר ווייל די פיר באשעפטיגונגען שטעהן זייער נידריג, און די וועלכע זיינען באשעפטיגט מיט זיי, ווערען זעהר ווייניג רעספעקטירט אין דער געזעלשאפט, דעריבער אפילו ווען זיי זאָלען ווערען אויפגענומען אלס קעניג, וועלען זיי דאָך נים קריגען קיין רעספעקט ביים פאָלק, אויב ווער פון די דאָזיגע פיר, איז אפילו נים מעהר ווי איין טאָג גיוועזען באשעפטיגט דערמים, ווערט ער פסול פון צו זיין א אידישער קעניג.

לאו רצג. מ'טאָר נים אויפנעמען אלס אידישער קעניג, דעם וועלכער איז נים פון אידישער אָפשטאמונג, אפילו ווען ער איז א ערליכער גר, נאָך עטליכע דורות, סיידען זיין מוטער איז א אידישע, ווייל ס'שטעהט אין פסוק, לא תוכל לתת עליך איש נכרי אשר לא אחיך הוא, דאָס מיינט זאָלסט נים אויפנעמען דעם, וועלכער איז נים פון דיינע ברידער.

לאו רצד. א אידישער קעניג טאָר נים האָבען קיינע איבריגע פערד, נאָר בלויז וואָס ער מוז האָבען פאַר זיך צום רייטען, און גענוג פערד פאַר זיין ארמיי, אָבער נים האלטען פערד וועלכע זאָלען לויפען פאַר איהם בלויז פון כבוד וועגען, צו דעם צוועק טאָר ער אפילו איין פערד אויך נים האַלטען, אויב ער האָט איבריגע פערד, איז ער עובר אויף דעם לאו לא ירבה לו סוסים, פאַר יעדען פערד באַזונדער, באלד ביים קויפען איז ער שוין חייב.

לאו רצה. מ'טאָר קיינמאָל נים מעהר זיך אומקערען נאָך מצרים, ווייל ס'שטעהט אין פסוק לא תוסיפון לשוב בדרך הזה עוד, מ'מעג וואוינען אין דער גאנצער וועלט א חוץ אין לאַנד מצרים, נים בלויז אין דער שטאָט מצרים אליין טאָר מען נים וואוינען, נאָר אויך אין גאַנץ אלכסנדריה, אָבער דער איסור איז נאָר, צו באזעצען זיך דאָרט אויף שטענדיג, אָבער צו פאָהרען אהין וועגען האנדעל מעג מען.

לאו רצו. א אידישער קעניג טאָר ניט האָבען צופיעל ווייבער, ס'איז אָנגענומען ביי די חכמים, דאָס דער קעניג מעג האָבען ביז אכצעהן ווייבער איינשליסענדיג קיפסווייבער, אויב דער קעניג נעמט איין פרוי מעהר פון אכצעהן און וואוינט מיט איהר, קומט זיי ביידען מלקות און ער מוז איהר געבען א גט, נאָכדעם ווי זי קריגט דעם גט מעג זי ווייטער הייראטען, כאָטש א קעניגליכע ווייב טאָר דאָך ניט הייראטען אפילו צו אן אנדערען קעניג, דאָס איז נאָר דאַן, ווען די הייראט איז א ריכטיגע לויט נאָך דעם דין פון דער תורה, אָבער ווען די הייראט איז ניט געזעצליך ערלויבט פון דער תורה, דאַן מעג זי ווידער הייראטען מיט וועמען זי נאָר וויל.

לאו רצז. א אידישער קעניג טאָר ניט איינזאמלען פאר זיך צופיעל גאָלד, זילבער אָדער אנדערע פארמעגען, צו קענען דערמיט שטאָלצירען, אָבער ער מעג איינזאמלען פיעל געלד, צו האָבען אויף וואָס מ'ברויך אויפצוהאַלטען די רעגירונג, צו פארהיטען דאָס לאַנד געגען אן אָנפאַל פון א שונא א. א. וו. פאר אלעם וואָס האָט צו טהון מיט'ן לאַנד און דעם פאָלק.

עשה רז. א אידישער קעניג מוז פאר זיך שרייבען א ספר תורה, ווי ס'שטעהט אין פסוק וכתב לו את משנה התורה הזאת, דעם ספר תורה מוז דער קעניג שרייבען אפילו ווען ער האָט א ספר פון פריער, דער ספר מוז ווערען געשריבען ריכטיג לויט אלע דינים, וואָס פאָדערט זיך ביים שרייבען א ספר תורה, קיין שום אנדערער מענש טאָר ניט לייענען פון דעם דאָזיגען ספר תורה, אויב ער האָט ניט קיין ספר פון פריהער, מוז ער שרייבען צוויי ספרי תורות, איין ספר תורה בלייבט שטעהן צוזאַמען מיט זיין פארמעגען אין די אוצרות, און דער צווייטער, מוז שטענדיג זיין צוזאַמען מיט דעם קעניג, ווי ער געהט, סיי אין מלחמה, סיי אין לאַנד פון איין אָרט צו אן אנדערען, אָדער ווען ער זיצט אויס־טיילענדיג משפט צום פאָלק, אפילו ווי ער עסט, מיט איין וואָרט דער קעניג טאָר קיינמאָל ניט זיין אָהן דעם ספר תורה, א חוץ ווען ער געהט אין אן אָרט ווי ס'פאַסט ניט פאר א ספר תורה דאָרט צו זיין, ווי למשל אין בית הכסא, אין באָד א. א. וו.

לאו רצח. קיינער פון שבט לוי, טאָר ניט נעמען קיין חלק, פון דעם וואָס ס'ווערט פארנומען פון דעם פיינד אין מלחמה, ווי ס'שטעהט אין פסוק לא יהיה לכהנים הלוים כל שבט לוי חלק, אָבער דאָס איז נאָר געזאָגט וועגען דער מלחמה, אין וועלכע מיר האָבען פארנומען ארץ ישראל קומענדיג פון מצרים, אין אלע אנדערע מלחמות, נעמען די לוים אויך א חלק גלייך ווי אלע אידען.

לאו רצט. דער שבט לוי טאָר ניט נעמען קיין לאַנד, ביים צוטיילען ארץ ישראל צו די אידען, קומענדיג אהין פון מצרים, ווי ס'שטעהט אין פסוק ונחלה לא יהיה לו, אויב א לוי האָט גענומען פון די לאַנד, נעמט מען עס פון איהם אוועק, נאָר דער שבט לוי קריגט, אכט און פערציג שטעט אין לאַנד, וואָס אלע אידען צוזאַמען האָבען זיי געגעבען, אָבער אויב א אידישער קעניג האָלט מלחמה מיט אַנדערע פעלקער, און פאַרנעמט לאַנד פון זיי, דאַן קריגט דער שבט לוי אויך א חלק לאַנד, און אַנדערע רויב וואָס איז פאַרנומען געוואָרען.

עשה רז. ס'איז א מצוה, דאָס יעדער איד, ווען ער שעכט א בהמה, פאַר זיך צו געברויכען, זאָל ער געבען דעם כהן, דעם אָרעם פון די בהמה, די צוויי באַקען צוזאַמען מיט די צונג, אויך דעם מאָגען פון די בהמה, דאָס ווערט גערופען מתנות כהן, מתנות כהן גיט מען נאָר פון די בהמות וועלכע מיר מעגען עסען, כהנים און לוים זיינען פטור פון צו גיבען מתנות כהן, אָבער נאָר דאַן, ווען זיי שעכטען פאַר זייער אייגענעם געברויך, אָבער ווען א כהן אָדער לוי שעכט צו פאַרקויפען, און גיט ניט אוועק די מתנות, ווערט מען איהם צוויי אָדער דריי וואָכען, נאָכדעם נעמט מען פון איהם אוועק די מתנות, און מ'גיט זיי צו אַנדערע כהנים, אויב א כהן אָדער לוי מאַכט אַן אָפענע קראָם, פון וועלכע מ'קען זעהן באַלד אין ערשטען טאָג, אז דאָס איז געמאַכט צום האַנדעל, ווערט מען איהם גאָר ניט, נאָר ער מוז באַלד פון ערשטען טאָג געבען מתנות כהן.

עשה רח. ס'איז א מצוה דאָס יעדער איד, ווען ער נעמט אראָפּ פון פעלד זיינע תבואות, פרוכטען, אלעם פערטיג צום געברויכען, און שוין אריינגעבראַכט געוואָרען אין זיין הויז, זאָל ער אוועקגעבען דערפון צום כהן תרומה גדולה, אין דער תורה איז ניט באַשטימט געזאָגט, וויפיעל מ'זאָל געבען דעם כהן, אָבער די חכמים האָבען אונז געזאָגט, דאָס ווער ס'איז א גוטער מענש זאָל געבען א פערציגסטעל טייל, פון וויפיעל ער האָט אריינגענומען, א מיטעלער מענש א פופציגסטעל טייל, און א קאַרגער מענש א זעכציגסטעל טייל, דאָס געבען תרומה צום כהן איז נאָר אין ארץ ישראל, און אויך נאָר ווען אלע אידען זיינען אין ארץ ישראל, אויסער־האַלב פון ארץ ישראל, ברויך מען ניט צו געבען קיין תרומה לויט נאָך דער תורה, אָבער די חכמים האָבען געהייסען געבען תרומה, היינטיגע צייטען איז אפילו אין ארץ ישראל אויך דאָס געבען תרומה נאָר צוליב באַפעהל פון די חכמים.

עשה רט. ס'איז א מצוה צו געבען צום כהן ראשית הגז, דאָס מיינט ווען מ'שערט די וואָל פון די שעפּסען יעדען יאָר, מוז מען די ערשטע וואָל געבען צום כהן, אין דער תורה איז ניט פאַראַן קיין שיעור

וויפיעל מ׳זאָל געבען, אָבער די חכמים האָבען באשטימט, א זעכציגסטע טייל און ניט ווייניגער, א כהן איז פטור פון געבען ראשית הגז, א לוי מוז אויך געבען ראשית הגז, ראשית הגז גיט מען נאָר בלויז פון שעפסען זכרים און נקבות, ווייל שעפסען וואָל איז די בעסטע צו מאכען קליידער, וויפיעל שעפסען מוז מען האָבען מ׳זאָל מוזען געבען ראשית הגז? ניט ווייניגער פון פינף שעפסען, אָבער ניט אנדערש, סיידען די אָפגעשוירענע וואָל פון אלע פינף שעפסען, זיינען ניט ווייניגער אין געוויכט, פון זעכציג סלעים (אזעלכע מטבעות), די וואָל פון יערען שעפס באזונדער זאָל וועגען צוועלף סלעים, אויב איין שעפס האָט ווייניגער פון צוועלף סלעים, כאָטש אלע צוזאמען האָבען זעכציג סלעים אָדער מעהר איז מען פטור פון צו געבען ראשית הגז.

עשה ר. ווען א כהן פון א אנדער שטאָט קומט נאָך ירושלים, קען ער אליין מקריב זיין, זיינע אייגענע קרבנות, אויב ער קומט נאָך ירושלים אויף איינעם פון די דריי ימים טובים, פסח, שבועות אָדער סוכות, קען ער מיטארבייטען אין בית המקדש; מיט די כהנים פון דער וואָך, און קריגט א טייל פון די קרבנות, וועלכע ווערען געבריינגט נאָר צוליב דעם יום טוב, ווי למשל קרבן מוסף א. ד. גל. אויך נעמט ער א טייל ווען מ׳טיילט איין די לחם הפנים, אָדער שתי הלחם פון שבועות צווישען די כהנים, אָבער אלע אנדערע קרבנות, ווי נדרים, נרבות, קרבן תמיד, ווערען געמאכט פון די כהנים וועלכע ארבייטען אין דער וואָך.

לאו ש. מ׳טאָר ניט טהון קיין זאך, וועלכעס ווערט געטהון פון געוויסע כישוף מאכער, ווען זיי ווילען זאָגען, וואָס ס׳וועט זיין, אָדער ניט, פון וואָס מ׳זאָל זיך היטען, אָדער ניט, אייניגע באנוצען זיך מיט זאמד אָדער שטיינער, אייניגע קוקען אין אן אייזערנעם שפּיגעל, אָדער קלאפּט מיט א שטעקען, ביז ער באַקומט ליידיגע געראנקען, ראן פאנגט ער אן צו זאָגען זיינע נביאות.

לאו שא. מ׳טאָר ניט מאכען קיין כישוף, ווי ס׳טהוען אייניגע כישוף מאכער, באנוצענדיג פארשיירענע גראָזין, אָדער פארשיירענע אנדערע זאכען, אָדער זיי רעכענען אויס דעם טאָג, וואָך, אָדער חודש, ווען ס׳איז גוט צו טאָן אָדער ניט טאָן באַשטימטע זאכען.

לאו שב. מ׳טאָר ניט זיין קיין חובר, דאָס מיינט, מענשען וועלכע געברויכען פארשיירענע אָפּשפּרעכונגען, זיי מישען צוזאמען פארשיירענע ווערטער, ניט פארשטענדליכע צו קיין שום מענשען, און די גאנצע רייד האָט גאָר קיין זין ניט, האלטענדיג אין האנד א שליסעל אָדער א מטבע, זאָגען זיי די אָפּשפּרעכונג, און ריידען איין, דאָס ס׳קען העלפען צו אלעם, ווי למשל אויב מ׳וויל האָבען דאָס ווילדע חיות, שלעכטע

מענשען, אָדער שלעכטע צופאַל זאָלען ניט קענען קיין בייזעס טאָן, אויך טהוען זיי פערזאַמלען חיות, שלאַנגען, אַנדערע זאַכען אויף איין אָרט.

לאו שג. מ׳טאָר ניט פרעגען קיין עצה, פון דעם וואָס מאַכט דעם כשוף אוב, ער טהוט פאַרשיידענע זאַכען, ביז דער פרעגער הערט א שטימע רײדענדיג פון אונטער דער ערד, ענטפערינדיג איהם אויף זיינע פראַגען, אָדער ער בענוצט א קאָפּ פון א טויטען מענש, ביז דער פרעגער הערט א שטימע פון אונטער זיין אָרעם ענטפערענדיג איהם אויף זיינע פראַגען.

לא דש. מ׳טאָר ניט פרעגען קיין עצה, פון דעם וואָס מאַכט דעם כשוף ידעוני, ער נעמט א ביין פונ׳ם פויגעל וואָס הייסט ידוע אין מויל, און רויכערט פאַרשיידענע געווירצען, און טהוט נאָך אַנדערע זאַכען, ביז ער באַקומט אזוי ווי די פאַלינע קראַנקהייט, דאַן פאַנגט ער אָן ריידען צוקונפטיגע זאַכען.

לאו שה. מ׳טאָר ניט פרעגען קיין זאַך, פון פאַרשטאָרבענע מענשען, ווי למשל די וועלכע הונגערין זיך אויס, און געהן נעכטיגען אויף דעם בית הקברות, כדי דער פאַרשטאָרבענער זאָל קומען אין חלום, און איהם זאָגען אַלעס וואָס ער וועט איהם פרעגען, אָדער די וועלכע קליידען זיך אָן געוויסע קליידער, און זאָגען פאַרשיידענע זאַכען, און רויכערען געווירצען, און שלאָפען אליין, כדי א געוויסער פאַרשטאָרבענער זאָל קומען, און מיט איהם ריידען אין חלום.

עשה ריא. ס׳איז א מצוה אויסצופאָלגען, אַלעס וואָס נאָר אַן ערליכער נביא הייסט טאָן, סיי ס׳איז וועגען טאָן א זאַך פון דער תורה אָדער ניט, סיי ס׳איז וועגען א וועלטליכע זאַך ווי למשל, דער נביא זאָגט מ׳זאָל געהן אין מלחמה אָדער ניט געהן, מ׳זאָל בויען א פעסטונג אָדער ניט, איז אַלעמאָל א מצוה צו פאָלגען דעם ערליכען נביא, וועד ס׳פאָלגט ניט דעם נביא קומט איהם טויט שטראָף פון הימעל, אויך אויב דער נביא אליין טהוט פאַרקערט פון זיין נביאות, אָדער ער האַלט זיך צוריק פון זאָגען זיין נביאות, קומט איהם טויט שטראָף פון הימעל.

לאו שו. מ׳טאָר ניט זאָגען פאַלשע נביאות, דאָס מיינט, א מענש טאָר ניט זאָגען, דאָס ס׳איז איהם איבערגעגעבען געוואָרען, א נבואה פון הימעל אין נאָמען פון השם יתברך, ווען ס׳איז איהם ניט געגעבען געוואָרען, און אפילו ווען ס׳איז טאַקי יאָ געגעבען געוואָרען די נבואה, אָבער ניט צו איהם, נאָר צו אַן אַנדערען, און ער זאָגט א ליגען, דאָס די נבואה איז געקומען צו איהם, קומט איהם דערפאַר טויט שטראָף חנק (ווערגען), ס׳קומט איהם נאָר טויט שטראָף, סיידען ער איז א מענש וועלכען מיר האָבען גענוג אורזאַכען איהם צו גלויבען, אָבער ווען ס׳קומט

א גאנץ פראסטער מענש, וועלכען מיר וואלטען סיי ווי ניט געגלויבט, מיר וואלטען איהם נאר אויסגעלאכט, דאן קומט איהם ניט קיין טויט שטראף.

לאו שז. מ'טאר ניט זאגען א נבואה, אין נאמען פון עבודה זרה, דאס מיינט ווען איינער זאגט, די אדער אן אנדערע עבודה זרה, האט מיר געזאגט, דאס ס'איז א מצוה צו טאן אדער ניט צו טאן א געוויסע זאך, באטש ס'שטימט טאקי אלעס איין ריכטיג לויט דער תורה, דאך ווייל ער האט דאס געזאגט אין נאמען פון עבודה זרה, קומט איהם טויט שטראף חנק (ווערגען).

לאו שח. מ'טאר ניט מורא האבען צו טויטען א נביא שקר, מ'דארף זיך ניט שרעקען, דאס מיר וועלען פארדינען א שטראף דערמיט, ווייל ער איז דאך געגאנגען אין וועג פון נבואה, און האט געזאגט א נבואה דאס מיר זאלען טאן א מצוה, אבער ווייל ס'איז אויסגעפונען געווארען, דאס ער איז א נביא שקר, האבען מיר ניט קיין שטראף פאר זיין טויט, און ווער ס'האלט זיך צוריק פון צו טויטען איהם, אדער צו ברענגען א באשולדיגונג געגען איהם, דער איז עובר אויף דעם לאו לא תגור ממנו.

עשה ריב. ס'איז א מצוה בית דין זאל באשטימען שטעט פאר ערי מקלט, דאס מיינט שטעט וועלכע דינען פאר א רעטונגסארט, פאר די יעניגע וועלכע טויטען א מענש אומגערין, בית דין קען זיי ניט פאר־אורטיילען צום טויט, אבער די נאהענטסטע פריינד פון דעם ערמארדעטען, מעגען דעם מערדער טויטען, אבער וויבאלד דער מערדער אנטלויפט אין איינע פון די שטעט (ערי מקלט), דארט טאר איהם קיינער גאר ניט טאן, די וועגען וועלכע פירען צו די שטעט, זאלען זיין אויסגעגלייכט און גוט אויסגערייניגט, ס'זאל זיין לייכט צו אנטלויפען.

לאו שט. בית דין טאר זיך ניט דערבארמען אויף א מערדער, זאגענדיג דאס דער ערמארדעטער איז דאך שוין סיי ווי טויט, וואס וועט ארויסקומען דערפון, וואס מיר וועלען יעצט פאראורטיילען, דעם מערדער צום טויט? צוליב דעם זאגט די תורה לא תחוס עינך עליו, דאס מיינט אן אנזאג צום בית דין ניט צו האבען רחמנות אויף דעם מערדער, אויך אין א פאל ווען איינער האט דעם צווייטען, אבגעהאקט א האנד אדער בלינד געמאכט אן אויג, זאל דער בית דין ניט זאגען, דער האט דאך שוין ניט מעהר זיין האנד אדער זיין אויג, און יעצט דער וועלכער האט דאס געטאן, איז א ארעמער מאן, ס'איז א גרויסער מיטלייד, פון איהם ארויסצורייסען געלד, ער האט עס ניט געמיינט צו טאן, אט דא זאגט

די תורה צום בית דין, איהר טאָרט זיך ניט באַציהען מיט רחמנות, ווען ס׳קומט אויסצופירען אַ דין לויט דער תורה.

לאו ש״י. ווען צוויי מענשען האָבען לאַנד איינער נעבען צווייטען, טאָר קיינער פון זיי ניט איבערוקען די גרעניץ, און דורכדעם פאַרנעמען פרעמדע לאַנד, זאַגענדיג דאָס זיין לאַנד געהט ביז וואו די צייכען פון גרעניץ איז יעצט, אפילו ווען ער רוקט די גרעניץ ניט מעהר, ווי מיט אזוי פיעל ווי די גרויס פון אַ פינגער די ברייט, טאָר מען אויך ניט, ווייל ס׳שטעהט אין פסוק לא תסיג גבול רעך, דאָס מיינט דו זאָלסט ניט רוקען דיין פריינדס גרעניץ, אויב ער האָט איבערגערוקט מיט געוואַלט, איז אויך פאַראַן דער לאו לא תגזול, און אויב ער האָט איבערגערוקט באַהאַלטענערהייט, איז פאַראַן דער לאו פון לא תגנוב, דאָס איז נאָר אין ארץ ישראל, אויב ניט אין ארץ ישראל איז ניטאָ דער לאו פון לא תסיג.

לאו שי״א. בית דין טאָר ניט אַרויסגעבען אַן אורטייל, ווען ס׳איז נאָר פאַראַן בלויז איין עדות, סיי ס׳איז וועגען געלד זאַכען, סיי וועגען לעבענס זאַכען, אפילו אויב דער איינציגער עדות איז זעהר אַן ערליכער, אפילו ער איז אַ נביא, צוליב דעם שטעהט אין דער תורה, לא יקום עד אחד באיש, דאָס מיינט ס׳זאָל ניט אַנגענומען ווערען איין עדות, אָבער ווייל ס׳שטעהט דערביי די ווערטער לכל עון ולכל חטאת, לערנען מיר דערפון, דאָס מ׳קען נאָר ניט געבען קיין אורטייל פון געלד שטראָף אָדער לעבען שטראָף, אָבער מ׳קען דעם באַשולדיגטען הייסען שווערען, אָבצולייקענען דעם איינציגען עדות, למשל ווען איינער מאָנט ביים צווייטען הונדערט דאָלאַר, דער צווייטער זאָגט עס קומט דיר גאָרניט פון מיר, דאַן קומט איין עדות און זאָגט אויך אזוי ווי דער וועלכער מאָנט, מוז דער וועלכער מ׳מאָנט פון איהם שווערען, אויך איז איין עדות באַגלויבט ווען ס׳האנדעלט זיך ניט וועגען באַשטראָפען, ווי למשל, איין עדות זאָגט דאָס דער וויין איז כשר אָדער דאָס פלייש איז כשר איז ער באַגלויבט.

עשה רי״ג. ווען צוויי ערות באַשולדיגען אַ מענש, און ס׳קומען צוויי אַנדערע עדות וועלכע זאָגען, דאָס די ערשטע צוויי עדות זיינען געוועזען מיט זיי צוזאַמען, צו דער צייט אין אַ אַנדער אָרט, וואו זיי האָבען אויף קיין פאַל ניט גיקענט זעהען, די זאַך מיט וואָס זיי באַשולדיגען דעם מענש, דאַן זאָל דער בית דין פאַראורטיילען די ערשטע צוויי עדות מיט די זעלבע שטראָף, וועלכע זיי האָבען געוואָלט ברענגען אויף דעם מענשען, אויב אַ געלדשטראָף, זאָלען ביידע צוזאַמען באַצאָלען, די געלד צום באַשולדיגטען, אויב ס׳וואָלט געווען אַ שטראָף פון מלקות, קומט יעדען איינעם פון זיי מלקות, אויב אַ טויט שטראָף קומט יעדען פון זיי די זעלבע טויטשטראָף, ווייל ס׳שטעהט אין פסוק ועשיתם לו כאשר זמם, דאָס מיינט

מ׳זאָל טאָן צו פאַלשע עדות, דאָס וואָס זיי האָבען געוואָלט טאָן מיט
זייער עדות זאָגען.

לאו שיב. ווען אידען געהען אין קריעג געגען א פיינד, טאָרען די ארמיי
לייט ניט ווערען צושראָקען, און אַנטלופען אויס מורא פאַר די
גוים אין דער מלחמה, צוליב דעם זאָגט דער פסוק אל תערצו מפניהם,
דאָס מיינט, איהר זאָלט ניט צובראָכען ווערען פאַר זיי, דער וועלכער
האָט ניט גענוג קראַפט, צו שטעהן אין מלחמה פייער, זאָל זיך פאַרלאָזען
אויף השם יתברך, וועלכער העלפט אַלעמאָל די אידען אין זייער ענגשאַפט,
און זאָל גאָר ניט טראַכטען וועגען זיין פרוי און קינדער, נאָר אין אַלעם
פאַרגעסען, און זיך איבערגעבען נאָר צו דער מלחמה, און ווער ס׳פאַנגט
אָן איבער צו טראַכטען, און מאַכט זיך אליין אָן א שרעק, איז ער עובר
אויף א לאו.

עשה ריד. ס׳איז א מצוה דאָס ווען מ׳געהט אין מלחמה, זאָל מען
אויפנעמען א כהן, איהם זאַלבען מיט׳ן אויל, דער כהן רופט זיך
משוח מלחמה, דער משוח מלחמה ריידט צו דער ארמיי, איינמאָל ווען
די ארמיי איז שוין ביי די גרעניץ פון אונזער לאַנד, ארויסגעהענדיג פון
לאַנד, דאַמאָלס רופט ער אויס ווער ס׳בלייבט אין דער היים, דעם צווייטען
מאָל ריידט דער משוח מלחמה צו דער ארמיי, ווען זיי שטעלען זיך אויס
אָנצופאַנגען קריעג, דאַמאָלס גיט ער זיי צו ערקלערען, ווי אזוי זיי זאָלען
זיך האַלטען ,ניט צו ווערען פאַרצווייפעלט אָדער מורא האָבען פאַר דעם
שונא, נאָר קעמפען מוטיג, העלדיש, ווייל השם יתברך איז מיט אייך,
אייך צו העלפען פון אייערע פיינד.

עשה רטו. ס׳איז א מצוה, דאָס ווען אידען געהן פירען קריעג, זאָל מען
פריער אָנבאָטען צו מאַכען פרידען, אויב דער פיינד געהט איין
אויף פרידען, און זיי נעמען אויף זיך אָפצוהיטען, די זיבען מצות וועלכע
די גוים מוזען אָפהיטען, זאָל מען קיינעם פון זיי ניט טויטען, נאָר זיי
זאָלען זיין שקלאַפען און צאָלען שטייערען, אויב זיי ווילען נאָר אָננעמען
איין זאַך, צאָלען שטייערען און ניט זיין קיין שקלאַפען אָדער פאַרקערט,
ווערט עס ניט באַשטעטיגט, סיידען זיי נעמען אויף זיך ביידע זאַכען,
אי צאָלען שטייערען און אי שקלאַפען, דאָס שקלאַפען מיינט, זיי זאָלען
זיין פאַרשעמט און נידריג, זיי זאָלען קיינמאָל ניט די קעפ אויפהויבען
צווישען אידען, זיי זאָלען ניט האָבען קיין אַמט צו קיין שום זאַך אין
דער וועלט, די שטייערען מיינט, זיי זאָלען שטענדיג זיין גרייט אוועקצו-
גיבען זייער געלט, און זייערע קערפערס, צו אַלע ארבייט פאַר דער אידי-
שער רעגירונג אויב מ׳וועט ברויכען, אויב זיי ווילען ניט איינגעהן אויף
פרידען, אָדער זיי ווילען איינגעהן אויף פרידען, נאָר זיי ווילען ניט

אויף זיך אפצוהיטען די זיבען מצות, דאן זאל מען מאכען מיט זיי קריעג, אויסקוילענען אלע מענער, צונעמען זייער געלד מיט זייערע קליינע קינדער, מ'זאל ניט טויטען קיינע פרויען אדער קינדער.

לאו שיג. מ'טאר ניט לאזען לעבען בלייבען קיין איינציגע נשמה, פון די זיבען פעלקער, כנעני, חתי, פריזי, חוי, יבוסי, גרגשי, אמורי און אויך פון עמלק, אויב זיי ווילען ניט איינגעהן, אויף דעם אנבאט צו זיי, פון די אידען פאר מאכען שלום, דריי בריעף האט יהושע געשיקט, צו די זיבען פעלקער פון ארץ ישראל, פאר זיין אנפאלען אויף זיי, דער ערשטער בריעף איז געווען, ווער ס'וויל אנטלויפען, דער זאל אנטלויפען, דער צווייטער בריעף, ווער ס'וויל שליסען פרידען, זאל שליסען פרידען, דער דריטער בריעף, ווער ס'וויל מאכען מלחמה, זאל ער מאכען מלחמה.

לאו שיד. ווען אידען באלאגערין א שטאט פונ'ם פיינד, טאר מען ניט פארדארבען אדער אונטערהאקען קיין פרוכטבוים, אויך ניט פאר־ניכטען קיין ברונעם, ניט בלויז ביי באלאגערין, נאר אויך אין אנדערע צייטען און אין אלע ערטער, טאר מען ניט אונטערהאקען קיין פרוכטבוים, סיידען ווען דער בוים איז א שטערונג צו אנדערע בוימער, אדער ער מאכט שאדען אין פרעמדע פעלדער, ניט בלויז א פרוכטבוים טאר מען ניט פארדארבען אהן א אורזאך, נאר אויך אלע זאכען, ווי למשל צוברעכען א כלי, צורייסען קליידער, פארניכטען עסענווארג א. ד. גל. אויב ס'איז ניט וועגען א ריכטיגען נוצען, איז מען עובר אויף דעם לאו לא תשחית.

עשה רטז. אויב מ'געפינט א ערמארדעטען אידען אויפ'ן וועג, ניט וויסענדיג ווער דער מערדער איז? זאלען די פארשטעהער פון דער נאהענטסטער שטאט, אוועקפירען א קאלב צו נחל איתן, אן ארט ווי די ערד איז נאך קיינמאל ניט בעארבייט געווארען, און דארט מיט א גרויסען האקמעסער, אפהאקען די קאלבס קאפ, פון דעם רוקענזייט, די פארשטעהער זאלען וואשען זייערע הענד זאגענדיג, אונזערע הענד האבען ניט פארגאסען די בלוט, די כהנים וועלכע שטעהען דארט זאלען בעטען פון השם יתברך פארגעבונג פאר די פארגאסענע בלוט.

לאו שטו. אויף דעם ארט ווי מ'האט אפגעהאקט די קאלבס קאפ, צוליב א געפונענעם ערמארדערטען איד, ניט וויסענדיג ווער ס'איז דער מערדער, דארט טאר מעהר קיינמאל ניט ווערען די ערד בעארבייט, ווער ס'ארבייט דארט אין דער ערד, ווי למשל ער אקערט, גראבט, אדער פלאנצט איין, קומט איהם מלקות, ווייל ס'שטעהט אשר לא יעבד בו ולא יזרע, פון דעם פסוק לערנען מיר, דאס נאר אין דער ערד טאר מען ניט ארבייטען, אבער אויף דער ערד מעג מען ארבייטען, ווי למשל שטריקמאכעריי, אויס־קעמען פלאקס און דאס גלייבען.

עשה ריז. אין צייט פון מלחמה, אויב אידישע ארמיי לייט האָבען פאַרנ־ומען גוואישע פרויען מיט די קריגסגעפאַנגענע, מעגען זיי באַנוצען די פרויען, נאָר דאָס ערשטע מאָל, פאַר דעם ווי זיי האָבען זיך מגייר געווען (אָנגענומען דעם אידישען גלויבען), ס'שטעהט אין פסוק וראית בשביה דאָס מיינט, נאָר אין דער צייט פון פאַנגען מעג מען זי נעמען, וחשקת בה מיינט, ער מעג נעמען נאָר איינע און ניט מעהר, ולקחת לך, מיינט ער מעג נאָר נעמען פאַר זיך אליין, ניט פאַר קיין אַנדערען, לאשה מיינט, אויב ער וויל איהר האַלטען מעהר נאָך דעם ערשטען מאָל, מוז ער מיט איהר הייראַטען (פאַרשטעהט זיך דאָס ער מוז זי מגייר זיין) והבאת אל תוך ביתך, מיינט אפילו דעם איינעם מאָל וואָס ער מעג איהר באַנוצען אַלס גויאישע, איז עס אויך ניט אויף דעם שלאַכטפעלד, נאָר ער מוז איהר ברייגגען צו זיך אין הויז.

לאו שטז. ווער ס'האָט גענומען אַ גויאישע קריעגסגעפאַנגענע פרוי, און נאָכדעם ווי ער האָט איהר באַנוצט דעם ערשטען מאָל, וויל ער איהר ניט מעהר האַלטען, טאָר ער איהר ניט פאַרקויפען צו אַן אַנדערען, אויב ער האָט איהר פאַרקויפט, איז ער עובר אויף אַ לאו, און זי איז ניט פאַרקויפט, ווייל ער האָט ניט קיין רעכט צו פאַרקויפען איהר, ער מוז צוריקגעבען די געלד צום קויפער, און דער קויפער טאָר זי ניט האַלטען.

לאו שיז. באַלד נאָכדעם ווי ער האָט די גויאישע קריעגסגעפאַנגענע פרוי, באַנוצט צום ערשטען מאָל, טאָר ער איהר ניט מעהר באַטראַכטען אַלס שקלאַפין, ניט געבענדיג איהר צו טאָן אַרבייט וועלכע נאָר שקלאַפען טהוען, אָבער ער מעג איהר געבען צו טאָן אַרבייט, וועלכע אַ פרוי טהוט פאַר איהר מאַן.

עשה ריח. ס'איז אַ מצוה אויפצוהענגען דעם, וועלכער שילט דעם נאָמען פון השם יתברך, ווער ס'דינט צו אַן אָפּגאָט קומט אויך טויט שטראָף דורך הענגען, און אזוי אויך אַלע וועלכע ווערען פאַראורטיילט צום טויט דורך פאַרשטיינען, זאָל מען זיי אויפהענגען נאָכדעם ווי זיי זיינען פאַרשטיינט געוואָרען.

לאו שיח. מ'טאָר ניט לאָזען דעם געהאַנגענעם איבערנעכטיגען אויף זיין תליה ביז מאָרגען פריה, אזוי אויך אַלע געשטאָרבענע מענשען, טאָר מען ניט האַלטען איבער נאַכט ביז מאָרגען, ווען דער מאָרגענשטערען געהט אויף.

עשה ריט. אַלע וועלכע האָבען באַקומען טויט שטראָף דורכ'ן בית דין, איז אַ מצוה דאָס מ'זאָל זיי באַערדיגען אין דעמזעלבען טאָג,

אויב מ'האט זיי באערדיגט ביינאכט, איז מען עובר אויף א מצות עשה, אויך אלע וואס שטארבען ביטאג איז א מצוה זיי צו באערדיגען ביטאג, אויב ער שטארבט ביינאכט, זאל מען איהם באערדיגען ביינאכט.

עשה רכ. ווער ס'געפינט א זאך וואס א איד האט פארלוירען, איז א מצות עשה אומצוקערען צום אייגענטימער, וואס ס'וועט פארלוירען פון א גוי, מעג עס דער געפינער האלטען פאר זיך, אויב ער גיט עס צוריק האט ער אן עבירה, ווייל ער מאכט שטארקער דעם גוי, אבער אויב ער גיט עס צוריק, ווען גרוים צו מאכען דעם אידישען נאמען, די גוים זאלען זעהן ווי ערליך אידען זיינען, מעג מען דעם אפגעבער ליבען דערפאר, דארט ווי ס'קען ארויסקומען א שאנדע, ווען דער גוי וועט אויסגעפינען, ווער ס'האט עס געפונען און באהאלטען פאר זיך, דאן מוז מען עס צוריקגעבען.

לאו שיט. ווער ס'זעהט א אידישע זאך איז פארלוירען, און לאזט עס זיין, מאכענדיג זיך ניט זעהענדיג, איז ער עובר אויף דעם לאו לא תוכל להתעלם. און איז ניט מקיים די מצות עשה פון השב תשיבם, און אויב ער האט נאך באהאלטען דאס פארלוירענע פאר זיך, האט ער ניט די מצוה פון השב תשיבם, און איז עובר אויפ"ן לאו לא תוכל להתעלם, און אויך אויפ'ן לא תגזול, אפילו ווען דער פארליערער איז א רשע, און עסט נבילות צו שטילען זיין הונגער, איז אויך א מצוה איהם אומצוקערען וואס ער פארלירט, אבער ווער ס'עסט נבילות להכעיס (צו דערצערנען השם יתברך) אדער ער דינט די עבודה זרה, אויך ווער ס'איז מחלל שבת בפרהסיא (מענשען ווייסען אדער זעהן ווי ער איז מחלל שבת) די אלע טאר מען ניט אומקערען וואס זיי פארלירען, גלייך ווי צו א גוי.

לאו שכ. ווען א אידישער אייזעל, אדער א אנדערע אידישע חיה, ווער ריידט נאך ווען א איד אליין, ליגט אונטער א לאסט ניט קענענדיג זיך אויפשטעלען, טאר מען זיי ניט לאזען ליגען און אוועקגעהן, אויף דעם זאגט דעם פסוק, לא תראה את חמור אחיך, ווער ס'געהט פארביי און לאזט זיי ליגען, ניט העלפענדיג זיי, איז ער עובר אויף צוויי מצות עשה, איינע פאר ניט ארונטערנעמען די לאסט, א צווייטע פאר ניט צוריק ארויפלייגען, אויך איז ער עובר אויף דעם לאו פון לא תראה, ס'איז ניט קיין אונטערשייד, סיי די לאסט איז צו שווער, אדער די בהמה קאן זיך ניט אויפשטעלען צוליב א אנדערע אורזאך, אויב ס'געהט פארביי א כהן און די בהמה ליגט אויף א בית הקברות, קאן ער דאך ניט געהן

העלפען, אָדער ער איז אַן אַלטער אָדער אַ קראַנקער, דאַן איז ער פּטור פון צו העלפען.

עשה רכא. ווער ס'זעהט אויפ'ן וועג אַ אידישע בהמה ליגען אונטער אַ לאַסט, ניט קענענדיג זיך אויפשטעלען, איז אַ מצוה ארונטער צו נעמען פון איהר די לאַסט, דאָס איז די מצוה פון עזוב תעזוב, אָבער ס'איז ניט גענוג, דאָס ער זאָל בלויז ארונטערנעמען די לאַסט און אוועק־געהן, נאָר ס'איז פאַראַן נאָך אַ מצוה, דאָס ווען די בהמה שטעהט אויף, זאָל ער העלפען צוריק ארויפלייגען די לאַסט, אויב ס'נויטיגט זיך אין הילף, ארונטערנעמען די לאַסט מוז ער בחנם, אָבער פאַר צוריק ארויפ־לייגען מעג ער זיך הייסען באַצאָלען, אויב נאָכדעם ווי ער האָט געהאָלפען ארונטערנעמען און ארויפלייגען, איז די בהמה ווייטער געפאַלען, מוז ער ווייטער העלפען, אפילו הונדערט מאָל מוז ער העלפען.

לאו שכא. אַ פרוי טאָר זיך ניט אָנקליידען, אין קליידער וועלכע ווערען אין דעם אָרט געטראָגען נאָר פון מענער, אָדער זאַכען וועלכע ווערען געטראָגען פון מענער אין מלחמה, אויך זאָלען פרויען ניט שערען זייערע האָר גלייך ווי מענער, וועלכע פרוי ס'איז עובר אויף דעם לאו קומט איהר מלקות.

לאו שכב. אַ מאַן טאָר ניט טראָגען פיעל פאַרביגע קליידער, פאַרשיידענע צירונג, אויב די זאַכען ווערען אין דעם אָרט געטראָגען נאָר פון פרויען, ווער ס'קלויבט אַרוים פון זיין קאָפּ אָדער באָרד, די ווייסע האָר פון די שווארצע, באַלד ווי ער האָט איין האָר ארויסגעקליבען קומט איהם מלקות, אזוי אויך אויב ער פאַרבט זיינע האָר שוואַרץ, באַלד ווי ער האָט איין האָר געפאַרבט קומט איהם מלקות.

לאו שכג. ווער ס'געפינט אויפ'ן וועג אַ פויגעלנעסט, און די מוטער פויגעל ליגענדיג, אויף אייער אָדער יונגע פויגעלעך, טאָר ער ניט נעמען די מוטער מיט די קינדער, סיידען ער שיקט אוועק צוערשט די מוטער אויף דער פריי, אויב ער פאַרנעמט די מוטער מיט די קינדער קומט איהם מלקות, אויב ער האָט צוערשט אַלע גענומען, און שפּעטער האָט ער אוועקגעשיקט די מוטער, איז ער פּטור פון מלקות, אויב ער האָט אַלע גענומען, און האָט געשאָכטען די מוטער, מעג מען די פלייש עסען אָבער איהם קומט מלקות, אויב די מוטער איז ביי איהם געשטאָרבען פאַר זיין אוועקשיקען איהר, קומט איהם מלקות, אויב ווער ס'איז האָט פון איהם צוגעכאַפּט די מוטער, און זי איז אוועקגעשיקט, אָדער זי איז אַליין אוועקגעפלויגען, קומט איהם מלקות, ווייל ס'שטעהט שלח תשלח דאָס מיינט, ער אַליין מוז איהר אוועקשיקען.

עשה רכב. ס'איז א מצות עשה, ראָס ווער ס'געפינט אויפ'ן וועג א פויגעלנעסט, און רי מוטער ליגט אויף איהרע קינרער, אויב ער וויל פארנעמען רי נעסט, מוז ער צוערשט אוועקשיקען רי מוטער אויף דער פריי, ווייל ס'שטעהט שלח תשלח את האם, דאָס מיינט צוערשט שיק אוועק די מוטער, און דאַן ואת הבנים תקח לך דאָס מיינט קענסטו נעמען די קינדער, אויב ער האָט די מוטער אוועקגעשיקט, און זי איז צוריקגעקומען, אזוי עטליכע מאָל, נאָך יעדען אוועקשיקען קומט זי צוריק, מוז ער אימער זי אוועקשיקען אָהן אַן ענרע, אויב ער וויל נעמען די מוטער און אוועקשיקען רי קינרער, מוז ער אוועקשיקען די מוטער, אויב ער האָט אוועקגעשיקט די מוטער, און נאַכהער האָט ער זי געפאַנגען, מעג ער זי באַהאַלטען, ווייל די תורה האָט נאָר פאַרזאָגט, מ'זאָל די מוטער ניט פאַנגען, ווען זי קאָן ניט אַוועקפליהען, ווייל זי וויל היטען איהרע קינדער, אָבער ווען ער האָט איהר אַוועקגעשיקט, און יעצט ווען זי איז ניט מעהר צוזאַמען מיט איהרע קינדער מעג ער זי פאַנגען, די מצוה פון אוועקשיקען די מוטער געהט נאָר אָן ביי פייגעל וועלבע מיר מעגען עסען.

עשה רכג. ס'איז א מצוה, דאָס יעדער אייגענטימער פון א הויז, זאָל ארומצאַמען דעם דאַך פון הויז מיט אַ וואַנט ניט נידריגער פון צעהן טפחים ( אייל מיט צוויי רריטעל) און די וואַנט זאָל זיין שטאַרק גענוג, מ'זאָל קאָנען זיך אויף איהר אָנשפאַרען און ניט אַרונטערפאַלען, דאָס איז נאָר געזאָגט וועגען אַ הויז, וועלכעס איז צום וואוינען, אָבער אַ האַלצקאַמער, אַ שפייכלער פאַר תבואה, אָדער אַ שטאַל פאַר בהמות, ברויך ניט קיין צוים אַרום דעם דאַך, אַ שוהל אָדער בית המדרש, אַ הויז וואָס האָט ניט די גרויס פיר איילען ביי פיר איילען, ברויך ניט קיין צוים אַרום דאַך, ווער ס'האָט אַ הויז און צאַמט ניט אַרום דעם ראַך איז עובר אויף אַ מצות עשה און אַ לא תעשה פאַר יעדע רגע באַזונדער.

לאו שכד. מ'טאָר ניט לאָזען רעם דאַך פון אַ וואוינהויז, צו זיין ניט אַרומגעצאַמט, מ'טאָר אויך ניט האָבען אין הויז קיין שום זאַך וועלכע קאָן פאַראורזאַכען אַ שאָרען אָרער געפאַהר צו אַ מענשען, ווי למשל אויב ס'איז פאַראַן אין הויף אַ ברונעם אָדער אַ גרוב, סיי ס'איז מיט וואַסער אָרער אָהן וואַסער, מוז מען מאַכען אַ צודעק אָדער אַרומצאַ־מען מיט אַ וואַנט ניט וויינינגער ווי צעהן טפחים הויך, מ'טאָר ניט האַלטען אין הויז אַ בייזען הונד אָרער אַ געשפּאָלטענעם לייטער א. ד.גל.

לאו שכה. מ'טאָר ניט פאַרזייען כלאי הכרם, וואָס איז בלאי הכרם? ווען מ'נעמט אין האַנד מיטאַמאָל, זאַמען צוזאַמענגעמישט פון דריי פאַרשירענע סאָרטען, צוויי באַזונדערע סאָרטען תבואה, ווי וויין

מיט קאָרן אָדער צוויי באַזונדערע סאָרטען גרינצייג, און די דריטע איז זאמען פון וויין, ווייל מיר לערנען, דער פסוק לא תזרע כרמך כלאים מיינט, זאָלסט ניט פאַרזייען דיין וויינגאָרטען צוזאמען מיט כלאים, און דאָס איז ווען ער נעמט צוויי באַזונדערע סאָרטען תבואה, די זיינען דאָך כלאים פאַר זיך אַליין, וועלכע מ'טאָר ניט פאַרזייען צוזאמען, אָדער צוויי סאָרטען גרינצייג, און אויב ער נעמט נאָך דערצו וויינזאַמען, הייסט עס דאָס ער פאַרזייעט אַ וויינגאָרטען צוזאמען מיט אַנדערע כלאים, קומט איהם צוויי מאָל מלקות, איינמאָל פאַר די צוויי סאָרטען תבואה, וואָס זיינען דאָך כלאים, און צווייטע מלקות פאַר די וויינזאַמען, וואָס צוזאמען מיט ערשטע צוויי איז עס דאָך כלאי הכרם, אָבער דאָס איז ניט אַנדערש, סיידען ער נעמט אַלע דריי סאָרטען זאמען אין האַנט און פאַרזייעט מיטאַמאָל, און אויך נאָר אין ארץ ישראל.

לאו שכו. אויב מ'האָט פאַרזייעט כלאי הכרם (זעה לאו שכה) און ס'האָט אַרויסגעוואַקסען, טאָר מען עס ניט עסען, און אפילו קיין הנאה ניט האָבען דערפון, סיי אַ איד האָט עס פאַרזייעט, סיי אַ גוי, סיי ס'איז פון זיך אַליין אַרויסגעוואַקסען, ווער ס'עסט דערפון קומט איהם מלקות, און דאָס אַרויסגעוואַקסענע מוז מען פאַרברענען, מ'טאָר אפילו ניט אויסברענען דעם אויוון דערמיט אָדער קאָכען ביי דעם פייער, ווען איינער געהט דורך אין אַ וויינגאָרטען, טראָגענדיג מיט זיך זאמען פון תבואה, און ס'זיינען פון איהם אַרונטערגעפאַלען זאמען אויף דער ערד, פון וועלכע ס'האָט אַרויסגעוואַקסען תבואה, מעג מען עס עסען, ווייל ס'שטעהט דאָך אשר תזרע, מיינט אויב דו וועסט פאַרזייען, און דאָ האָט ער דאָך ניט פאַרזייעט, ס'איז אַליין אַרונטערגעפאַלען, אָבער באַלד ווי ער האָט דערזעהן אַרויסוואַקסען תבואה, מוז ער עס אַרויסרייסען, אויב ניט ווערט עס אסור.

לאו שכז. ווער ס'אַרבייט מיט צוויי באַזונדערע סאָרטען בהמות אָדער חיות, איינע איז וועלכע מיר מעגען עסען די צווייטע איז וועלכע מיר טאָרען ניט עסען קומט איהם מלקות, סיי ער אַקערט אָדער זייעט מיט זיי, סיי ער האָט זיי אין וואָגען איינגעשפּאַנט צו פירען, אָדער ער האָט זיי איינגעשפּאַנט בלויז צו פירען צוזאמען, אָבער ווען ער האָט זיי נאָר בלויז צוזאמען געבונדען, און ניט געאַרבייט מיט זיי, ער האָט זיי אויך אפילו ניט געפירט, איז ער פטור. אַ מענש מיט אַ בהמה אָדער מיט אַ חיה מעגען אַרבייטען צוזאמען, אַ וואָגען אין וועלכען ס'איז איינ־געשפּאַנט אַ בהמה, טאָר מען ניט צובינדען צום וואָגען, אַ בהמה פון אַן אַנדער סאָרט נאָכצולויפען. ווייל ווען זי לויפט קען זי שטופען דעם וואָגען, ווערט דאָך דער וואָגען געפירט פון צוויי באַזונדערע בהמות.

לאו שכח. מ'טאָר ניט אָנקליידען קיין זאַך, וואָס איז געמישט וואָל מיט פלאַקס (לינען), אָבער נאָר וואָל וואָס קומט פון שעפסען און באראַנעס, ניט קיין שום אַנדערע, א שעפס וואָס איז געבוירען פון אַ ציג, אויב מ'טראָגט א קלייד געמאַכט פון די וואָל געמישט מיט לינען, קומט ניט קיין מלקות, אָבער דאָך טאָר מען עס ניט געברויכען, ווייל ווער ס'וועט זעהען און וועט ניט וויסען, דאָס דער שעפס איז געבוירען פון א ציג, וועט ער דענקען דאָס מ'מעג טראָגען קליידער געמאַכט פון וואָל מיט לינען, מ'מעג מאַכען קליידער פון געמישט וואָל מיט לינען, מ'מעג זיי אויך פארקויפען, מ'טאָר זיי נאָר ניט אָנטהון אָדער צודעקען זיך מיט זיי, ווייל דער צודעקען זיך, איז גלייך ווי ארויפנעמען אויף זיך, אָבער למשל ווען מ'מאַכט איין גיצעלט דערפון, מעג מען זיצען אינווייניג.

עשה רכד. ס'איז א מצוה, דאָס ווען א מאַן וויל הייראַטען א פרוי, זאָל ער פריער די פרוי פארהייליגען צו זיך דורך חופה און קידושין, דערמיט ווערען זיי ביידע פארבונדען אויפ'ן גאַנצען לעבען, און די פרוי ווערט אסור צו אַלע מענער פון דער וועלט א חוץ נאָר צו איהר מאַן, די קידושין מוז'ן זיין דערביי צוויי עדות, וועלכע זאָלען זעהען ווי דער מאַן גיט צו די פרוי געלד אָדער א זאַך וואָס איז ווערט ניט ווייניגער פון א פרוטה, די עדות זאָלען אויך הערען ווי דער מאַן זאָגט צו די פרוי הרי את מקודשת לי, דאָס מיינט דו זאָלסט זיין פארהייליגט צו מיר, ווי ס'איז דער געזעץ פון משה און ישראל, אויב ס'זיינען דערביי קיינע עדות ניט געווען, האָבען די קידושין קיין שום ווערט, כאָטש זיי ביידע זאָגען אז ס'איז געמאַכט געוואָרען רעכטע קידושין, האָט עס קיין ווערט ניט.

עשה רכה. אויב א מאַן האָט באַלד נאָך זיין הייראַטען ארויסגעלאָזט א קלאַנג, דאָס ער האָט געפונען זיין פרוי איז ניט געווען קיין ערליכע מיידעל צו דער התונה, און ס'איז באַוויזען געוואָרען, דאָס זיין קלאַנג איז געווען פאַלש, בלייבט זי זיין פרוי פאַר זיין גאַנצען לעבען, אפילו ווען די פרוי איז מיט א פעהלער, אָדער א קרעציגע, אויב אָבער זי וויל מיט איהם ניט בלייבען, מעג ער איהר געבען א גט, אויב ס'איז געוואָרען אויסגעפונען, דאָס די פרוי איז אויסגעלאַסען, אָדער זי איז א נאָהענטע משפחה מיט דעם מאַן, וואָס צוליב דעם, טאָרען זיי לויט נאָך דער תורה, ניט הייראַטען איינער דעם צווייטען, זאָל ער איהר געבען א גט, ווייל ס'שטעהט אין דער תורה ולו תהיה לאשה, לערנען מיר פון דאַנען, דאָס נאָר א פרוי וועלכע ער מעג הייראַטען, די מוז בלייבען זיין פרוי.

לאו שכט. נאָכדעם ווי ס'איז באַוויזען געוואָרען, דאָס ס'איז געווען פאַלש דעם מאַנס באַשולדיגונג, געגען זיין פרוי פאַר ניט זיין

א ערליכע מיידעל, און זי איז פארבליבען זיין פרוי, טאָר ער איהר קיינמאָל ניט גט'ן, אויב ער האָט איהר געגעבען א גט קומט איהם מלקות, און דער בית דין צווינגט איהם, איהר צוריק צו נעמען, אויב אין דער צווישענצייט פון זיין גט ביז צום צוריקנעמען, האָט איהר אַן אנדערער געגעבען קידושין, קען ער זי דאָך ניט מעהר צוריקנעמען, צוליב דעם צווייטענס קידושין, אָדער ווען זי איז דערוויילן געשטאָרבען, אָדער אויב ער איז א כהן, טאָר ער דאָך ניט צוריקנעמען זיין גיגעטע פרוי, דאַן קומט איהם מלקות, דערפאַר וואָס ער האָט איהר געגעבען א גט, אויב אָבער ס'איז געפונען געוואָרען, דאָס זי איז טאַקי ניט געווען קיין ערליכע מיידעל ווען זי האָט געהייראָט מיט דעם מאַן, קומט איהר טויט שטראָף סקילה (פארשטיינען).

באמערקונג: עשה רכה און לאו שכט ריידט זיך, ווי דער מאַן זאָגט, דאָס נאָכדעם ווי ער האָט איהר שוין געהאט געגעבען קידושין, האָט זי זיך איבערגעגעבען צו אַן אנדערען מאַן, דאמאָלס איז זי דאָך שוין געווען זיין ווייב, דאריבער קומט איהם טויט שטראָף (סקילה), און אויב ס'איז טאַקי וואר.

עשה רכו. ס'איז א מצוה צו פארשטיינען, אַלע וועלכע ווערען פון בית דין פאראורטיילט, צו ריזען טויט שטראָף (סקילה), ס'זיינען פאראַן אין דער תורה אכצעהן פון זיי, און צווישען זיי איז פאראַן א כלה, וועלכע מ'האָט איהר שוין מקרש געווען, נאָר זי האָט נאָך ניט געוואוינט מיט איהר מאַן, און זי האָט דערווייל געזינדיגט מיט א פרעמדען מאַן קומט זיי ביידען פארשטיינען.

לאו שכ. בית דין טאָר ניט באשטראָפען א מיידעל, אויב זי איז פארגוואלטיגט געוואָרען, אזוי אויך אַלע אנדערע וועלכע מ'האָט געצוואונגען צו טאָן אַן עבירה, כאָטש די עבירה איז פון די דריי, פאר וועלכע מ'מוז זיך לאָזען טויטען, און ניט טאָן די עבירה, און ער האָט יאָ געטהון די עבירה, פאר וועלכע ס'קומט איהם טויט שטראָף פון בית דין, דאָך זאָל איהם בית דין ניט טויטען, ווייל ער איז פאָרט געווען געצוואונגען.

עשה רכז. אויב א מאַן פארגוואלטיגט א מיידעל, אין די עלטער פון דריי יאָר מיט איין טאָג, ביז צוועלף יאָר מיט זעקס מאָנאט ווייניגער א טאָג, און זי איז געווען א בתולה, מוז ער געבען צום מיידעל'ס פאָטער, פופציג סלעים (זילבער שטיק) ריינע זילבער, דאָס באצאָלט ער קנס, און ער מוז איהר האַלטען פאר א ווייב, אויב דער מאַן וויל איהר ניט נעמען, און דער פאָטער מיט דעם מיידעל ווילען יאָ, דאַן צווינגט מען איהם, איהר צו נעמען און באצאָלען קנס די פופציג סלעים, כאָטש זי איז בלינד, הינקענדיג אָדער אנדערע פעהלער, צווינגט מען איהם צו נעמען איהר,

אָבער זי קריגט ניט קיין כתובה, ווייל די גאַנצע אורזאַך וואָרום די חכמים האָבען איינגעפירט דאָס יעדע פרוי מוז קריגען אַ כתובה, איז נאָר דאָס דער מאַן זאָל ניט קענען אַזוי לייכט אָוועקשיקען זיין פרוי, אָבער דער מאַן טאָר דאָך זיין פרוי קיינמאָל ניט אָוועקשיקען, דאַן ברויך די פרוי ניט קיין כתובה.

לאו שלא. ווען דער פאַרגוואַלטיגער האָט די מיידעל גענומען פאַר אַ ווייב, קען ער איהר קיינמאָל ניט געבען אַ גט., אויב ער האָט איהר געגעבען אַ גט, איז ער אַ ישראל, קען ער איהר צוריקנעמען און ס'קומט איהם ניט קיין מלקות, איז ער אָבער אַ כהן, טאָר ער זי דאָך ניט צוריקנעמען, ווייל זי איז דאָך אַ גרושה, קומט איהם מלקות, און נעמט איהר ניט צוריק.

לאו שלב. אַ מאַן וועלכער צוליב קראַנקהייט, אָדער אַנדערע אורזאַכען איז באַשטימט, דאָס אַ פרוי קאָן קיינמאָל פון איהם ניט פאַר־שוואַנגערין, טאָר ער ניט הייראַטען קיין אידישע טאָכטער, אָבער ער מעג הייראַטען אַ גויאישע טאָכטער, ווען זי איז זיך מגייר (זי נעמט אָן דעם אידישען גלויבען), אָדער אַ פרוי וועלכע מ'ווייס ניט ווער איהר פאָטער אָדער מוטער זיינען, ס'קען אויך זיין דאָס זי איז אַ ממזרת, אָבער אַ פרוי וועלכע מ'ווייס זיכער דאָס זי איז אַ ממזרת טאָר ער ניט הייראַטען.

לאו שלג. אַ ממזר טאָר ניט הייראַטען פון אידען, וועלכער איז אַ ממזר? אַ קינד וועלכער ווערט געבוירען פון עלטערען, וועמענס הייראַטען איז צוליב זייערע נאָהענטע פאַרוואַנדשאַפט, פאַרבאָטען פון דער תורה און אויב זיי הייראַטען קומט זיי די שטראָף כרת (זייער נפש ווערט אויס־געשניטען פון אידישען פאָלק), סיי דער קינד איז אַ זכר אָדער אַ נקבה, טאָרען זיי ניט הייראַטען צווישען אידען, אַ חוץ אַ קינד וועלכער ווערט געבוירען פון אַ נדה, דאָס מיינט, דער מאַן און פרוי זיינען געווען צו־זאַמען, ווען די פרוי האָט געהאַט איהר צייט, באַטש דערפאַר איז דאָך אויך די שטראָף כרת, דאָך מעג דער קינד הייראַטען צווישען אידען.

לאו שלד. אַ מאַן פון די פעלקער עמון אָדער מואב, וועלכער האָט זיך מגייר געווען (ער איז געוואָרען אַ איד), טאָר ער ניט הייראַטען אַ אידישע טאָכטער, אַנדערע גוים באַלד ווי זיי זיינען זיך מגייר, מעגען זיי שוין הייראַטען אַ אידישע טאָבטער, אָבער פון עמון און מואב, באַטש ווי באַלד זיי זיינען זיך מגייר רעכנען זיי זיך ווי אידען אין אַלע זאַכען, אָבער הייראַטען פון אידען טאָרען זיי קיינמאָל ניט ביז אייביג, אָבער נאָר די מענער פון עמון און מואב, טאָרען ניט הייראַטען מיט אידישע טעכטער, די אידישע מענער מעגען אָבער יאָ הייראַטען מיט

פרויען פון די פעלקער פון עמון און מואב, אזוי האט משה רבינו ע"ה גילערינט פון השי"ת אויפ'ן בארג סיני.

לאו שלה. ווען די אידען געהן מלחמה האלטען, מיט די פעלקער עמון אדער מואב, טאר מען צו זיי ניט שיקען פריער קיין פרידענס אנבאט, אזוי ווי מ'מוז שיקען צו אלע אנדערע פעלקער א פרידענס אנבאט, פאר דעם ווי מ'פאלט אן אויף זיי, און כאטש מ'טאר זיי ניט אנבאטען קיין פריעדען, דאך אויב עמון אדער מואב, האבען אליין פון זיך פריהער צוגעשיקט, צו די אידען בעטענדיג צו שליסען פרידען מיט זיי, נעמט מען עס אן, אבער די אידען טארען זיי ניט פריהער אנבאטען קיין פרירען אין צייט פון מלחמה, און געווים ניט אין צייט פון פרידען, טאר מען זיי ניט באגריסען מיט'ןווארט שלום, און מ'טאר זיי אויך ניט טאן קיין גוטע זאך ווי למשל, ניט מבקר חולה זיין (קראנקען באזוך) אדער אנדערע גמילות חסדים טאן פאר זיי.

לאו שלו. מ'טאר ניט דערווייטערען פון אידישען פאלק, די קינדער פון פאלק אדום, אויב זייער פאטער און זיידע האבען אנגענומען אידישקייט, און ער אליין איז אויך א איד, דאס הייסט דער דריטער דור, מעג מען זיך מיט זיי משדך זיין (אויסמישען זיך דורך הייראטען), נאר דער ערשטער און צווייטער דור זיינען פארזאגט ניט צומישען זיך מיט זיי, און דאס באציהט זיך סיי צו מענער, און סיי צו פרויען, ווייל דער פאלק אדום שטאמט פון עשו, וועלכער רעכינט זיך דיינער א ברודער.

לאו שלז. מ'טאר ניט אבשטויסען א מצרי, פון דריטען דור, דאס מיינט זיין פאטער און זיידע, און ער אויך האבען אלע אנגענומען דעם אידישען גלויבען, טאר מען זיי ניט דערווייטערין, ניט וועלענדיג זיך משדך זיין מיט זיי א. ד. גל. דער פסוק מיינט ניט חלילה צו זאגען, דאס די אידען מוזען זיך מיט זיי משדך זיין, דער פסוק זאגט אונז בלויז, דאס אויב איינער וויל זיך משדך זיין מיט א מצרי פון דריטען דור, איז עס ניט קיין איסור אזוי ווי ס'איז ביי עמון און מואב. ווייל מיר מוזען ניט פארגעסען דאס מיר האבען זיך אויפגעהאלטען אין זייער לאנד.

לאו שלח. ווער ס'איז אומריין, ניט ווייל ער האט זיך צוגערירט, צו אן אומריינע זאך, נאר ער איז געווארען אומריין פון זיין אייגע־נעם קערפער, ווי למשל ער איז געווארען א מצורע (א קרעציגער)), אדער ס'איז פון איהם ארויסגעקומען שכבת זרע (זאמען פליסיגקייט), זיבה (א אנדער פליסיגקייט), אדער א פרוי ווען זי האט איהר צייט, א געווי־נערין וועלכע האט זיך נאך ניט גערייניגט א. ד. גל., טארען זיי ניט קומען אויף דעם הר הבית, דער בארג וועלכער פירט צום בית המקדש, ס'רופט זיך מחנה לויה, אבער די וועלכע ווערען נאר אומריין, ווייל זיי

האָבען זיך צוגערירט צו אַן אומריינע זאַך, די מעגען קומען אויפ׳ן הר הבית לויט׳ן דין פון דער תורה, ווער ס׳רירט אָן אַ טויטען קערפּער, אפילו דער טויטער קערפּער אליין, מעגען קומען אויפ׳ן הר הבית, ווייל מיר זעהען דאָך, דאָס משה רבינו עליו השלום האָט מיט זיך געפירט דעם טויטען קערפּער פון יוסף הצדיק, און משה רבינו ע״ה איז דאָך געווען אין מחנה לויה.

עשה רכח. ס׳איז אַ מצוה ווען די אידישע ארמיי געהט אין קריעג, זאָל מען צוגרייטען אַ געוויסען אָרט, צו טאָן דעם מענשליכען געברויך, דער אָרט זאָל זיין ניט אין דעם לאַגער, נאָר אוועק פון לאַגער, ווייל ס׳שטעהט אין פסוק והיה מחנך קדוש, דאָס מיינט דיין לאַגער זאָל זיין ריין.

עשה רכט. ס׳איז אַ מצוה, דאָס יעדער אידישער ארמיי מאַן, זאָל טראָגען מיט זיך צוזאַמען מיט זיין געוועהר, אַ שפּיציגע שטיק אייזען, דאָס נאָכדעם ווי ער וועט האָבען געטאָן, דעם מענשליכען געברויך, זאָל ער מיט דעם אייזען גראָבען ערד, צום פאַרדעקען זיין ארויסגאַנג, און דער לאַגער זאָל ניט ווערען פאַראומרייניגט.

לאו שלט. אויב אַ גוישער קנעכט האָט געדינט אין חוץ לארץ (אויסער ארץ ישראל), און ער איז אַנטלאָפען פון זיין אייגענטימער נאָך ארץ ישראל, צו ווערען דאָרט אַ איד, טאָר מען דעם קנעכט ניט באַפּען, און איהם צוריק ברייגגען צו זיין אייגענטימער, כאָטש דער אייגענטימער איז אַ איד, נאָר דער אייגענטימער מוז דעם קנעכט באַפרייען, און אויב ער וויל איהם ניט באַפרייען, זאָל דער בית דין פון דעם קנעכט ארונטער־נעמען זיין קנעכטשאַפט, און ער קען אוועקגעהן פון זיין קנעכטשאַפט, אָבער דער קנעכט מוז געבען דעם אייגענטימער די געלד וויפיל ער האָט איהם באַצאָלט, אויב דער קנעכט האָט ניט קיין געלד, זאָל ער געבען אַ וועקסעל פאַר די געלד, און ווען ער וועט האָבען געלד, זאָל ער איהם באַצאָלען.

לאו שמ. ווען דער אַנטלאָפענער קנעכט באַזעצט זיך אין ארץ ישראל, און ער ווערט אַ איד, האָט ער די זעלבע רעכט ווי אַ גר צדק (אַ גוי וואָס ווערט אַ איד אין ערליכען וועג), מ׳טאָר איהם ניט אָפּנאַרען מיט קיין זאַך, דאָס מיינט אויך, ניט נאַרען איהם מיט רייד למשל, איהם ניט צו דערנידערן, פאַרשעמען א. ד. גל. נאָכוואָס האָט די תורה באַדאַרפט אָנזאָגען וועגען דעם באַזונדער? די זאַכען טאָר מען דאָך ניט טאָן צו קיינעם פון די אידען, און ער איז דאָך יעצט אויך אַ איד גלייך מיט אַלע אַנדערע? נאָר ווייל מיר ווייסען דאָס ער פיהלט זיך זעהר געפאַלען און נידריג ביי זיך, איז זעהר מעגליך מ׳זאָל איהם טאָן שלעכטס, דעריבער האָט די תורה צו געגעבען נאָך אַ באַזונדערען אָנזאָג מיט אַ לאו.

לאו שמא. א מאן וועלכער באנוצט א פרוי אין אן אויסגעלאסענעם
וועג, דאס מיינט אהן חופה וקידושין, איז ער עובר אויף דעם
לאו לא תהיה קדשה, א קדשה איז א פרוי וועלבע גיט זיך איבער צו
מענער אדער א מאן אהן חופה וקידושין, און ווייל צו ווערען א קדשה
קאן זי דאך ניט, סיידען זי זינדיגט מיט א מאן, דאן ווערט זי א קדשה,
און דער מאן מאכט איהר פאר א קדשה, דעריבער קומט זיי ביידען
מלקות, פון דעם לאו לא תהיה קדשה, וואס מיינט ס'זאל ניט זיין קיין
קדשה צווישען אידישע טעכטער, אבער אויב ער נעמט איהר מיט חופה
וקידושין, כאטש זי איז אן אויסגעלאסענע פרוי פון פריהער, איז ניטא
דער לאו, און אויב ער נוצט איהר אהן חופה וקידושין כאטש זי איז פון
אלעמאל אן ערליכע, דאך קומט זיי ביידען מלקות.

לאו שמב. א בהמה וועלכע איז א אתנן זונה, אדער א מחיר כלב,
טאר מען ניט ברייגנען פאר א קרבן אויפ'ן מזבח, וואס איז א
אתנן זונה? ווען איינער זאגט צו אן אויסגעלאסענע פרוי, איך גיב דיר
די זאך אלס באצאלונג פאר זינדיגען מיט דיר, סיי די זונה איז א גויאישע,
סיי א אידישע מיט וועלבע ער טאר ניט הייראטען צוליב פארוואנדשאפט,
אבער אויב די זונה איז ניט פארהייראט, און ער מעג איהר הייראטען,
איז איהר אתנן מותר צו ברייגנען פאר א קרבן, אויב א מאן גיט זיין
איינענע פרוי א באצאלונג, זי זאל זיין מיט איהם ווען זי איז אומריין,
באטש רערפאר קומט דאך ברת, דאך איז דער אתנן מותר, וואס איז מחיר
כלב? ווען איינער זאגט צום צווייטען נאדיר מיין שעפס, און דו גיב
מיר דערפאר דיין הונד, אדער ווען איינער פארטוישט א הונד פאר
מעהרערע בהמות אדער עופות, זיינען אלע אסור פון צו ברייגנען זיי פאר
קרבנות.

עשה רל. ס'איז א מצוה צו נעמען פראצענט פון א גוי, ווייל ס'שטעהט
אין פסוק לנכרי תשיך, דאס מיינט פון א גוי זאלסטו נעמען
פראצענט, מ'מעג אויך נעמען געבארגט פון א גוי, און איהם צאלען
פראצענט, ווייל ס'שטעהט לא תשיך לאחיך, דאס מיינט זאלסט ניט געבען
קיין פראצענט צו דיין ברודער מיינט א אידען, אבער צו אלע אנדערע
פעלקער מעג מען געבען פראצענט, דער פסוק מיינט ניט צו זאגען, דאס
ס'איז א מצוה צו בארגען געלט צו א גוי, בדי צו קאנען נעמען פון איהם
פראצענט, נאר אויב מ'האט געלט ביי א גוי, איז א מצוה צו נעמען
פון איהם פראצענט, אזוי ווי די מצוה פון ציצית, מוז מען ניט קויפען
א קלייד אום צו קאנען ארייגטהון ציצית, נאר אויב מ'האט א קלייד
מיט פיר עקען מוז מען ארייגטהון ציצית.

לאו שמג. א איד טאר ניט נעמען געבארגט געלט, אדער זאכען, פון א צווייטען אידען און איהם צאלען פראצענט, ווייל ס'שטעהט אין פסוק לא תשיך לאחיך, דאס מיינט זאלסט ניט מאכען, דאס דיין ברודער זאל דיך בייסען, אזוי ווי מ'טאר ניט נעמען געבארגט, און צאלען פראצענט, אזוי אויך טאר מען ניט אוועקבארגען קיין געלט אדער זאכען, און נעמען פראצענט פון א אידען.

לאו דמש. ווער ס'האט אויף זיך גענומען, מיט א נדר אדער א נדבה, צו געבען א בהמה צום מזבח, אדער ער איז שולדיג אנדערע קרבנות, געלד צום בית המקדש, מעשרות א. ד. גל. טאר ער ניט אויפ־האלטען פון באצאלען, מעהר ביז ס'געהן פארביי, די דריי ימים טובים פסח, שבועות און סוכות, אויף וועלכע אלע אידען מוזען קומען אין ירושלים, אויב די דריי ימים טובים געהן פארביי, און ער האט ניט געבראכט וואס ער איז שולדיג, איז ער עובר אויף דעם לאו פון לא תאחר.

עשה רלא. ס'איז א מצוה דורכצופירען, אלעס וואס מ'נעמט אויף זיך, ארויסרייִדענדיג מיט'ן מויל, למשל אויב איינער וועלכער איז ניט שולדיג קיין קרבן, אבער ער זאגט זיך ארויס, איך וויל ברייננען א קרבן, אדער ווען ס'שטעהט זיינע א בהמה און ער זאגט, די בהמה זאל זיין פאר א קרבן, אדער ער זאגט, וויפיעל מיין ווערט איז באשטימט אין דער תורה לויט מיין עלטער, אזוי פיעל געלד זאל איך געבען צום בית המקדש, אדער וויפיעל געלד איך בין ווערט, ווען מ'זאל מיר פארקויפען, אזוי פיעל געלד וועל איך געבען צום בית המקדש, איז אויף דעם מענש א מצוה, דאס באלד אין דעם ערשטען יום טוב קומענדיג נאך ירושלים, זאל ער געבען וואס ער האט צוגעזאגט, אויב ניט איז ער עובר, פאר ניט אבהיטען די מצוה פון מוצא שפתיך תשמור.

עשה רלב. ווער ס'דינגט אן ארבייטער צו ארבייטען ביי עסענווארג, וועלכע וואקסען פון דער ערד, זאל ער לאזען דעם ארבייטער עסען, פון דעם וואס ער ארבייט, סיי ער ארבייט ביי אפגעשניטענעם, סיי ביי וואס ס'איז נאך צוזאמען מיט דער ערד, ס'איז אן אונטערשייד, אויב ער ארבייט ביי אפגעשניטענעם מעג ער עסען, נאר אזוי לאנג, ווי ס'איז נאך ניט פארטיג, מ'זאל מוזען געבען דערפון מעשר, ווען ס'איז פארטיג צו מעשר טאר ער ניט עסען, און אויב ער ארבייט ביי וואס ס'איז נאך צוזאמען מיט דער ערד, מעג ער נאר עסען דאן, ווען זיין ארבייט איז אויסצופערטיגען, ווי למשל אפשניידען און אוועקלייגען, אן ארבייטער וועלכער שלאגט אויס פוטער, אדער וועלכער מאכט קעז, טאר ניט עסען דערפון, ווייל ס'וואקסט ניט פון דער ערד, און דאס איז געוויס, דאס די וועלכע היטען אין די גערטנער און פעלדער, טארען ניט עסען פון קיין

זאך, ווייל נאר די וועלכע ארבייטען מיט די הענד אדער פיס מעגען עסען.

לאו שמה. דער ארבייטער טאר ניט מיט זיך נעמען אהיים, פון דעם ביי וואס ער ארבייט, אויך ביי דער ארבייט טאר ער ניט נעמען מעהר ווי פיעל ער קען עסען, און אוועקגעבען צו אנדערע, ווייל די תורה האט נאר געגעבען דעם ארבייטער רעכט, צו עסען וויפיעל ער אליין ברויך צום עסען, אבער ניט צו נעמען אהיים, אדער געבען צו אנדערע.

לאו שמו. דער ארבייטער טאר ניט עסען אין צייט פון דער ארבייט, נאר נאכדעם ווי די ארבייט איז פארענדיגט, ווייל ס'שטעהט אין פסוק וחרמש לא תניף על קמת רעך, לערנען די חכמים פון דעם פסוק, דאס אזוי לאנג ווי דו ביזט באשעפטיגט מיט דער ארבייט, צו שניידען פאר דעם בעל הבית, זאלסטו ניט אויפהערען פון דער ארבייט, צוליב דעם וואס דו ווילסט שניידען, פאר זיך צום עסען פון דעם ביי וואס דו ארבייטסט.

עשה רלג. ווען א מאן וויל זיך שיידען מיט זיין פרוי, מוז ער איהר געבען א גט, ווי ס'שטעהט אין פסוק וכתב לה ספר כריתות ונתן בידה, די פרוי קאן אנדערש ניט ווערען געשיידען, סיידען נאר מיט א שריפט וואס זי באקומט, און די שריפט רופט זיך גט, צען זאכען זיינען פאראן ביי א גט, וועלכע זיינען די וויכטיגסטע הויפטזאכען פונ'ם גט, דאס מיינט ווען אפילו איין זאך פון די צעהן פעהלט, איז דער גט גאר קיין גט ניט, 1) דער מאן מוז געבען דעם גט מיט זיין אייגענעם ווילען, אויב ער ווערט דערצו געצוואונגען, דורך וואס ס'זאל ניט זיין איז עס קיין גט ניט, 2) ער זאל איהר גט'ן נאר שריפטליך און ניט מיט קיין אנדערע זאך, 3) אינ'ם שריפט זאל מען קאנען זעהן דייטליך ערקלעהרט, דאס דער מאן האט איהר גיגט, און שאפט איהר אפ פון אלע פארבינדונגען מיט איהם, 4) מ'זאל קאנען זעהן, דאס דער גט שניידט דורך, אלעס צווישען זיי ביידען, ניט איבערלאזענדיג די מינדסטע זאך הענגען אין דער לופט, 5) דער גט מוז זיין געשריבען אויסשליסליך נאר פאר דער פרוי, 6) דער גט מוז זיין געשריבען אויף א זאך, וועלכע מ'זאל קענען איהר געבען דעם גט, אזוי ווי ער איז, ניט ברויכענדיג דעם גט אפצושניידען פון אן אנדערע זאך, 7)מ'זאל איהר געבען דעם גט, 8) מ'זאל איהר געבען דעם גט פאר צוויי עדות, 9) מ'זאל איהר געבען דעם גט מיט דעם צוועק איהר צו שיידען, 10) און נאר דער מאן אדער ווער ס'ווערט געשיקט פונ'ם מאן זאל איהר געבען דעם גט.

לאו שמז. אויב די געג'טע (געשיידענע) פרוי, האט געהייראט מיט אן אנדערען מאן, אדער אפילו ווען דער צווייטער מאן האט איהר בלויז מקדש געווען, קאן דער ערשטער מאן איהר ניט מעהר הייראטען,

אויב ער האט איהר צוריקגענומען, קומט איהם מלקות און דער בית דין צווינגט איהם, ער זאל איהר אוועקשיקען, אויב די פרוי האט געזינדיגט מיט א מאן, נאכדעם ווי זי האט באקומען דעם גט פון דעם ערשטען מאן מעג ער איהר צוריק נעמען, אזוי לאנג ווי זי האט ניט באקומען קידושין פון קיין מאן.

לאו שמח. א מאן נאך זיין הײדאטען, טאר ניט דעם גאנצען ערשטען יאר ארויסגעהן אין מלחמה, מ'טאר איהם אויך ניט צווינגען צו געהן אין מלחמה, אדער צו טאן קריגס ארבייט, ווי צופירען שפייז צו דער ארמיי, צורעבט מאכען די וועגען, אדער היטען די שטאט געגען די שונאים, מיט איין ווארט ער טאר גאר ניט טאן, ניט פאר דער שטאט, אויך ניט פאר דער ארמיי, ווייל ס'זיינען אין פסוק פאראן צוויי לאוין, לא יצא בצבא ולא יעבור עליו לכל דבר, אויב ער טהוט עפעס פאר דער מלחמה איז ער עובר אויף צוויי לאוין.

עשה רלד. ווען א מאן הייראט א פרוי, איז אויף איהם א מצוה, צו בלייבען אין הויז דעם גאנצען ערשטען יאר, און פריילין מאכען זיין פרוי, דאס זעלבע איז אויך אויב ער נעמט זיין ברודערס פרוי, וועלכער איז געשטארבען ניט איבערלאזענדיג קיינע קינדער, ער טאר ניט אוועק פון זיין פרוי, אין דעם ערשטען יאר, פאר א לאנגע צייט, אפילו ווען זי דערלויבט איהם, אבער ער מעג אוועק אויף עטליכע טעג, וועגען א מצוה אדער צו זעהן זיך מיט פריינד, ווער ס'איז עובר און דערפרייט ניט זיין פרוי, ווייל ער געהט אין מלחמה, איז א חוץ וואס ער טהוט ניט די מצוה פון זיין אין הויז, איז ער נאך עובר אויף צוויי לאוין.

